STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04818

IKH LAKH MIT AYKH TSU 70

M. Tabatznik

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Ritta G. Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל טאַבאַטשניק

איך לאַך
מיט אײך
צו 70

I rejoice with you at 70

יובל־בוך
צום 70 יאָריקן
געבוירן-טאָג

אויגוסט 1965

די הכנסה פון בוך גייט לטובת
געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס
אין יאָהאַנעסבורג.

הומאָריסטישע דערציילונגען

●

מאָנאָלאָגן

●

איינאַקטערס

פון זעלבן מחבר:

„מענטש און זיין אַרום" — — — 1963

„אין שפּעטע שעהן" — — — 1965

Address : M. TABATZNIK
101 Cradock Heights, Rosebank,
Johannesburg, South Africa.

דאַנקזאגונג:

די דרוקעריי פון דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג" און דעם זעצער משה רינעצקי פאַר זיין טעכנישער הילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

שער בלאַט געצייכנט
פון א. בערי

Cover drawing by
A. BERRY

אַ פאַרענטפער-וואָרט פון מחבר.

מיינע ליבע לייענערס:

איך שרייב ניט, ווי אַנדערע מחברים טוען עס, אַ פאָר-וואָרט צום לייענער, נאָר אַ פאַרענטפער-וואָרט פון מחבר, אַ מין התנצלות פאַר אַ שרייבערישן חטא.

מיט מיין אָפנהאַרציקן ווידוי, בין איך אויסן אויפצו-שטעלן אַ שלום-בית און האַרמאָניע צווישן די לייענער און מיך, כדי איך זאָל האָבן אַ רואיקן געוויסן און איר זאָלט וויסן מיט וואָס פאַר אַ שרייבער איר האָט צו טאָן. אָבער קודם לווידוי וויל איך זיך פאַר אייך פאַרשטעלן און אפשר וועט עס אייך העלפן אָפּוועגן די שווערקייט פון מיין חטא.

איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין אַן אָרנטלעכער מאַן. קיין מאָל אין מיין לעבן האָט מען מיך ניט געכאַפּט ביי דער האַנט, ניט פאַר גניבה און ניט פאַר גזילה, ניט פאַר רישעות און ניט פאַר רציחות. אַ סימן האָט איר, און מיינע אַלע נאָענטע און אפילו ווייטע פריינד וועלן עדות זאָגן דערויף, אַז איך האָב נאָך קיין איין מאָל אין מיין לעבן זיך מיט קיינעם ניט געמשפּט, און ניט געווען אין געריכט, חוץ איין מאָל — ווען מ׳האָט מיך פאַרבעטן צו קומען דערציילן ווי באַנדיטן זיינען מיר באַפאַלן און אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז מ׳האָט מיך געמוזט נעמען מיט דעם אַמבולאַנס אין שפּיטאָל אַריין. און אָסור מיר אויב איך בין ווען געזעסן אין טורמע פאַר באַראַבעווען אָדער באַשווינדלען עמעצן.

* * * *

נאָר צוריקגערעדט: ווען כ׳וואָלט געוווסט אויף זי-כער, אַז איך קען באַגנבהנען אַ באַנק אָדער אַ קלויסטער, צי גאָר איינברעכן ערגעץ ווו און דערטאַפּן אַ פעטע קאַסע און ווערן אַ גביר מיט איין קלאַפּ און — מ׳זאָל מיר ניט כאַפּן ביי דער האַנט, זעט איר, וואָלט איך ניט שווערן פאַר

זיך אַליין. ביי אַלץ און אומעטום איז דאָך פאַראַן אַ שטיקל אָדער אַ גרעסערע שטיק יצר הרע — איז אפשר וואָלט ער מיך אַריבערגעצויגן אויף זיין זייט. נאָר אַזוי ווי איך בין געבוירן געוואָרן אַ שרעקעוודיקער, פונקט ווי מיין טאַטע-מאַמע, וואָס זיינען אויך געווען תמיד אין מורא פאַר נאַט-שאַלסטווע, קען איך זיך שוין ניט העלפן, האָב שוין אַזוי אָפּגעלעבט מיינע ערשטע 70 יאָר און וועל שוין ציען אַזוי ווייטער. אַ כלל זאָלט איר האָבן, אַז איינער וואָס האָט מורא וועט זיך סתם אין דער וועלט אַריין ניט אַריינלאָזן אין אַ שווינדל, אָדער ווערן אַ גנב.

אָבער לעצטנס, און דאָ קום איך צו מיין חטא, האָט מיט מיר יאָ עפּעס פּאַסירט: איך האָב ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און זיך אַ קאַפּעטשקע באַגנבהט — און וועגן דער גניבה וויל איך טאַקע מיט אייך ריידן און זיך אַראָפּ-ריידן פון האַרצן, מיינע ליבע לייענערס, און במילא קום איך אַזוי אַרום צום עיקר. טאָ הערט זיך צו:

מיין גניבה איז באַשטאַנען פון אַזוינע אַרטיקלען, וואָס פאַר דער מענטשהייט טויגן זיי אויף טויזנט כפרות, און פאַר יידן — אוודאי און אוודאי. ביי אונדז יידן האָט מען די דאָזיקע אַרטיקלען שוין לאַנג משלח געווען פון אַ „לייטיש הויז״, אַרויסגעוואָרפן אין קעלער און אפילו אין מיסט-קאַסטן אַריין, בין איך געקומען און האָב עס שטילערהייט אַרויסגענומען פון דאָרט, אַרומגערייניקט און אויסגעגלעט און האָב טייל פון זיי אויף דאָס ניי איבערגעניצעוועט, גע-מאַכט אַ נייע מאָדע און זיי זיינען ווידער „מיט לייטן גלייך״. האָב איך באַשלאָסן עס אייך אויסצוזאָגן, איידער איר וועט אָנהייבן לייענען דאָס בוך און אַליין זיך כאַפּן.

נו, יאָ, אוודאי האָט איר זיך שוין אָנגעשטויסן וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז — אַ יידישן לייענער דאַרף מען דאָך ניט צעקייען וואָס אַזוינס איך האָב געלקחנט: אמת,

אמת, איך האָב אַ ביסעלע באַגנבהט און היפּש צורעכט גע־מאַכט טעמעס, אַלטע טעמעס . . .

איך מוז מיך מודה זיין, כדי צו מילדערן מיין „פאַרברע־כן", אַז געגנבהט האָב איך נאָר פון עטלעכע גאָר ווייטע שרייבערס „קרובים" — אַמעריקאַנער יידישע הומאָריסטן. כ׳האָב זיך אָבער געהיט ווי פאַר פייער ניט צו לקחהנען חלילה פון די היגע, די אייגענע, די „סאַבסטווענע" הומאָ־ריסטן, וואָס וואָלטן מיר דורס געווען אין איין הרף עין. ווייל חוץ מיין שרעקעוודיקייט האָב איך אויך אַ גוטע נאַטור, איך ווייס אַז מ׳שלעפּט ניט פון אייגענעם טיש. איך האָב אויך געהאַט אין זינען אַז די אַמעריקאַנער וועלן עס אַזוי גיך ניט באַמערקן, און אויב אפילו יאָ — וועלן זיי מיר עס מוחל זיין און ניט גיין זיך לאָדן מיט מיר אין געריכט — נאָר דאָס פעלט מיר נאָך אויף דער עלטער. נאָך היינט, אַז איך דער־הער דאָס וואָרט פּאָליציאַנט דערמאָן איך זיך אָן היימישן סטראַזשניק, און אַז איך דערהער דאָס וואָרט „דזשאַדש" דערמאָן איך זיך אָן שטעטלשן „סודיא" און ס׳פאַלן מיר איין די דמים.

* * * *

נאָר אין גאַנצן מורא האָב איך ניט, מחמת כ׳האָב זיך פאַרזיכערט טאָמער נעמט מען מיר יאָ אין „קאָורט", דאַן וועל איך ברענגען פאַר עדות אונדזערע יידישע רעדאַקטוי־רים און שרייבערס אין דער מדינה. אויב עמעצער איז שול־דיק אין מיינע שרייבערישע גניבות, זיינען זיי דאָס טאַקע — זיי האָבן מיר דאָס געגעבן דעם היתר און געהאָלפן „צופּאַסן די שליסלען" צו די פרעמדע קאַסעס . . .

איצט, אַז איך האָב פאַר אייך געעפנט מיין האַרץ, מעגט איר שוין אויפבלעטערן דאָס בוך און אַליין זען ווי ווייט מיינע זינד גרייכן. אָבער נאָך אַלעם מוז איך פאַרזי־כערן מיינע לייענערס, למען האמת, אַז גאַנצע ניינציק

פראַצענט פון מיינע הומאָרעסקעס זיינען אייגנס, כשר-פאַר-האָרעוועטע שרייבערישע פראַצע. איך שאַץ אַז בלויז אַרום צען פראַצענט, כ׳האַב עס אַזוי געגנבֿעט ניט געמאַסטן, זיינען קאָנטראַבאַנדע פון מעבר לים ...

טאַ לייענט אייך געזונטערהייט און האַט הנאה, ווי עס ווינטשט אייך פון גאַנצן האַרצן דער ניט אין גאַנצן כשרער מחבר:

מ ע נ ד ל ט אַ ב אַ ט ש נ י ק

להתראות

אין דער נאַכט
פון מיינע 70

די לעצטע יאָרן האָבן יידן אָנגעהייבן זיך ווייניקער באַנוצן מיטן אַלטן דייטשמערישן אויף ווידערזען און אָנשטאָט דעם איז אַריין אין מאָדע דאָס העברעאישע וואָרט להתראות. איז עס שוין היינט קיין נאָווינע ניט, אַז ביים געזעגענען זיך ווינטשן זיך יידן צו אַ פריילעכן להתראות. פאַרט איינער אויף אַ וויטער נסיעה, אַ צווייטער — אויף אַ האָלידיי, און סתם באַקאַנטע און פריינד אויף שיידוועגן, ווינטשט מען זיך להתראות, אַז מען זאָל זיך, פריער צי שפּעטער, ווידער זען.

דאָס אַלץ איז אָבער גערעדט, אַז עס האַנדלט זיך בין אדם לחברו. ווי איז אָבער די מעשה אַז אַזאַ להתראות איז גאָר ניט בין אדם לאדם? אָט ווי אין מיין פאַל, אַז איין צד איז טאַקע אַ מענטש, אָבער דער צד שכנגד איז ניט קיין אַנדערער ווי דער בעל דבר אַליין, ער טאַקע — דער מלאך המוות בכבודו ובעצמו.

דאָס האָט טאַקע פּאַסירט מיט מיר, און דעם להתראות האָב איך געהערט פון דעם בעל דבר אַליין, אָבער פאַרשטייט זיך — נאָר אין חלום, ניט חלילה אויף דער וואָר. וויל איך דאָ פאַר אייך, מיינע ליבע לייענערס, דערציילן ווי אַזוי אונדזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען.

ווען איך האָב מיט מזל דערגרייכט דעם רונדן זיבעציקער, זיינען מיינע קינדער געוואָרן זייער צופרידן: ס׳טייטש, אַזאַ שימחה דערלעבט! האָבן זיי זיך צונויפגערעדט אין סעקרעט, ווי מ׳זאָגט, און מ׳האָט צוגעגרייט פאַר מיר אַ סורפּריז: אַ קליינע „פּאַרטי״. אפשר זיינען זיי גערעכט, ווייל וויפל מאָל אין לעבן אַ שטייגער ווערט עס אַ טאַטע 70 יאָר אַלט? אָבער אין סאַמע מיטן פון דער פּאַרטי האָב איך אַ ביסל קאַליע געמאַכט די גאַנצע שטימונג, הגם שלא בכוונה. און אַזוי איז עס געשען: ווען די קינדער האָבן מיר געבעטן אַז איך זאָל לכבוד זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָב איך זיי מיט מיין „ספּיטש״ ליידער אַנטוישט. און אָט וואָס כ׳האָב געזאָגט:

„וואָס איז דאָ די שימחה מיט מיר, מיינע ליבע קינדערלעך?״ האָב איך זיי געפרעגט. „לויט מיין מיינונג, אַז אַ מענטש דערגייט צו מיין עלטער, דאַרף אים שוין טרויער באַדעקן מער ווי פריידי, ווייל — אָט, אָט און ער איז שוין אין די נעגל פון בעל דבר... איך פאַרשטיי

אַז אַ קינדס געבוירן־טאָג איז טאַקע אַ שימחה, אָבער ווען איינער קריכט אַריין אין דער זיקנה איז וואָס איז דער יום־טוב דערביי?״

מילא, צי איך בין גערעכט אָדער ניט, דאָס בין איך ניט אויסן, נאָר אַזוי ריידנדיק און טראַכטנדיק יענעם אָוונט וועגן דעם בעל דבר, איז ווי נאָר איך האָב איינגעדרימלט: אהא, עמעצער שטייט שוין לעבן מיין בעט... און דאָ וויל איך איבערגעבן דעם דיאַלאָג צווישן יענעם און מיר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

ער (טאַרעט מיר אין זייט): היי, פעפער! ווייסט דו כאָטש ווער עס שטייט דאָ לעבן דיר?

איך (רייב די אויגן): הא? וואָס? ווער ביסטו? כ׳מיין, מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו ריידן און וואָס קען איך טאָן פאַר דיר?

ער: עפן שוין דיינע פאַרשלאָפענע אויגן, דאַן וועסטו אַליין זען — אַן איבעררַאַשונג וועט עס פאַר דיר זיין.

איך (קוק אַריין שטאַרקער אין דער טונקלקייט): כ׳ווייס נאָך אַלץ ניט ווער דו ביסט. אַ סברה, אַז כ׳האָב דיר קיין איין מאָל אין מיין לעבן ניט געזען אפילו.

ער: אוודאי האָסטו מיר ניט געזען ביז היינט, אָבער איצט קוק זיך גוט איין אין מיר און אויב דו וועסט מיר נאָך אַלץ ניט דערקענען, וועל איך זיך פאַר דיר פאַרשטעלן.

איך: ניין, איך הייב ניט אָן צו וויסן ווער דו ביסט.

ער: טאָ זיי זשע וויסן, אַז איך בין דאָס דער בעל דבר אַליין, טאַקע דער מלאך המוות. האָסט אַ גאַנצן אָוונט גערעדט און געטראַכט וועגן מיר — בין איך געקומען דיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

איך (דערשראָקן): ווייז איז מיר, אַזוי גיך? און ווילסט מיר טאַקע שוין נעמען? גלייך אויף אָן אָרט? וואָס איז די איילעניש?

ער: שרעק זיך ניט, ר׳ מענדל, איך בין נאָך ניט געקומען דיר נעמען.

איך: טאָ נאָך וואָס דען ביסטו געקומען אין מיטן דרינען?

ער: היינט איז עס נאָר אַ העפלעכקייט־וויזיט צו דיין געבוירן־טאָג.

איך: אַ דאַנק פֿאַר דייַן אינטערעס אין מייַן שׂימחה, אָבער דאָך בין איך אומרואיק.

ער: אָ, זיי ניט קיין שוטה, ר׳ מענדל, איך בין דיר נאָר געקומען מודיע זיין, אַז מאָרגן איז שוין נאָך דייַנע 70 יאָר... אָבער שרעק זיך ניט, ווייל אַזוי בין איך זיך נוהג מקדמונים: אַז אַ מענטש ווערט אַ בן שבעים, קום איך אים באַזוכן און דורך דעם דערמאָנען אַז ס׳איז שוין צייט זיך צוגרייטן, אָנהייבן מאַכן הכנות.

איך: וואָס מיינסטו מיט אָנהייבן מאַכן הכנות? הכנות צו וואָס?

ער (גוטמוטיק): מענדל קרוין, הכנות צו איבערפּעקלען זיך אויף יענער וועלט.

איך (שטאַמל): אָבער... איך פֿיל זיך נאָך ניט ווי צו גיין אַהין... טייערער מלאך המוות... איך באַקלאָג זיך ניט חלילה אויף דער וועלט... עס לעבט זיך מיר דאָ גאָרניט שלעכט.

ער: פֿרעג איך דיר דען, צי דיר לעבט זיך גוט אָדער שלעכט. עס איז ניט מייַן עסק. מייַן חוב איז נאָר צו דערמאָנען דיך, אַז דו זאָלסט אַ ביסל איינהאַלטן די לייצעס, אַ קאַפּעטשקע אָפּהאַלטן דייַן גאַלאָפּ און זיך אָנהייבן אַרומקוקן ווו דו האַלטסט אין דער וועלט.

איך: איז וואָס זשע דאַרף איך טאָן פֿון היינט אָן?

ער: דאָס איז ניט מייַן ביזנעס דיר אויסצודערציילן, איך בין ניט קיין אַדוואָקאַט. און אגב, דו אַליין ביסט שוין אויך ניט קיין יינגעלע, דאַרפֿסט עס שוין וויסן, צו 70.

איך (פּאַרדראָסיק): וואָלסט כאָטש זאָגן — ביז הונדערט מיט צוואַנציק!

ער (שטעלט אַרויס 2 רייען ווייסע ציין, וואָס לויכטן אין דער פֿינצטער, און לאַכט): דאָס וועלן מיר נאָך זען...

איך: אָלרייט, אויב ניט ביז 120, טאָ זאָל כאָטש זיין ביז 100, האָ?

ער (בייזלעך): הער זיך בעסער אויף צו דינגען מיט מיר, מענדל!

איך (נאָכגעביק): איך דינג זיך גאָר ניט, נאָר כ׳וויל דיר בעטן, פֿאַרשטייסט... אַ שטיקל פּראָלאָנגאַציע, ווייל כ׳בין נאָך ניט גרייט צו גיין מיט דיר — ניט איצט און ניט אין אַ פּאָר יאָר אַרום. איך האָב

דאָ נאָך אַ סך צו טאָן, פאַרשטייסט... איך האַלט נאָך אין רעכטן מיטן. כ׳ווייס, אין אַ דריי צענדליק יאָר אַרום, האָף איך, וועל איך זיך אַרומטאָן מיט אַלע מיינע ביזנעס, און דאַן וועל איך זיך שוין ניט לאָזן בעטן...

ער (מיט כעס): זע נאָר ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צערעדט. דו האַלסט נאָך אין רעכטן מיטן, האַ? און ווער פון אייך האַלט דאָס ניט אין רעכטן מיטן? איך האָב שוין גענוג דערפאַרונג מיט אייך, מיט אַלע מענטשן, אָבער בפרט מיט מיינע יידעלעך. צו וועמען פון אייך איך קום האָט קיינער קיין צייט ניט. רק איר האַלט אין רעכטן מיטן ביזנעס, איינער האָט גראָדע אויפגעעפנט אַ נייע פאַבריק, אַ צווייטער האַלט ערשט ביים פינפטן פלאָר פון אַ 10 שטאָקיקער געביידע, אַ דריטער איז גאָר אין רעכטן מיטן פון מאַכן פלענער פאַר אַ רייזע אַרום דער וועלט. אין מיין אייביקער פראַקטיק האָב איך נאָך ניט געהאַט אַ פאַל, אַז איינער זאָל אַ זאָג טאָן: איך בין גרייט! כ׳לעבן, שוין צייט באמת אויפצוהערן צו זיין אין רעכטן מיטן און אָנהייבן טראַכטן וועגן תכלית...

איך: אָבער פליעז, דיער מלאך המוות, יו סי, איי וווד סטיל לייק טו...

ער (טוט אַ פּאַטש רוגזהדיק מיט די פליגל, אזש איך דערפיל אַ פייערדיקן ווינט אין פנים): הער אויף צו בעבן אויף דיין אָקספאָרד לשון! אויף מיר מאַכט עס קיין ווירקונג ניט. דו רעגסט מיך נאָר אויף מיט דעם, מיאוסער באַרימער! דו צו מיר, מענדל, רייד אויף יידיש, אויף מאַמע־לשון, מיר דאַרפן זיך דאָך פאַרשטיין...

איך: טאָ זיי ניט אין כעס אויף מיר, איך בין דאָך ניט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער גאַנצער וועלט, כ׳וויל דיר בעטן נאָר פאַר זיך. ווייסטו גאָר וואָס עס פאַלט מיך איין, מיין טייערער מלאך המוות, איך וועל מיט דיר מאַכן אַ „באַרגיין״: לפחות איין יאָר איידער דו קומסט מיך נעמען גיב מיר נאָטיס. כ׳רעכן אַז אַ יאָר וועט מיר גענוג זיין זיך מכין צו זיין צו אַזאַ ווייטער נסיעה...

ער: כ׳לעבן, אַ באַשיידענער פאַרלאַנג פון אַ יידן. און מער ווי

דאָס ווילסטו ניט, האַ? (צערטלעך) ביסט אַ שוטה, מענדל לעבן, און אַ בעל העזה אויך דערצו (טוט אַ פּאַטש מיט די פליגל און אַ געשריי) להת־ר־אות!

און פון זיין געשריי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, אַן אויסגעבאָדענער אין אַנגסטן.

מ׳רעדט זיך
אַראָפּ פון האַרצן...

כ׳האָב אים גוט צורעכט געמאַכט

(מאָנאָלאָג פון אַ יידן אַ בעל ידים, וואָס האַנדלט מיט „סקרעפ״)

מענדל טאַבאַטשניק

(מאָנאָלאָג פון א יידן אַ בעל־ידים, וואָס האַנדלט מיט „סקרעפּ“)

ווילט איר טאַקע וויסן פאַר וואָס איך האָב דעם שלימזל אַריינגעפּאָרן אין די שיניים אַריין מיט אַ „זאַדאַטעק“ פון אַ בלוי אויג דערצו? איז מאַלע וואָס מען טערעבענצ׳עוועט אַריין אַ מאָל אַ יאָלד אין מאָרדע אַריין. איר זאָלט וויסן, אַז איך שלאָג ניט סתם אַ מענטשן אומזיסט — וואָלט מיר אַ שטייגער איינגעפאַלן איך צו צעברעכן די ביינער גלאַט אַזוי, אָן אַ פאַר וואָס? כ׳וויס, ווען מ׳איז מכבד איינעם מיט אַ מתנת יד, אַזאַ איינעם וואָס פאַרשטייט זיך ווי צו קירעווען אין אַ „פייט“, א נאַש בראַט, איז עפּעס אַנדערש. אָבער אַז איך בין פאַרפאָרן אַזאַ יאָלד, וואָס כ׳האָב מיט אים אויף מיין לעבן קיין טרונק בראָנפן ניט געהאַט, קיין מאָל מיט אים קיין ביזנעס ניט געהאַט — איז ווידער עפּעס אַנדערש. און מיט דעם האָט זיך עס נאָך ניט פאַרענדיקט, ווייל איך גיי אים נאָך נעמען אין „קאָרט“ און אים אַריינישבהנען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. איז וועט איר דאָך שוין אַליין פאַרשטיין, אַז מיסתמא האָב איך דערביי אַן אינטערעס. איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף אונדזערע יאַטן — מיר זיינען שוין פּראַקטיקאַנטן דערויף.

אָט, לאָמיר איך געבן אַ נאַפּרימער: וועל איך סתם אין דער וועלט, „דזשעסט לייק טהיס“, נעמען און דערלאַנגען נישילו, ניפּאלו אַן אָרנטלעכן מענטשן אַ זעץ אין ציפּערבלאַט אַריין, אַז יענער זאָל נעבעך זוכן זיין אייגענעם קאָפּ דריי שעה נאָך אַנאַנד? פרעג איך אייך: האָט עס אַ טעם? ערשטנס, איז דאָס ניט שיין און ניט לייטיש, און צווייטנס, וואָס וועל איך זיך גלאַט נעמען שלאָגן אַ יידן? אָט, „פּארינסטנס“, צו אייך — וואָס האָב איך צו אייך אַז עס זאָל מיר גאָר איינפאַלן אייך אָנצוהייבן שלאָגן?

איר הערט, אַזוי פיל גוטע, מזלדיקע יאָר אויף מיר מיט אייך צוזאַמען, וויפל מאָל כ׳האָב געדאַרפט דערלאַנגען און ניט דערלאַנגט, ווייל ניט אַלע מאָל ווילט זיך הייבן אַ האַנט.

איצט, אַז מיר זיצן שוין יאָ דאָ, וואָלט איך אייך וועלן דערציילן די גאַנצע מעשה פון טאָוול ביז טאָוול, און איר אַליין זאָגט אדרבה, אויף אייער אייגענעם סאָוועסט, ווער עס איז גערעכט — איך צי ער? כ׳מיין

טאָקע אים, דעם „נאָבאָדי״, דעם דענטיסט, דזשעק מייקל, וועמען כ׳האָב מרבד געווען מיט אַ פּאָרציע פינגער...

ווי איר וויסט, בין איך אַליין אַ „סקרעפּ־דילער״ איר זעט דאָך מיר יעדן טאָג פאַרבייפאָרן מיט מיין פערד־און־וואָגן אויפקלייבן אַ ביסל סקרעפּ. איך פאַרקויף עס און מאַך אַ לעבן. דאַנקען גאָט ביי קיינעם ניט פאַרנומען און לעב מיט לייטן גלייך. איך בין אַ מעמבער אין גרינעם בית מדרש, אַ מעמבער אין חברה קדישא און — ווו ניט? אַ דאַנק גאָט, אַבי מ׳קען „דערפאָדערן״. איז ווי איר זעט מיר, פאָר איך זיך מיר איין מאָל אַרויס גאַנץ פרי אויפן „ריף״ און פאַרנעם זיך אויפצוטאָן פאָרן טאָג אַ מאַיאָנטעק. נאָר ווי שטייט דאָרט געשריבן: אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט, האָב איך פלוצלינג דערפילט ווי ס׳הייבט מיר עפּעס אָן צו דראָטשן אַ באַקצאָן.

וואָס מיינט דאָס? טו איך ביי זיך אַ קלער. עפּעס אין אַ מיטן מיטוואָך און גלאָט פון העלער הויט אַ צאָן־ווייטיק? לאָך איך זיך טאָקע אויס פון אָנהייב און טראַכט זיך: עס איז נאַטהינג מיט נאַטהינג, ס׳וועט באַלד אַריבער, און טרייב דאָס פערדל ווייטער. ווייל וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען: איך בין שטענדיק געווען געזונט ווי אַ פערד. אויף מיין לעבן קיין קראַנקייט ניט געהאַט, און ציין ווייטיק — אוודאי ניט. נאָך היינט וואָלט איך אייך ווינטשן: חוץ מיין שאָדן אויף אייך געזאָגט געוואָרן מיין געזונט. בקיצור, פאָר איך מיר ווייטער און מאַך זיך ניט ווויסנדיק. אָבער מיט אַ מאָל האָט עס אָנגעהייבן אַזוי צו דראָטשען, אַז ס׳נעמט מיך פשוט פאַנאַנדער. ווי געפעלט אייך אַזאַ „סאַנעטייקעף״ (ונתנה תוקף)? שלעכט, מ׳עט מוזן פאָרן צוריק אַהיים.

איז ניט לאַנג געטראַכט און ניט געמאַכט קיין שהיות גיב איך אַ צי אַ לייצע נאַזאַד. וואָס זאָל איך אייך זאָגן: כ׳האָב אויסגעלאָזט כל חמתי צו מיין ברוינעם בולאַן. כ׳האָב גענומען דערלאַנגען מיט דער פּוזשאַלנע אין אַלע זייטן — האָט איר געדאַרפט זען ווי דער סוס האָט אַ צי געטאָן! כ׳זאָג אייך עק „ראַשיי״, ער פליט ווי אַ שפּאַרבער באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ, אַז עס איז געווען אַ קלאָג צו מיינע 70 יאָר: ווער

קאַרס, וואָס טראַקס, ווו באַסעס — ער שטעלט רגלים און האָט זיי אַלעמען אין דר׳ערד! און מיין ציין־ווייטיק איז גרויס, איך קריך פון די האַלאַבליעס, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען.

הכלל, ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און כ׳בין קוים אַ לעבעדיקער אריינגעפאַלן אין שטוב אַריין. פּערד און בייטש און שפּאַן אריינגעוואָרפן צו מיין יענטען (דאָ הייסט זי יעטע) — זאָל זי מיט דעם זיך עוסקן, און איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן מיט די שפּרייזערס מיינע צו מייקלען, מיין דענטיסט. מייק, טראַכט איך מיר, וועט מיר גוט באַהאַנדלען און די יסורים אָפּטויטן. נישקשה, אַן אייגענער יאָט, משה בערל דעם שניידערס אַ זונדל, אַ לאַנדסמאַן און אַ „ברודער" פון דער מינסקער סאָסייטע. צוזאַמען מיט מיין יינגל אין חדר געגאַנגען. מיט די מחשבות פאַל איך אַריין ניט טויט ניט לעבעדיק צו מייקן, ערשט, ווו, וואָס? צער זאָל איך האָבן מיין גאַנץ לעבן, אויב כ׳וואָלט ווען געזאָגט אַז דאָס איז מייק ?

איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַנדער מייק, עפּעס אַ גאַנצער יאַטעבעָ דאָם. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגע טשופּרינע, אַזוי ווי די היינטיקע חברה, ווי הייסן זיי דאָרט, די „ביטלס", און אַ פּאָר גלעזער האָט ער אַרויפגעזעצט אויף זיין שמעקער, ווי דער גרעסטער פּראָפעסאָר.

„האַלאָ, מייקל, וואָס מאַכסטו עפּעס ?" טו איך אים אַ פרעג.

טוט ער אַ הייב אויף זיינע „אויטאָמאָביל־גלעזער", מעסט מיך אָפּ מיט אַ קורצזיכטיקן בליק און טוט אַ מרוקע אונטערן נאָז: מממם... נאָר וואָס אַזוינס דאָס דאָזיקע מממ... באַטייט, בין איך קיין ייד ניט אויב איך הייב אָן צו וויסן.

„טו מיר נאָר, גוטער ברודער", זאָג איך, „אַ מאַטרע אין מיינע שיניים אַריין, וואָרעם איך פּלאָץ דאָ אויף אַן אָרט פון ווייטיק. עס רייסט מיר, ניט פאַר דיר געדאַכט, דער גאַנצער קאָפּ, סכנות נפשות".

הכלל, מיין מייקל מאַכט ניט קיין לאַנגע שהיות און באַזעצט מיר אויף אַזאַ הייכן שטול, און געוועז איז ער ווייך און מיט ספּרוזשינעס,

אַז ווי נאָר איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט איז מיר פאַרגעקומען ווי כ׳וואָלט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דייזשע ראָשטשינע. און איך טראַכט מיר דערביי, אַז מען שמירט — פאָרט מען.

דערווייל האָט מייקל גענומען אַרויפציען אויף זיך עפּעס אַזאַ מין לאַנגן פאַרטעך, וואָס די „נוירס״ האָט אים געהאָלפן פאַרקנ̇פּלען פון סאַמע האַלדז ביז צו די פּאַדעשוועס און ווי מיין ציין־ווייטיק איז גרויס, שטיקט מיר דאָך אין האַלדז אַ געלעכטער אויף דעם גאַנצן אָנשטעל פון מיין מייקלען. האַלט איך זיך איין, ניט אויסצושיסן מיט דעם פאַרשטיקטן געלעכטער אים אין פּנים אַריין און קלער ביי זיך: אַט איז דאָס אַ ביסל אַ ריזיקע, אַ ביסל אַן אָנשטעל, ווי ער האָט זיך דאָס אויסגעסטראָי̇ט אין לאַנגן כאַלאַט צוליב עפּעס אַ שטיקל צאָן! ער וועט שוין זיין דער אמתער „בעל־מלאכה״, ניט ווי זיין טאַטע, בערל דער שניידערוק. און איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, מיין פריינד, ווען איך דערזע אַזאַ מין ווייסע חיה אין תכריכים ווען איך בין ביינאַכט אַליין אין וועג, זאָל איך אַזוי אַ טאַטע זיין צו מיין יאַטל, ווי איך צעפּאַלמעס אים און צ̇עקנאַק אים מיטן בייטש־שטעקל ווי אַ שחורדיקן. קען זיך דען ניט טרעפן ביינאַכט אַזאַ באַגעגעניש מיט אַ ווילדער ווייסער בריאה?

אַ קיצור, מיין מייקל פאַרקאַטשעט די ווייסע אַרבל, ווי ער וואָלט זיך גרייטן צו אַ „פּיט״, און דערלאַנגט אַ שלעפּ צו מיר, האַרט ביי מיין פּנים, עפּעס אַזאַ הענגענדיקע מאַשין, פּונקט ווי מיין פערד ציט ד̇עם וואָגן. דאַן טוט ער אַ דריי אויף דאָס קנעפּל פון עלעקטרישן ליכט גלייך מיר אין די עיניים אַריין, אַזש כ׳האָב גענומען פינטלען מיט די אויגן, ווי אַ הון בין מינחה למעריב.

ערשט האָט ער מיך גענומען באַטראַכטן פון אַלע זייטן. ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין זילבערן העמערל אין מיין צאָן, אַז מיר איז פאַרגאַנגען דאָס חיות, דאַן האָט ער אַרומגעטאַפּט די יאַסלעס. מיר טוט טאַקע וויי, אָב̇ער איך טראַכט ביי זיך בשעת מעשה: פערד איינער, ער טוט עס דאָך צוליב דיין געזונט, ער איז טאַקע דער אמתער דאָקטער,

ניט קיין פּראָמאַך. ער האָט אַריינגעקוקט מיר אין מויל אַרייַן, ווי ער וואָלט געציילט מיינע ציינער, און טוט אַ זאָג פּאַוואָלינקע:

„דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, איך בין געקומען צו דער „קאָנקלוזשן" אַז דיין צאָן איז אַ פֿאַרפֿוילטער און מ׳ײַן מוז אים פֿאַר־פּלאָמבירן". און ער הייבט ווידער אַרויף זיינע גרויסע ברילן אויפֿן שטערן, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַמעריקע.

קען איך זיך שוין ניט איינהאַלטן און גיב אַ שאָס אַרויס מיט דיבור:

„טאָ פּלאָמביר, גוטער ברודער, וואָס פֿרעגסטו „קאַטשאַנעס", וואָס? אַרבעט", זאָג איך, „אַבי ראַטעווע מיך. וואָרעם", זאָג איך, „איך זיץ דאָך אין געהאַקטע ווונדן. איך פֿיל אַז איך בין אויס מיט דער קאַפּאָטע און מיט די לייצעס", זאָג איך אים.

און מיין מייקל פֿוילט זיך טאַקע ניט און שלעפּט צו גלייך מיר אויף דער נאָז די זעלבע מאַשין און טוט אָן אַ בויערל אויף דעם רעדל און נעמט מיר דרעלעווען דעם צאָן, אַז ס׳ האָבן מיר גענומען פֿליען האַלאַוועשקעס פֿאַר די אויגן. און כ׳פֿיל ווי מייקל צעשוויצט זיך אַלץ מער און גייט אַריין אין אימפּעט. ער סאָפּעט ווי אַ גאַנדז און מיט דער פֿוס דרייט ער דאָס ראָד פּונקט ווי אַ שלייפֿער. זיץ איך אין געהאַקטע ווונדן און פֿיל אַז די וועלט עקט זיך — איך וועל בלייבן ביי אים אונטער די הענט, אָט ווער זיך גאָר אַ בר־מינן. טו איך זיך אָן אַ כּוח און גיב אים אַ ווונק אַז ער זאָל סטאָפּן:

„ווען וועט דאָס נעמען אַ סוף?" פֿרעג איך אים מיט אַ זיפֿץ.

„ווען וועט נעמען אַ סוף?" חזרט ער איבער מיין פֿראַגע קאַלט־בלוטיק אוןווישט זיך בשעת מעשה דעם שווייס פֿון שטערן. „אַ סוף וועט נעמען דאַן, ווען איך וועל באַקומען דעם נערוו". און ער ציילט זיינע ווערטער ווי גאָר אַ גרויסער פּראָפֿעסאָר בשעת אַ לעקציע: „פֿאַרשטייסטו מיך, יעדער צאָן האָט אַ נערוו, ווי יעדער מענטש האָט אַ נשמה, דעריבער דאַרף מען אַזוי לאַנג דרעלעווען ביז מען באַקומט דעם נערוו, אָבער ווי נאָר איך וועל דעם נערוו באַקומען, וועל איך קענען פֿאַרפּלאָמבירן. איצטער פֿאַרשטייסטו?"

„אויב אַזוי, ברודערקע, ביסטו דאָך גאָר קיין יאָלד ניט", זאָג איך

אים, „אויף נאמנות, קענסט דאָך באַקומען די נשמה אויך, האַ? טאַ דרעלעוועט ווייט־ער, אַבי ראַטעווע״.

אָבער אַז ער הייבט ווידער אָן צו דרעלעווען, דערפיל איך אַז אָט באַלד פאַל איך אין חלשות, כ׳בין אויס מענטש, נאָר איך האַלט זיך איין מיט מיינע אַלע כוחות און וואַרט אַז מייקל זאָל באַקומ־ען דעם נערוו. נאָר פלוצעם גיט זיך מייקל אַ שטעל אָפּ, טוט אַ שטופּ פון מיר די מאַשין און גלאָצט אויס אויף מיר אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, און קאַלט, ווי נאכע, טוט ער זיך אַזוי אַ זאָג צו מיר:

„דו וויסט״, זאָגט ער, „וואָס איך בין דערגאַנגען, אַז דיין צאָן איז אין גאַנצן צעפוילט און פול מיט לעכער און מען קען אים גאָר ניט פּלאָמבירן. דאָס איינציקע וואָס איך וואָלט דיר אָן עצה געבן — אים אין גאַנצן אַרויסנעמען״.

אָט ביי די ווערטער זיינע, זעט איר, בין איך שוין אַרויס פון די כלים:

„ס׳טייטש, מייקל״, זאָג איך מלא רציחה, „דו האָסט דאָך גאָר ניט קיין גאָט אין האַרצן! אַזוי פיל״, זאָג איך, „געדרע־לעוועט, שוין מיסתמא כמעט באַקומען דעם נערוו און כ׳בין שיעור ניט געוואָרן אַ בר מינן אונטער דיינע ידים, און דאַ געפינסטו מיט אַ מאָל אויס אַ נייע צרה, וואָס איז דער מער מיט דיר?״

שמייכלט ער גאָר. און איך דערפיל אַז די טריפענע יוכע קאָכט אין מיר: אָט הייב איך אויף מיין האַנט און מאַך פון מייקלען אַ האָן. נאָר איך האַלט זיך איין מיט די לעצט־ע כוחות און שריי אים אויס אין פּנים אַריין:

„טאַ נעם שוין, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ני־ם שוין אַרויס דעם צאָן און זאָל שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל נעמען אַ סוף צו די יסורים״.

טוט ער טאַקע גלייך אַ פּאַרפּאָר מיט זיין צוואַנג מיר אין מויל אַריין און איך דערזע דעם זיבעטן הימל... פייער און פלאַם... ווי האַלט מען עס אויס?... נאָר אָט איז שוין גאָט צו דאַנקען דער צאָן אַרויסגע־נומ־ען, און איך באַיושע זיך מיט בלוט, ווי אַ חזיר. כ׳וואַרף אַ בליק אויף מיין בעל־דבר, זען צי ער איז צופרידן מיט זיין מלאכה, און עס ווערט

מיר פינצטער אין די אויגן: שלעכט, ער האַלט צווישן די פינגער אַ ליכטיק ווייסן צאָן און אַליין איז ער בלייך ווי קאַלך, אויס מענטש. זע איך דאָך שוין די בראָך, פינצטער איז מיין וועלט: ניטאָ קיין לאָך!

„מייקל", מאַך איך אַ גוואַלד, „דו האָסט דאָך געדרעליעוועט דעם צאָן, טאָ ווו איז די לאָך? ווו איז די לאָך, מייקל ?!"

און מייקל ציטערט אין גאַנצן און קוים וואָס ער שטאַמלט:

„די ללאָך? עססס איז דאָך נניט דער זעלללבער צאָן".

אָט דאָ זעט איר האָב איך שוין פאַרלוירן די לייצעס און כ'האָב צונויפגעלייגט מיין בינטל פינגער און כ'האָב עס אים צוגעטראָגן גלייך אין פאַרטרעט אַריין, אַז ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין זיינע לאַמטערנעס און מ'האָט געדאַרפט גלייך אַריינרופן זיינעם אַ דערבייאיקן קאָלעגע, אַ דענטיסט. און איצט גיי איך נאָך לייגן אויף דעם יאָלד אַ „טשאַרדזש", ווי מ'פלעגט עס ביי אונדז רופן: אַ דיעלא צום סודיא — די סטאַטיא: „דעמעדזשעס" פאַר אַ באַקצאָן".

אַזוי האָט מיין מייקל געכאַפּט אין מאָרדע אַריין, אַזש ער האָט פאַרלוירן זיינע אויטאָמאָביל־גלעזער, און איצט וועט ער נאָך ביי מיר זיצן אין קוטשומעַנט אויך.

טאָ זאָגט, מיין פריינד, בין איך גערעכט צי ניין? סתם אַזוי שלאָג איך ניט.

אַ געראָטענער
שלים־שלים־מזל

אַז גאָט האָט באַשאַפן אַ סך שלים־מזלס איז דאָך אַ דבר ידוע. פרעגט זיך: צו וואָס דאַרף ער אַזוי פיל שלים־מזלס אויף דער וועלט? נעכיי וואָלט ער באַשאַפן מער מזלדיקע מענטשן! איז דווקא און ווי אויף צו להכעיס פלאָדיען זיך די שלים־מזלס פיל מער ווי די מזלדיקע. און ווערט מען חלילה געבוירן אַ שלים־מזל העלפן שוין ניט קיין חכמות, קיין למדנות, ביסט שוין אויף דער וועלט אַ געפיקסטער, אַ „מייד מען".

ביסטו אַ קינסטלער, אַ שוישפּילער, אַ שרייבער, ווענדט זיך ווי אַזוי דו ביסט געבוירן געוואָרן: האָסטו מזל דאַרפסטו ניט זיין קיין גרויסער קינסטלער, קיין גרויסער מוזיקער, קיין גרויסער שרייבער און קיין גרויסער אַקטיאָר. דיין מזל וועט דיר שוין אַרויפשלעפּן אויפן העכסטן שטאַפּל פון לייטער און דו לאַכסט שוין דעמלט פון אַלץ און פון אַלעמען. ביסטו אָבער געבוירן געוואָרן אַ שלים־מזל, קענסטו זיין דער גרעסטער שרייבער, דער גרעסטער אַקטיאָר, דער גרעסטער סקולפּטאָר אָדער מוזיקער, וועט דיר שוין דיין שלים־מזל פאַרשטעלן דעם וועג וווהין דו וועסט זיך קערן און ווענדן.

ווער רעדט נאָך אין מיסחר, קען איך אייך פאַרזיכערן אַז אָן אַ ביסעלע מזל זייט איר אַ פאַרפאַלענער. איר קענט זיין קלוג, פעאיק און געראָטן, אָבער עס וועט אייך שוין קיין זאַך ניט העלפן. צו וואָס נאָר איר וועט זיך נעמען וועט אייך גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. און כדי איר זאָלט זיך איבערצייגן אין דער אמתדיקייט פון מיין פילאָזאָפיע, טאָ נעמט זשע אַ ביישפּיל טאַקע פון מיר אַליין.

אַ מענטש אַ גערעטעניש

פאַר קיין בעל מלאכה האָט מיין טאַטע מיר ניט געמאַכט. „אַזאַ יונגאַטש, אַזאַ גערעטעניש, וועט שוין דורכמאַכן זיין וועלטל טאַנצנדיק," אַזוי האָט מיין טאַטע נביאות געזאָגט. איז אַז איך האָב מיט מזל חתונה געהאַט און מיין שווער האָט זיך מתחייב געווען מיר צו געבן דריי יאָר קעסט, בין איך פונדעסטוועגן ניט געזעסן פאַרלייגט די הענט. ווייל ווי איר קוקט מיך אָן בין איך פון דער נאַטור אַ רירעוודיק מענטשל און

איך האַלט פון דעם פסוק: מלאכה־אַרבעט! "אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס". און אויב ניט מלאכה, איז מסחר אויך אַן ענין.

איז אַט וועל איך אייך אויסרעכענען אַלע מיינע מלאכות און מסח־רים לויט די יידישע ימים טובים נאָך:

● ערב ראש השנה פלעג איך ווערן אַ טאַפּעצירער: איך פלעג אין דער ווייבערישער שול אַרויפקלעפּן צעטלען מיט די נעמען אויף די בענק, כדי די ווייבער זאָלן זיך, חלילה, ניט פאַרבייטן מיט זייערע ערטער. וואָרום עס וואָלט דאָך געווען אַ חילול השם, אַז יענטע די אַרבעסניצע זאָל זיצן אַקוראַט לעבן דבורה לאה דער גבאיטע.

איז וואָס זשע מיינט איר האָב איך דערפון געהאַט? וואָסער אויף קאַשיַן!

● אַז עס פלעגט קומען ערב יום כפור, פלעג איך איבערלאָזן מיינע צעטלען קלעפּן און ווערן „אַ פינאַנס מיניסטער": — איך פלעג זיך אַוועקשטעלן אין בית המדרש, אין פּאָליש, מיט אַ טעלער, לעבן שמש קטן און וואַרטן ביז עמעצער פון די בעלי־בתים וועט אַריינוואַרפן אַ קאָפּיקע אין טעלער. ווענדט זיך וואָס פאַר אַן ערב יום כפור עס איז געווען: האָבן יידן אַ גאַנץ יאָר שטאַרק געזינדיקט, פלעגן די מטבעות אין טעלער וואַקסן. האָבן זיי אָבער אַ גאַנץ יאָר ווייניקער געזינדיקט, איז שוין דער טעלער כמעט ווי ליידיק געבליבן.

● ערב סוכות בין איך געווען איינער פון די גרעסטע אַרכיטעקטן ביי אונדז אין שטעטל. מיין סוכה וואָס איך פלעג אַליין פּלאַנעווען, דעזיינען און אויפבויען האָט געהאַט אַ שם דבר, אָבער קיין צו גרויסע גליקן פון מיין אַרכיטעקטור האָב איך ניט געמאַכט.

● שמיני עצרת האָב איך זיך פאַרנומען צו קאָנקורירן מיט ווי־סאָצקין. וויסאָצקי פלעגט רייסן טיי און איך פלעג רייסן הושענות. און ניט געקוקט אויף דעם וואָס פון די הושענות פלעגט גראָדע עפּעס אַריינפאַלן, ווייל מיינע הושענות זיינען געווען פון די בעסטע ריטער, האָט אָבער וויסאָצקי געמאַכט אַ גאַנץ פיינעם לעבן און איך בין אַלץ געבליבן אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס.

● שמחת תורה איז ביי מיר געוואָרן אַ „בראָנפן געשעפט". יידן

פלעגן זיך אָנשנאַשקען און איך פלעג אויפקלייבן די ליידיקע פלעשער, אויסזשלאָקן דאָס איבערבלייבעכץ און פאַרקויפן די פלעשער. אָבער קיין צו גרויסע גליקן האָב איך דערפון אויך ניט געמאַכט.

● נאָך די ימים טובים פלעג איך האַנדלען מיט אויסלאַנד: אונדזער שטעטל האָט געהאַט אַ שם פאַר פעטע גענדז, וואָס די ווייבער פלעגן האָדעווען. פלעגן סוחרים אַראָפּקומען איינקויפן גענדז און איך פלעג די גענדז טרייבן צום באַן.

● חנוכה פלעג איך קאָנקורירן מיטן דייטש קרופּ. קרופּ פלעגט אויסגיסן קוילן און האַרמאַטן פאַר מלחמה־צוועקן און איך פלעג אויסגיסן פון בליי דריידלעך, אַז קינדער זאָלן קענען שפּילן אין חנוכה דריידלעך און דעררבײַ גאָר נשקשהדיק פאַרדינען...

● דערפאַר פורים, זעט איר, איז קיינער צו מיר גלייך ניט געווען. פורים פלעג איך ווערן אַ גרויסער עקספּעדיטאָר. איך פלעג צעטראָגן שלח מנות אין די רייכסטע הייזער און טאַקע דערבײַ אָפּלעקן אַ ביינדל, און איך שווער אייך, אויף מיינע נאמנות, אַז ווען אַלע טאָג וואָלט געווען פורים, וואָלט איך ראָטשילדן אויסגעטרייסלט פון קעשענע, ווייל איך, פאַרגעסט ניט, האָב דאָך געהאַט אומזיסטע קעסט.

● ערב פסח פלעג איך ווערן אַ פאַדריאַטשיק. איך פלעג זיך פאַרדינגען אין אַ פאַדריאַד ווו מען באַקט מצה, פאַר אַ רעדלער, אָדער פאַר אַ זעצער און קוים מאַכן אויף מצה־וואַסער.

● נאָך פסח פלעג איך ווערן אַ בוכהאַלטער: איך פלעג ציילן ספירה, לייגן די ציינער אויף דער פאַליצע און זיך קוים דערוואַרטן אויף ל״ג בעומר, ווען איך פלעג אַ קאָנקוריר טאָן מיט דאַנציקערן פון ריגע — ער, דאַנציקער, פלעגט פאַרבן וואָל, און איך פלעג פאַרבן אייער.

● פאַר שבועות פלעג איך ווערן אַ פאַבריקאַנט: איך פלעג אין ליידיקע שאָלעכצן פון אייער אַרײַנשטעלן הינערשע, אָדער גענדזענע פעדערן און דערפון מאַכן פייגעלעך צו באַפּוצן די הייזער. חוץ דעם פלעג איך אויך ווערן אַ צושטעלער פון „אייר״, צו פאַרשפּרייטן אויף די פאַדלאָגעס אין די הייזער און אין די בתי מדרשים.

● און פון די אַלע פרנסות פלעג איך האָבן גענוג אויף נאָך שבו־עות צו פאָרן מיט מיין ווייב אויף „דאַטשע". די דאַטשע פלעגן מיר פראַוון אין אַ סאָד, וואו איך פלעג זיך פאַרדינגען פאַר אַ היטער און שלאָפן פלעגן מיר אין בײדל.

איז ווי איר זעט האָבן מיר קיין פרנסות ניט געפעלט, אָבער איר ווייסט דאָך ווי מען זאָגט: „אַז פון די אַלע גליקן איז ניט געווען וואָס צו פיקן", ביז איך בין געקומען אין אַפריקע.

געזאָגט האָט מען אויף מיר נביאות, אַז איך וועל דאָ, אין דעם לאַנד, מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש. אַ קלייניקייט, אַ מענטש מיט אַזוי פיל טאַלאַנטן? אָבער ווי זאָגט מען, אַז עס איז ניטאָ קיין מזל, איז מיר דאָ אויך דער שלים־מזל פאַרלאָפן דעם וועג. און ווו איך האָב זיך נאָר אַ קער געטאָן האָט ער מיר באַגעגנט ווי אַן אַלטן גוטן ברודער. איך באַקלאָג זיך ניט, חלילה, אויף מיין דאָליע. ערשטנס האָב איך מיטן רבונו של עולם ניט געמאַכט קיין קאָנטראַקטן, אַז עס מוז מיר דאָס גאַנצע לעבן גיין פייגלדיק. „אַמאָל איז מען אויפן פערדל און אַמאָל אונטערן פערדל". איך האָב שוין דאָ אויך געהאַט פאַרשיידענע צייטן, געהאַט שוין שלעכטע צייטן און נאָך ערגער ווי שלעכט.

עס זיינען דאָ אויף דער וועלט גענוג בעלי מזלות. איך רייד שוין ניט וועגן אַן אָפּענהיימער, אָדער אַ שלעזינגער, וואָס די מזלות האָט זיי אַריינגעשפּילט אַזוי אין די הענט, אַז זיי פאַרמאָגן שוין אַזוי פיל געלט, גיטער און מאַיאָנטקעס, אַז זיי האָבן זיך שוין ניט וווהין אַהינצוטאָן מיט זייער האָב און גוטס און זיי מוזן עס שוין עקספּאָרטירן.

איך רייד וועגן געוויינלעכע מענטשן, בעלי־מלאכות, אפילו טויגעניכצן, וואָס עס גיט זיי אַמאָל אַ שפּיל דאָס מזלע און זיי ווערן אויפגעריכט.

איך קען מענטשן וועלכע האָבן אפילו ניט קיין סטעדי דזשאָב, גייען זיך אַרום און דרייען מיטן שטעקעלע, אָדער זיצן זיך אויסגעזעצט אין דזשובערט פּאַרק, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן און קיבעצן יעדן פאַרבייגייער, פונדעסטוועגן חוץ זייער שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

איינעם האָט אָפּגעגאָלטן. ער האָט קריכנדיק אויפן טראַמווי זיך

אויסגעגליטשט, געפאַלן און האָט זיך צעבראָכן אַ פוס. נו, וואָס פרעגט איר, איז ער שוין פאַרזאָרגט. ער קריגט זיך יעדן חודש פון דער מוני־ציפּאַליטי זיין טשעק און כאָטש זיין פוס איז שוין לאַנג פאַרהיילט, פונדעסטוועגן זיינ'ן ווידזשעס קומט אים נאָך אָן רעגולער.

איך קען איינעם וואָס האָט זיך צעבראָכן אַ האַנט ביי דער אַרבעט, נו, קריגט ער אַריין אַנעמפּלויעמענט אינשורנס.

איר מיינט, חלילה, אַז איך בין זיי שטאַרק מקנא די צעבראָכענע הענט און פיס? וועַר עס פאַרגינט זיי ניט, זאָל אַליין ניט האָבן. אָבער צייטנווייז פאַרדריסט עס, פאַרוואָס טרעפט זיך מיט מיר ניט אַזוי, אַ קליין עקסידענטעלע? למשל, זיך אויסגליטשן אויף אַ באַנאַנע אינמיטן פון סיטי האָל, פון אַזאַ גליטשעלע קען מען שוין האָבן חיונה.

פאַראַן מענטשן וואָס זיי ווערן אויפגעריכט אינמיטן דער נאַכט. עס טרעפט אַ פייער און מען נעמט אָפּ סטראַכאָווקע, מען געווינט אַ לאָטעריי צעטל.

פאַראַן מענטשן וואָס מען ברעכט זיי גוט אָן די ביינער און זיי רעכענען זיך שוין אָפּ מיט די אינשורנס קאָמפּאַניעס, און פאַר דאָס געלט וואָס זיי קריגן אַריין, פירן זיי אַריין בייע פערניטשור אין הויז און מען האָט נאָך אַ גאַנצן יאָר פון וואָנען צו לעבן. איז דאָס נאָך ווייניק, שטעלט מען נאָך אַריין זייערע פּיקטשורס אין אַלע פּייפּערס. און וויבאַלד אייער פּיקטשור איז שוין אָפּגעפאָטאָגראַפירט אין אַ פּייפּער זייט איר שוין אַ „מייד מען", אַ פאַרזאָרגטער.

איך האָב ניט אַזאַ מזל. ניט עס טרעפט זיך מיט מיר קיין עקסי־דענטס און קיינער באַפאַלט מיך ניט. איך קען אייך שווערן, אַז איך גיי איינער אַליין שפּעט ביינאַכט, אפילו אָן אַ שטעקן, און גאַרניט, כאָטש גיב זיי אַ קרענק, די גזלנים!

טאָ מאַך, אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל!

איז אָט אַזוי, ווי איר זעט, דוכט זיך אַ מענטש מיט אַלע מעלות: קלוג, געראָטן, קען אַלע מלאכות, אָבער ווינציק ברכות. און מיין ווייב רופט שוין מיר ניט מער בערעלע שלים־מזל, נאָר שלים־שלים־מזל.

אויף אַ קאָנצערט
פון יהודי מנוחין

(מאָנאָלאָג פון
אַן 80 יאָריקער יידענע)

איך בין געגאַנגען הערן דעם שפּילער, בין איך געגאַנגען. ווי רופט מען אים? יודע מנוחהס — אַזוי דאַכט מיר רופט מ׳ען אים. ער שפּילט אויף אַ פידל, שפּילט ער. גאָר אַ מאָל, אין דער היים, האָט מען שוין אויך געהערט וועגן אים. ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, אָבער דאַן האָט ער שוין געשפּילט ווי אַ מזיק. געדענק איך טאַקע, אַז מען האָט אים גערופן יודע מנוחהס, דאַכט מיר, נאָר היינט האָט מען אים פאַרדרייט זיין נאָמען אויף יעהודי מאנאָים. אַ נייע מאָדע אַזאַ דאָ — איבערצודרייען די נעמען, אָבער וואָס איז די נפקא מינה?ביידע נעמען זיינען שיין, טאָ צו וואָס דאָס בייטן ? אַ מאָדע אַזאַ.

ווילט איר דאָך וויסן, צי איז ער מיר געפעלן ? וואָס זאָל איך אייך זאָגן : ער געפעלט מיר יאָ און ער געפעלט מיר ניט. וועט איר דאָך פרעגן : וואָס הייסט ער איז אייך ניט געפעלן ? ווי קען מען דאָס גאָר זאָגן ? און פאַר וואָס געפעלט ער אייך ניט ? מילא, אַז יאָ איז יאָ ! אַז ער געפעלט דער גאַנצער וועלט, וועל איך, אַן אַלטע יידענע, דאָך ניט זאָגן אַז ער געפעלט מיר ניט — אַ וועלט איז דאָך ניט משוגע !

זאָג איך אייך טאַקע, אַז עס איז דאָ ביי אים וואָס צו הערן, איר הערט, אַז ער טוט אַ נעם דאָס פידעלע אויף זיין אַקסל, פאַרנויגט זיין קאָפּ אויף לינקס און נעמט פירן מיטן סמיטשיק, צעגייען דאָך אַלע גלידער. אַ געזונט אויף אים ! אַזאַ נחת !

היינט ווי די פינגערלעך אַרבעטן דאָס ביי אים, זיי טאַנצן דאָך ממש אין דער לופטן, אַ פאַרגעניגן צו קוקן. און ער אַליין אַרבעט דאָך מעשים: אָטאָ שפּילט ער מיטן סמיטשיק, און אָטאָ אָן אַ סמיטשיק, נאָר מיט די טאַנצנדיקע פינגער אַליין. פרעג איך אייך : ווו נעמען זיך ביי אַ מענטשן אַזעלכע גיינעשע (גאונישע) פינגער? אַזאַ „גיפט״? אָט, דוכט זיך, שפּילט ער אַליין, און מיטאַמאָל גאָר הערט איר צוויי פידעלעך שפּילן, ריידן זיך דורך, טענהן זיך דורך — אַ מחייה צו הערן. און אָט דוכט זיך אייך גאָר, ווען איר פאַרמאַכט די אויגן און איר קוקט ניט אויף אים, אַז גאַנצע דריי פידעלעך האָבן זיך צעשפּילט. איין פידעלע יאָגט דעם צווייטן, און אין מיטן, דוכט זיך אייך, רייסט

זיך אַריין דאָס געזאַנג פון אַ דריט פידעלע און יאָגט די ערשטע צוויי אַריבער. איר הערט, זאָג איך אייך, ער איז אַן אויסנאַם פון דער וועלט!

מיסתמא ווייס די וועלט וואָס זי טוט, אַז זי האָט אים געגעבן אַזאַ נאָמען. איז ער דאָך גוט פאַר דער וועלט, און איך, אַן אַלטע יידענע, טאָר ניט זאָגן ער איז שלעכט. פון דעסטוועגן, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, זאָגן אַז איך בין אין גאַנצן צעקאָכט, אַז איך בין עקסייטעד ווי איר, דאָס קאָן איך ניט. איך שפּרינג ניט קדוש, ווייל מיר דוכט זיך אַז די גאַנצע חתונה אַרום יודע מנוחהס איז ניט מער ווי אָנשטעל. זאָגט, אדרבא, איז די קלאָפּעריי מיט דער פּאַטשעריי, ווען ער ענדיקט עפּעס אַ קליין שטיקעלע שפּילן, ניט קיין אָנשטעל פון „פּאבליק" ? מ'קען דאָך, זאָג איך אייך, טויב ווערן: מען הוקעט, מען שרייט, מען פייפט — ס'איז דאָך אין לשער. ווי אויף אַ יריד. בויג איך זיך צו צו מיין אײדעם און פרעג אים, צוליב וואָס איז דער גאַנצער טומל און די געשרייען.

„צוליב וואָס?" ענטפערט ער מיר: „דער עולם וויל אַז ער זאָל שפּילן נאָך עפּעס".

אַזוי גאָר, טראַכט איך מיר, אַוודאי וועט ער שפּילן. פיינע יאָרן. צוליב דעם האָט מען דאָך באַצאָלט פאַר די בילעטן אַזאַ געלטעריי, און דאָ וועט ער אָפּשפּילן נאָר אַ קורץ שטיקל און פאַרטיק? נאָר עולם לאָזט ניט נאָך, אַלע קוויטשן און שרייען ווי אין אַ משוגעים־הויז — באַהיט זאָל מען ווערן!

און מיינט איר וואָס? איך בין געווען גערעכט! ער האָט טאָקע געשפּילט נאָך און נאָך, און עולם גולם האָט נאָך יעדן מאָל ווידער און ווידער געשריען און געטראַסקעט, אַז כ'האָב ניט געוווסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. נו, מילא, בין איך זיי שוין מוחל דעם טומל, אָבער איך אַליין בין פון דער גאַנצער חתונה ניט געווען אַזוי שטאַרק צעקאָכט, ווי די אַלע „יאַנגסטערס" דאָרטן. און כאָטש ער

האָט געשפּילט אַן אויסנאַם, אָבער אַז ער האָט מיך גענומען ביים האַרצן, דאָס קען איך ניט זאָגן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן און וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן? איך געדענק אין דער היים, ווען אונדזער צאַלקע דער קלעזמער פלעגט אַ נעם טאָן זיין פידעלע אויף צו באַדעקן דער כלה, פלעגט דאָס פידעלע וויינען, איך פלעג מיטוויינען און אַלע ווייבער פלעגן זיך באַגיסן מיט טרערן. ווי״זשע דער כלה און די מחותנים איז דאָך אָפּגערעדט. נו, אַז מיין איידעם האָט מיר אָנגעזאָגט די נייעס, אַז ער נעמט מיך מיט אין טאָן האָל צו הערן דעם גרעסטן קלעזמער פון דער וועלט, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט און אים שוין מער ניט אָפּגעלאָזן. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָרט וועל איך זיך קיינען גוט אויסוויינען, כ׳מיין: דער גרעסטער שפּילער אין דער וועלט, דאַרף דאָך עפּעס זיין אַזוינס צום הערן, אַז עס זאָל אַ נעם טאָן ביים האַרצן. און גלויבט מיר, אַז וויינען ווילט זיך טאַקע, ווייל ס׳איז פאַראַן גענוג צרות אויף דער וועלט, און צרות ביי יידן איז דאָך פאַראַן מער ווי גענוג, איז וואָס קען מער העלפן צו דעם ווי אַ פידעלע? און אַז מען הערט דאָס פידעלע אַ קרעכץ טאָן, נעמט עס פאַנאַנדער און עס וויינט זיך פון זיך אַליין, ווערט אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן.

ווי״זשע יודע מנוחהס פרעגט אָבער ביי מיר אַן עצה, וואָלט איך אים געהייסן שפּילן אַ שטיקעלע „יהי רצון״, וואָלטן דאָך די יידן דאָרט צעגומען געוואָרן אין איין רגע. און מיר דוכט, אַז די עטלעכע גוים וואָס זיינען דאָרט געווען, וואָלטן אויך אַרויסגעלאָזט אַ טרער. האָט ער אָבער געשפּילט אַזעלכע מאָדנע זאַכן מיט דריידלעך, אַז עס האָט מיר גאָר ניט גענומען, אָבער אויף אַ האָר ניט. היינט די ווייבער וואָס זיינען דאָרט געקומען מיט זייערע מענער און האָבן מיטגעפּאַטשט און מיטגעקלאַפּט, איז עס געווען ניט מער ווי געמאַכט דעם אָנשטעל, געשפּילט די קאָמעדיע. עס פּאַסט דאָך ניט, איז זאָל מען זען אַז אויך זיי פאַרשטייען דעם שפּיל, אָבער אין דער אמתן בין איך זיכער, אַז

זיי האָבן אַזוי גע׳חוושט וואָס ער האָט דאָרט געשפּילט, ווי איך ווייס צו טאַנצן באַלעט.

מילא, וואָלט מען עס געקענט זיי מוחל זיין, ווייל מען מוז דאָך זאָגן דעם אמת, אַז יודע מנוחהס, אַ געזונט אויף אים, קען שפּילן, און ווי נאָך שפּילן! ער איז שוין איין מאָל אַ קלעזמער! איז דאָס אַלץ גערעדט ווען מ׳לאָזט אים אַליין מיט זיין פידעלע. איז דאָרט אָבער אונטערגעקומען אַן אַנדער צרה: די היגע קליי׳זמער האָבן דערשמעקט אַזאַ העכט ווי יודע מנוחהס, זיינען זיי אים באַפאַלן פון אַלע זייטן ווי זשלידנע פליגן. זיך אַרומגעקלעפּט אַרום אים, אפשר אַ מאָן פופציק מיט אַלע זייערע אינסטרומענטן. איר פאַרשטייט די העזה: אַלע האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אַרום אים, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן, און טו זיי ׳ פּעס. אַ פיינע מעשה, כ׳לעבן, ער איז געשטאַנען און זיי זיינען זיך געזעסן מעשה באַלעבאָס. און איידער דער קאָנצערט נאָך האָט זיך אָנגעהייבן, האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זייערע כלים און אָנגעהויבן זיך אויספיינען פאַרן עולם, זיי ווייזן אַז אויך זיי זיינען ניט קיין קאַליקעס. נו־נו, האָט מען זיך דאָס אַ ביסל צעפידלט און צעפייקלט, צע׳טרובעט און צעצימבלט, אַז באַהיט זאָל מען ווערן, שומר ישראל! איך האָב געמיינט אַז כ׳וועל טויב ווערן און בין שיעור ניט געפאַלן אין חלשות פון דער בראַזגעריי. איר פאַרשטייט, איך קען ניט פאַרנעמען קיין צו גרויסן טומל. אַ גליק נאָך וואָס אין מיין „בעג״ האָב איך געהאַט אַ שטיקל וואַטע, האָב איך פאַרשטאָפּטביידע אויערן און זיך געטראַכט: פידלט, טרובעט און צימבלט וויפל איר ווילט, אַבי איך הער אייך ווי אין פּיאַטע. בין איך דאָך טשיקאַווע וואָס דאָס מיינט און איך פרעג מיין איידעם וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש איז דאָס און וואָס פאַר אַ ווילדקייטן פראַוון זיי דאָ, אַז מ׳קען טויב ווערן. דערקלערט מיר מיין איידעם, אַז דאָס שטעלן זיי אָן די אינסטרומענטן איידער זיי הויבן אָן שפּילן.

נו, האָט איר שוין געזען אַזאַ פּיסטאַקל? וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט אויף זיי׳ער לייב און לעבן.

אַזאַ חוצפּה — קומען ביים פידלער אונטער דער נאָז מאַכן אַ טומל. אויב זיי ווילן אַז זייערע אינסטרומענטן זאָלן זיין „אַנגעסטראָיעט" צום שפּילן, האָט דאָך עס יעדער פון זיי געקענט טאָן ביי זיך אין דער היים. אָדער אַמווייניקסטן אַרויסגיין אין אַ הינטער־צימער און דאָרטן מאַכן אַ טומל. געפעלט זיי מיסתמא זיך מיט דעם אויסצופּיינען, אַזוי, פאַר אַלעמען אין די אויגן. אויך זיי מאַכן דעם אָנשטעל און בלאָזן זיך ווי אינדיקעס. ס'איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע עס צוצוזען. זאָג איך צו מיין אײדעם :

„פע, אַזאַ מיאוסער שפּיל, פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן !".

„שוויגער־לעבן !" שושקעט ער מיר אַריין אין פאַרשטאָפּטן אויער : „נעמט זיך ניט צום האַרצן. וואָס אַרט עס אייך אַז זיי שטעלן דאָרט אָן די אינסטרומענטן ? עס קאָסט אייך טייער צום קראָם ? איר דערלייגט פון אייער קעשענע צום עסק ? איר האָט דאָך שוין במילא פאַרשטאָפּט אייערע אויערן מיט וואַטע, טאָ זיצט רואיק און קוקט זיך צו".

זע איך דאָך שוין אַז אים אַרט עס טאַקע ניט. אים איז גוט צו ריידן, אָבער איך — זאָל נאָר די הענט אומגעוואַשן מיר ניט שטראָפן פאַר די רייד, איך בין אויסער זיך.

הכלל, צו לאַנג האָט טאַקע דער גלות פון די קלעזמערוקעס ניט אָנגעהאַלטן. און ווי נאָר זיי זיינען פאַרשטילט געוואָרן איז אויסגע־וואַקסן אויף דער סצענע אַזאַ מין הויכער דראַנג און ווידער איז גע־וואָרן אַ פּאַטשעריי און טראַסקעריי, אַז באַהיט זאָל מען ווערן. און איך טראַכט מיר: ווער איז דער דראַנג, זאָל עס טאַקע זיין יודע מנוחהס, אָבער אויף דער פּאַטאַ וואָס מיין אײדעם האָט מיר געוויזן זעט ער דאָך אויס גאָר אַנדערש. ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז דאָס איז גאָרניט ער. מיין אײדעם „עקספּליינט" מיר: דאָס איז דער „קאָנדאַקטער" פון דעם אָרקעסטער. בין איך שוין אינגאַנצן צעטומלט און פאַרשטיי ניט וואָס דאָ קומט פאָר. פרעג איך איבער מיין אײדעם:

„זאָג מיר, צו וואָס דאַרף מען דאָ אַ קאָנדוקטאָר? קען זיך יודע ניט ספּראַווען אָן דעם קאָנדוקטאָר?"

ווערט מיין אײדעם אָנגעצונדן פאַר כעס און שרייט מיר אַרײַן אין אויער:

„שוויגער, אפשר וואָלט איר אויפגעהערט פרעגן קשיות! לאָזט עס איבער צום אַרטיסט, צו מאַנאַימען, ער וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן".

נו, אַז כ'זע אַז מיין אײדעם איז שוין קאַפּאַבל אָנצוהויבן אַ קריג וועגן דעם, בלייב איך זיצן און שווייג און עס פאַרדריסט מיך שוין דער גאַנצער עסק. צו וואָס האָב איך זיך געדאַרפט רייסן צו גיין אַהערצו, אין אַזאַ טומל ?

אַז דער עולם האָט זיך איינגעשטילט, איז דער הויכער דראָנג, דער קאָנדוקטאָר, ווי מיין אײדעם האָט מיר אים פאַרגעשטעלט, אַרויפגעשטיגן אויף אַ הויכן ברעטל (געהערט אָן איינפאַל: אַזאַ לאַגיזע דאַרף נאָך זיך אַרויפדראַפּן אויף אַ ברעטל) און האָט זיך אויסגעדרייט במחילה מיטן הינטן צום עולם און זיך אפילו ניט אַנטשולדיקט, אַזאַ גראָבקייט! דאַן האָט ער אויפגעהויבןביידע לאַנגע הענט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן פון זיין ברעטל אַרויפקריכן אויף אַ לייטער, און האָט מיט אַ ווילדן אימפּעט גענומען מאַכן אַלערליי תנועות מיט אַ קורץ שטעקעלע וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין רעכטער האַנט. און דאָ האָט יעדער קלעזמערוק און די גאַנצע קאַפּעליע צוזאַמען גענומען ווייזן וואָס זיי קענען: די פידלער, די טרומייטער, די צימבלער, די ברומענדיקע באַסן. איין באַראַבאַנטשיק האָט געטראַסקעט אויף אַ פּויק און אַ צווייטער האָט אים צוגעהאָלפן מיט מעשענע טאַצן, וואָס ער האָט ווי אַ משוגענער געקלאַפּט איינעם אָן אַנדערן. און עס איז געוואָרן אַזאַ צעמישעניש, אַזאַ יומטובדיק געשפּיל, ווי פּורים בעת מ'שלאָגט המנען. פון עולם האָט מען אָבער קיין פּיפּס ניט געהערט, ווי אין בית מדרש בעת דער שטילער שמונה עשרה.

זיץ איך און קוק און איך טראַכט: רבונו־של־עולם, וואָס טוט זיך דאָ? מילא, די אַלע קלעזמער, וואָס זיצן דאָרט איינער איבערן אַנדערן

און שפּילן — פֿאַרשטיי איך נאָך: ס׳איז זייער מלאָכה און זיי קריגן באַצאָלט פֿאַר דעם. אָט שפּילט איינער אויף אַ פֿידל, אַ צווייטער פּייפּט אויף אַזאַ לאַנג פּייפל, אַ דריטער טרובעט זיין שכן אין אויער, אַ פערטער רייסט מיט כוח די סטרונעס פֿון אַ באַנדורע און זיי רעווען פֿאַר ווייטיק, אַ פֿינפֿטער קלאַפּט מיט אַ שטעקן אין פּויק און זיין חבר העלפֿט אים מיט קלאַפּן אין די טאַצן — דאָס אַלץ פֿאַרשטיי איך נאָך, אָבער איך קען ניט פֿאַרשטיין צו וואָס דאַרף מען האָבן דעם היכן לאָקש, וואָס שטייט במחילה מיטן „פּשעפּראַשעם” צום עולם און וואַרפֿט מיט די לאַנגע ידים ווי אַ משוגענער וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דול הויז? אויף וועלכע כפּרות?

פֿרעגן ביי מיין אידעם וועגן דעם האָב איך שוין מורא. זיץ איך און קוק ווי אויף אַ בייז ווונדער און קען זיך ניט אָפּחידושן פֿון אַזאַ קאָנצערט. איז עס אָבער געוואָרן אַ ווילדע קלאַפּעריי, ווען די קאַפּעליע האָט אויפֿגעהערט שפּילן און דער משוגענער לאַגיזע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם און זיך גענומען בויגן אין אַלע זייטן און זיס צו יעדערן געשמייכלט — האָט איר שוין געזען אַזאַ פֿלאָקן? ווער דאַרף זיין שמייכל? האָב איך אָפּגעדרייט דעם קאָפּ — ווער דאַרף עס קוקן אויף אים? אָבער דאָ הער מיט אַמאָל ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די רעכטע חתונה, אַ געליאַרעם עד לב השמים. דריי איך צוריק אויס מיין קאָפּ און זע, אַז דער היכער משוגענער פֿירט צו זיין געשטעל יודלען פֿאַר אַ האַנט, און יודלע שמייכלט אויך — אַ געזונט אין אים! און ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ פּאַטשעריי, מיט קולות און גוואַלדן, אַז איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן ווו בין איך אין דער וועלט. ס׳האָט אויסגעזען אַז עס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען. אָבער ווי נאָר יודלע האָט אַ הויב געטאָן זיין פֿידעלע צום אקסל איז געוואָרן אַזאַ מין שטילקייט, אַז ווען אַ פֿליג וואָלט דורכגעפֿלויגן וואָלט מען געהערט. נאָר איין צרה איז געווען דאָס, וואָס די קאַפּעליע האָט אים ניט געלאָזט אַליין שפּילן — און דאָס קען איך זיך ניט שענקען, עס פֿאַרדריסט מיך. אָט שפּילט ער, דוכט זיך, אַליין, אַז ס׳איז אַ מחיה

צו הערן, אָבער אין מיטן איז זיך מיישב דער הויכער לאָקש, וואָס שטייט מיטן הינטן צום עולם (א העזה אַ ביסל!) און טוט אַזוי אַ זייטיקן ווונק מיט זיין שטעקעלע צו די קלעזמאָר און זיי צעלאָזן זיך אויף אַלע כלים; און זיי פּאַרטומלען אים נעבעך, קוים וואָס מען הערט אים, יודע־לען, אַז פּאַרטומלט זאָלן זיי נאָר ווערן!

דעריבער האָב איך עס געזאָגט, אַז עס געפעלט מיר יאָ און עס געפעלט מיר ניט. ווען ער שפּילט אַליין איז ער אַן אויסנאַם פון דער וועלט, זיינע הענט צו צעקושן. ווער רעדט נאָך ווען ער לאָזט זיך אי־בעררײדן און טוט אַ שפּיל „אַ יידישע מאַמע״, אָדער „אלי, אלי״, וואָלט עס דאָך געווען ווונדער פון דער וועלט. אָבער ווי די גאַנצע כאַליאַסטרע פּארפּאָרט אים אין מיטן, דאָס קען איך ניט פּאַרטראָגן! און דעם הויכן דראָנג וואָלט איך אַרויסגעבריקעט, אין פּשעפּראַשאַם, זאָל מיר גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד.

האָ? איר לאַכט פון אַן עלטערע יידענע? אייך אַמוזירט עס? איך וואָלט טאַקע אַ בעלן געווען אייך זען לאַכן, ווען איר וועט זיין אין מיינע יאָרן, האַ? זאָגט נאָר, אפשר קומט יודע מנוחהס דאָ ווידער?

מ׳וועט זיך מוזן גטן

(מאָנאָלאָג פון אַ באַווייבטן יידן)

איינע פון די מעלות טובות, וואָס דער שדכן האָט מיר אָנגעגעבן אין נדן, ווען ער איז מיר געקומעןריידן דעם שידוך מיט מיין פרוי, איז געווען: די כלה איז אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע טוערין, אַ „סאָשל וואָרקער״ וואָס האָט זיך שוין געמאַכט אַ נאָמען. הלמאי זאָל איך ליגן זאָגן? די מעלה איז מיר גראָדע געפעלן געוואָרן, ווייל אַ כלל זאָלט איר האָבן: איז אַ ווייב פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן, פאַרגעסט זי זיך צו באַקלאָגן אויף מיגרענעס, אויף שטעכעניש אין די זייטן, און ווער רעדט נאָך פון פלירטעווען מיט יונגע לייט — אויף דעם האָט זי דאָך אוודאי קיין צייט ניט. ובכן, האָט מען געשריבן תנאים, געבראָכן טעלער, און שפעטער — געפראַוועט אַ חתונה. און אַלץ וואָלט גאָר אַזוי שלעכט ניט געווען, ווען טאַקע ניט די מעלה וואָס האָט מיר אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט.

אויף מאָרגן נאָך אונדזער „האָנימון״, אַז מיר האָבן זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר זיינען, האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה „פלעט״. מיין עצה איז געווען, אַז אַזוי ווי עס וועט נאָך, אם ירצה השם, נעמען אַ 10־12 חדשים ביז קליינוואַרג וועט זיך אָנהייבן יאָווען, זאָלן מיר דערווייל נעמען אַ איין רומיקן פלעט. און ס'וועט זיך אַזוי גיין כסדר, ווי לייט טוען: וועלן קומען אַ פּאָר קינדערלעך, וועט מען נעמען אַ 2 רומיקן פלעט, און אַז גאָט וועט גאָר העלפן מיט אַ צווילינג, וועט מען זיך אַרומזען וועגן אַ הייזקע.

דאָס איז געווען מיין חשבון. אָבער אַזוי ווי מיין ווייבל איז דאָך אַ „סאָשל וואָרקער״ און אַן אינטעליגענטקע דערצו, האָט זי מיר גלייך אָפּגעשניטן מיט אַ „נאָו, סער!״ זי וויל ניט קיין „באַטשעלאָרס פלעט״ און אפילו ניט קיין 2 רומיקן פלעט. דאָס בעסטע, איז זי מיר מודיע, וואָס איך קען ביי איר אויסדינגען איז אַ 3 רומיקער פלעט מיט אַ „באַלקאָני פייסינג נאָרטה״ און ספּעציעלע באַקוועמלעכקייטן. ווייל זי איז, זאָגט זי, ניט אַבי ווער, זי איז איצט מר״ס גימפל און זי וויל אַז דער נייער נאָמען זאָל פאַרשאַפן איר מאַן און איר כבוד. דעריבער וועט מען נאָך מוזן האָבן אַן אויפנאַם־צימער פאַר די אָפּטע „סאָשלס״, וואָס זי

וועט דאַרפֿן צוגרייטן, און פֿאַר די פֿאַרשיידענע עקזעקוטיוו און אַנדערע מיטינגס, וואָס וועלן פֿאָרקומען אין הויז.

און איך האָב דערפֿילט לויט אירע רייד, אַז זי מיינט דאָס ערנסט. איז זי אפֿשר טאַקע גערעכט, האָב איך געטראַכט, האָב איך זי דאָך גענומען ווי אַ „סאָשל וואָרקער" און דערויף מושווה געוואָרן — טאָ ווי קען איך היינט אַרויסקומען מיט טענות? און פֿון דער צווייטער זייט, האָב איך געטראַכט, צוליב וואָס דאַרף מען זיך „מופֿן" אַלע ווײַלע? און אוודאי וועט דאָך קומען יעדן יאָר אַ בייבי, וועט מען זיך אַלע יאָר מוזן קלייבן, איז שוין דאָך לכתחילה גלייכער זיך „אַריינמופֿן" אין אַ מענטשישער דירה און אַ סוף צו דאָס גאַנצע דינגעניש מיטן ווײַב מכוח דעם אַלעם.

און אָט, ווי איר זעט, שוין באַלד 9 חדשים נאָך מיין חתונה און וועגן אַ בייבי איז נאָך גאָר קיין אָנהייב ניט. ווײַל מיין ווײַב האָט מיר שוין גלייך נאָך דער חתונה אָנגעזאָגט די בשורה טובה, אַז זי האָט קיין צייט ניט זיך צו „באַדערן" מיט בייביס. זי האָט וויכטיקערע „דיוטיס". זי וועט דאָך ניט גיין מיצקע דערינגען אַוועקוואַרפֿן אַלע אירע קאַמפּיינס און קאָלעקשנס און פּאַרטיס און מיטינגס און זיך גאָר לייגן אין קימפּעט. אַזאַ זאַך איז נאָר אַן עסק פֿאַר די ווײַבער וואָס האָבן ניט אַנדערש וואָס צו טאָן, ווי שפּילן ראַמי און ליגן אין קימפּעט, אַזוי זאָגט זי.

הכלל, איך האָב אויך דאָס מאָל זיך דערמאָנט אַז כ'האָב מיט איר חתונה געהאַט, ווײַל זי איז אַ „סאָשל פּערסן", און דעריבער דאַרף איך קיין טענות צו איר ניט האָבן. זאָל מיינס איבערגיין, טראַכט איך ביי זיך, וועט מען האָבן אַ בייבי מיט אַ יאָר שפּעטער. כ'מיין עפּעס, וואָס איז די איילעניש? ס'וועט ניט אַנטלויפֿן...

אָבער דאָ האָב איך זיך גענומען אַרומזען, אַז עס ווערט ביי מיר לעכער אין די קעשענעס, און מיין באַנק־ביכל הייבט אָן איינשרומפּן. ווײַל מיין ווײַבל, דאַרפֿט איר וויסן, אַז זי נעמט זיך צו עפּעס, איז ווי אין פּסוק שטייט: בכל נפשך ובכל מאודך, מיטן גאַנצן האַרצן און מיט מיינע קעשענעס. אויב זי טוט זיך אַ נעם צו אַ קאַמפּיין צו שאַפֿן געלטער,

מעג עס דונערן און בליצן, וועט זי שוין די צוגעזאָגטע סומע ברענגען. איי, עולם איז גאָר ניט אין אַזאַ געאייל אָפּצוגעבן די צוגעזאָגטע פּאַר גראָשן, האָט זי דאָך דערויף אַן אייגענעם מאַן מיט אַ „בענקינג אקאונט". הייסט זי זיך דערווייל אַז איך זאָל אויסלייען און אַז זי וועט „איינקאָלעקטן" וועט זי מיר צוריקגעבן ביז אַ פּעני. אַזוי זאָגט זי. און אויף דעם סמך האָלט זי ביי מיר אין אייין לייען געֶלט, אָבער אַז זי זאָל עס מיר צוריק אָפּגעבן, דערווייל זע איך עס ניט. טאַקע אמת, זי קאָלעקט איין די „דאָניישנס" און פּטרט עס ניט אַוועק אויף קליידער אָדער אַנדערע ווייבערשע שמאָכטעס, דאָס, זעט איר, טוט זי ניט, נאָר זי גיט עס אַוועק איר „סאָשל סאָסייטי". בינו לבינו ווערט ביי מיר דער טייסטער ליידיקער, און די וואָס זאָגן צו — זאָגן צו און מאַכן זיך נאָך דעם כלא ידע.

איך קען זייער גוט די דאָזיקע פּאַרשוינען, די „צוזאָגער". און כ'וועל אייך טאַקע פּאַרטרויען אַ סוד, אַז ביז מיין חתונה בין איך אויך געווען איינער פון די דאָזיקע „צוזאָגער", אָבער גיֶגעבן האָב איך, אַ דאַנק גאָט, קיין מאָל ניט. איך האָב שטענדיק זיך אַרויסגעדרייט. איך האָב שוין געוווסט די „טריקס". אָט, למשל, קען איך יידן, וואָס האָבן אַ טבע אַז ווי נאָר ס'קומט צו אַן אַפּיל אויף אַ מיטינג, ווערן זיי אין די מינוטן נעלם פון זאָל. זיי זיינען גרויסע ספּעציאַליסטן צו פאַרשווינדן, אַז קיין אויג זאָל עס ניט באַמערקן. ווי נאָר זיי דערשמעקן אַז עס שמעקט מיט אַ קאָלעקשן, שאַרן זיי זיך אַרויס פון אַלע ווינקעלעך דורך די הינטערשטע טירן און שיט זיי פּסחדיקן זאַלץ... זיי האָבן שוין זייערע איינגעשטודירטע תירוצים און מיטלען: איינער לויפט, צום ביישפּיל, זיך האַלטנדיק פּאַרן בויך, מיט אַן אויסגעקרימט פּנים, כלומרשט. אַ צווייטער יאָגט זיך מיט אַ טעלעֶפאָן־נומער אין האַנט, פּאַרזאָרגט, עפּעס ביזנעס, אָדער גאָר אַן „ערדזשענט מעסעדזש".

זעט איר, איך אַליין האַלט ניט פון אַזוינע ניט־געבערס מיט זייערע פּוילע טריקס. איך, ווי איר זעט מיר, פּלעג גאָר טאָן דאָס פּאַרקערטע:

ביי אַ קאַמפּיין פּלעג איך זיך בהרחבה בלייבן זיצן רואיק, זיך פון אָרט ניט רירן. צוליב וואָס זיך אַרויסדרייען מיט קלאָמפּערשטע תירוצים ? פלעג איך באַלעבאַטיש זיך פאַררויכערן אַ דיקן ציגאַר און צוזאָגן כך וכך. איי מען דאַרף דאָך באַצאָלן די פּאָר פונט ? איז ווער זאָגט עס אַז מען דאַרף. איך האַלט נאָך היינט פון דעם פּסוק, אַז צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט. די בעסטע זאַך איז זיך מאַכן תמעוואַטע, ווען דער קאָלעקטאָר קומט צו אייך מאָנען דאָס געלט : ליבער ייד, אַ טעות איז דאָ פאָרגעקומען, אַ ביטערער טעות ! אומזיסט האָט איר זיך מטריח געווען. מיסתמא האָט עמעץ פאַרביטן די נעמען. כ׳בין אומשולדיק אַריינגעפאַלן צווישן די „דאָנאָרס״.

אַזוי האָב איך זיך שטענדיק נוהג געווען ביז כ׳האָב חתונה געהאַט מיט מיין „סאָשל וואָרקער״. איצט איז אָבער מיין לאַגע גאָר אַן אַנדערע : מיין ווייבל גיט שוין אַכטונג אויף דעם, אַז וואָס איך זאָג צו זאָל איך סילוקן. נו, וואָס טוט אַזאַ ייד ווי איך, מיינט איר? ער גיט זיך אַן עצה : כ׳גיי מיַר ניט אויף קיין מיטינגס ווו ס׳דאַרף פאָרקומען אַ קאָלעקשן. זאָרגט ניט, איך געפין שוין אַ גוטן תירוץ פאַר מיין ווייבל : אָט האָט איר אַ פּאָר „טיפּס״ : אַן „ערדזשענט ביזנעס אַפּאָינטמענט״, דער קאָפּ פּלאַצט אייך — און איר קרעכצט אונטער דערביי, אין בויך האָבן זיך צעשפּילט אַזעלכע קראַמפן, אַז איר בלייבט אויף אַן אָרט... אייער אַלסער „זינגט״ אָדער די גאַל־שטיינער „מופן״ — און איר בלייבט אַ שטוביקער.

דאָס איז אַלץ אָבער גוט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן „אַפּילס״, ווו מיין ווייבל איז ניט פאַרמישט ווי אַ „סאָשל וואָרקעַר״ — דאַן קען איך נאָך ווי ניט איז זיך אַרויסדרייען מיט אַ תירוץ. ווי איז אָבער דער דין, אַז איך בין געבענטשט מיט אַ ווייב וואָס קאָלעקט פאַר אַ גאַנצן „דאָזן״ סאָסייטיס : היינט איז זי ביזי מיט די „זייאָניסט פאָנדס״, מאָרגן מיטן קאָמיונאַל פאָנד, איבערמאָרגן מיטן עדיוקיישן פאָנד, היינט ווו איז „אָרט־אָזע״, בית היתומים און ביקור חולים, די חברה קדישא און מושב זקנים, „ווימענס בענעוואָלענט״ און נאָך אַ האַלבער מניין חברות ? הכלל, מיין ווייבל טראָגט זיך אַרום מיט אַ פול בייטל מיט פאַרשיידענע ביכלעך

פון די אַלע סאָסייטיס, און יעדע איינע האָט "ראפלס", און איר קענט זיך אויסקלייבן וואָס אייער האַרץ גלוסט: אַ "ראפל" פאַר אַן אויסגעגנייטן טישטעך און זילבערנע לייכטער, אַ "ראפל" פאַר אַ ראַדיאָ און אַ "רידינג־לעמפ", אַ "ראפל" פאַר אַ "קאַרפּעט" און אַ "סעט טשערס", און אויב איר ווילט איז אפילו פאַראַן אַ "מאָטאָר־קאַר". און ווען אַ שטייגער מיינט איר פאַרקויפט זי די ערשטע טיקעטס" פון יעדן ביכעלע? פאַרשטייט זיך — דעם אייגענעם מאַן. און יעדן מאָל גיט זי מיר אָפּ אַ דערקלערונג:

"דו פאַרשטייסט, מיין מאַן, אַז איך לייג עמעצן פאַר אַ "ראפל טיקעט", ווייז איך דאָס ערשטע אַז מיין אייגענער מאַן האָט שוין גענומען. ערשטנס, זאָלן טאַקע לייט וויסן וואָס פאַר אַ גוטן מאַן איך האָב, און צווייטנס, איז דאָס פאַר דיר אַן "אדוועטייזינג" און דיין נאָמען וועט ביי אונדז שטאַרק באַקאַנט און כ'מאַך מיט דעם אַ גוטן פאַטשאַנטעק. "יו פאַלאָ מי?"

הער איך אויס מיין ווייבס געמישטן לשון און טראַכט מיר דערביי: אפשר איז זי טאַקע גערעכט מיין אינטעליגענטישע ווייב. און כ'בעט פאַרשרייבן אויף מיין נאָמען אַ טיקעט פון יעדן ביכעלע.

"וואָס?" קוקט פאַרוואונדערט מיין אינטעליגענטקע און גיט טאַקע גלייך אַ באַפעל מיט אַ "נאָו סער!" און גיט צו איר פירוש: "איין טיקעט איז ניט פאַר אַ "פאַטשאַנטעק". ס'איז מיר אַ וויסטע, פינצטערע חרפה אַז כ'האָב עס דיר נאָך ניט אויסגעלערנט", הייבט זי שוין אָן איינטענהן מיט מיר אין פראָסט יידיש לשון. "אַז עמעציר וועט זען, אַז מיין מאַן איז פאַרשריבן גאַנצע 5 מאָל פון אָנהייב ביכעלע, איז ערשטנס ווערט דיין נאָמען, מ"ר גימפּל, פּאָפּולער, און צווייטנס, האַלט מען דיר שוין פאַר אַ רייכן מאַן וואָס האָט אויך "דזשענעראָסיטי" — און אין דער "קאָנטרי" דאַרפסטו נאָר פאַרוויגן דיין נאָמען מיט אַ גוטער "אדוועטייזינג", דאַן ביסטו אַ מאַן אויפן פלאַץ. מיט אַ נאָמען דאַרפסטו שוין קיין געלט ניט. און דער עיקר איז, וואָס קיינער וועט שוין ניט האָבן די העזה מיר צו אָבזאָגן און אַ מאָל קען טאַקע אַזאַ איינער אויך זיך

לאָזן אויסשרייבן עטלעכע „ראַפּלס״. מיין ווייבל קוקט מיר אין די אויגן מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע און זאָגט לסוף: „בין איך ניט גערעכט, דאַרלינג?״ און צום זיסן שמייכעלע קומט נאָך צו אַ ווונק מיט אַן אויסגעמאָלט אייגעלע, טאָ זייט אַ בריה און מאַכט זיך קאַליע דעם „סאַפּער״ אַ קורצע צייט נאָך דער חתונה... האָט זיך טאַקע אָנגעקליבן אין מיין שופלאַד אַ באַרג מיט פאַרשיידענע „ראַפּלס״ און — אויף מיין מזל געווינען אַנדערע.

האָט אָבער איין מאָל יאָ געטראָפן, אַז אויף אַ וואַזשנעם „סאָשל״ האָט איינער פון מיינע „טיקעטס״ זוכה בגורל געווען. און ווייסט איר וואָס אַזוינס כ׳האָב געוווּנען דאָן? ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ „זינגער״ ניי־מאַשין. בין איך פאַר שמחה כמעט געחלשט. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ ניי־מאַשין! ווי פון הימל וואָלט עס מיר אַראָפּגעפאַלן. טאַקע מיט אַ וואָך פריער האָב איך געהאַט געטראַכט, אַז דאָס איינציקע וואָס מיר מוזן זיך נאָך איינשאַפן אין הויז איז אַ ניי־מאַשין. עס איז אַ וויגאָדע צו האָבן ביי דער האַנט אַ מאַשין — אַט צערייסט זיך אַ העמד, אַ נאַכט־העמד, אַ פּאָר פּידזשאַמעס, זעצט זיך מיין ווייבל אַוועק און פאַרריכט עס גלייך אויפן אָרט. און איך וועל דאָ כאַפּן 2 האָזן מיט איין שאָס — ערשטנס, פאַרשפּאָרן געלט, און צווייטנס, האָבן אַ „טשאַנס״ צו האָבן מיין ווייב אין שטוב, זי וועט זיין פאַרנומען. אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און באַשלאָסן ברענגען צו אונדזער „וועדינג אַניווער־סערי״ אַ ניי־מאַשין — אַ סיורפּריז פאַר מיין ווייבל. און דאָ, אין מיטן דערינען האָט דאָס מזל מיר אַ שיין געטאָן מיט אַ ניי־מאַשין — קענט איר זיך פאַרשטעלן מיין גליק? האָב איך פון צעטומלעניש טאַקע ניט געוווּסט וואָס כ׳זאָל אָנהייבן פריער: זאָל איך כאַפּן אַ „ריקשע״ און גלייך אָפּפירן די מאַשין אַהיים, אָדער, טראַכט איך מיר, וועט מען עס מיר צושיקן פריי? אָבער מעשה שטן האָב איך אַ טורקע געטאָן מיין ווייבל און טו איר שטיל אַ פרעג, ווי מען איז זיך נוהג אין אַזאַ פאַל, און גיב איר פאַר איינס אַ קאָמפּלימענט, זאָל זי זען אַז עס טוט מיך הנאה דאָס געווינס:

„פאַרשטייסט דאָך אין די זאַכן בעסער פון מיר, ניט אומזיסט ביסטו אַ „סאָשל לידי!״.

„אידיאָט!״ זייט זי אַרויס פון צווישן די אָנגעפּאַרבן דינינקע ליפּעלעך, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט הערן: „מאַשינעס ווילט זיך דיר? וואָס וועסטו טאָן מיט דער מאַשין? אפשר קלערסטו גאָר צו ווערן אַ לאָטוטניק, אַ שניידערוק? שעמסט זיך גאָר ניט צו וועלן אָפּנעמען אַ געוווּנענעם „ראפּל״ פון אַזאַ וויכטיקער אינסטיטוציע, וואָס מאַטערט זיך פאַר אַ גראָשן, האַ?״

און איידער איך באַוויז נאָך עפענען דאָס מויל, כדי איר צו דערקלערן די נייטיקייט פון אַ ניי־מאַשין אין אַ „הויז־האָלד״, קייקלען זיך שוין פּערל פון אירע ליפּעלעך:

„שאט אַפּ! ביסט געווען און געבליבן אַן אידיאָט!״ און תוך כדי דיבור טוט זי זיך אַ שטעל אויף און קלינגט אויס מיט איר דינינקען פּאַלצעטל:

„מ״ר טשערמאַן! אַזוי ווי דער „ראפּל״ פון דער ניי־מאַשין איז צום גליק אויפן נאָמען פון מיין מאַן, בעט ער מיר מעלדן, אַז ער גיט אַוועק צוריק די ניי־מאַשין צו אונדזער סאָסייטי, כדי זי זאָל ביי אַ צווייטער געלעגנהייט ווידער „געראַפּלט״ ווערן. און אין נאָמען פון „קאָמיטי״ וויל איך באַדאַנקען מיין מאַן, מ״ר גימפּל, פאַר דעם שיינעם „עקסאַמפּל״ וואָס ער ווייזט מיט אַזאַ זשעסט פאַר אַנדערע״.

דער זאַל האָט זיך צעהילכט פון אַפּלאָדיסמענטן אויף מיין חשבון, נאָר די טענץ שפּעטער האָט שוין מיין ווייבל געטאַנצט ניט מיט מיר...

אַנומלט, איך שטיי זיך אין מיין „בייסיקל שאָפּ״ און שחורדיקע פון אַלע זייטן דרייען מיר אַ מוח: איינער בעט פאַרריכטן אַ „פּאַנקטשיר״, ביי אַ צווייטן איז דער טרומייטער קאַליע געוואָרן, אַ 3טער וויל אַ קבלה אויף זיינע 5 שילינג — פּלוצים מיט אַ מאָל דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען, ווי אויף אַ שריפה. לאָז איך אַלץ און אַלעמען איבער אויף גאָטס באַראָט און לויף צום טעלעפאָן, טו אַ כאַפּ ס׳טרייבל און פאַרלושע די אויערן.

„האַללאָ! האַללאָ! איז איט מר. גימפּל?"

„יעס, מיי דאַרלינג, דאָס בין איך".

„איי בעג יור פּאַרדן?" זינגט זי אַריין מיט איר פּאַלצעטל צו מיר אין אויער. „וואָט דו יו מין, דאַרלינג? דאָס רעדט צו אייך איצט ניט אייער ווייב, נאָר די אָקערשט אויסגעקליבענע „טשעַרליידי" פון דער דאַרנפּאַנטיין „ווימענס בענעוואָלענט בראַנטש". מיר גייען האָבן דעם יערלעכן באַל קומענדיקן מאָנאָט און מיר ווילן אַרויסגעבן אַ פּראָגראַם, דעריבער פּאַרלאַנג איך פון אייך אַז די בייסיקל פירמע פון מ"ר גימפּל עט קאָ. זאָל געבן אַן „אַדווערט" אויף דעם ערשטן פּיידזש. און צוליב דעם וואָס איך בין „העפּנד טו בי יור וויף" וועט עס אייך קאָסטן ביליקער — אין גאַנצן 50 פונט פאַר דעם פּיידזש. ווייל, יו נאָו, כ'בין דאָך די נייע „טשערליידי".

„אָבער דאַרלינג", נעם איך זיך דינגען, „אַזוי טייער — 50 פונט! איך האָב..."

„אַל סי יו טאָנייט", הער איך אַ בייזערדיקן קוויטש פון יענער זייט און אַ קלאַפּ מיטן „רעסיווער" אויפן טעלעפאָן.

מילא, וואָס דעם זעלבן אָוונט איז געשען קענט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן. און דאָס ערשטע מאָל נאָך מיין חתונה האָבן זיך מיר גענומען פּלאָנטערן אין קאָפּ חרטה־געדאַנקען. על כל פּנים, מיין פריינד, עס טויג ניט, עס האָט אַ פּנים פון ערשטן טאָג ניט געטויגט.

אויף מאָרגן האָב איך שטילערהייט געמאַכט אַן אַפּאַינטמענט מיט מיין לאָיער.

דערציאונג מיט פסיכאָלאָגיע

(הומאָרעסקע)

דעם דאָ געבראַכטן מאָנאָלאָג האָב איך אויפגעכאַפּט און אַראָפּ־געכאַפּט פון אַ באַריידעוודיקן פריינט מיינעם און עס פאַרשריבן וואָרט ביי וואָרט, ווי פון אַ „טייפּ־רעקאָרדער”. דאָ האָט איר עס :

איר הערט, מיר לעבן טאַקע היינט אין אַ מאָדערנער וועלט. אַלץ מיט אַנאַנדער איז געוואָרן מאָדערניזירט. אָט אַ שטייגער, נעמט דערציאונג פון קינדער. איז פרעג איך אייך : וואָס האָבן אַמאָל אונדזערע טאַטע־מאַמע געוווּסט פון אַזאַ זאַך ווי דערציאונג ? ממש גאָרנישט ! גאָלע גאָרנישט ! מ׳האָט נאָר געוווּסט, אַז אַ קינד פאָלגט ניט איז פאַראַן פאַר דעם אַ מיטל : אַ קאַנטשיק מיט רימענע לאָקשן, אַ רוט וכדומה, מיט וואָס יידישע טאַטעס האָבן געקאַטעוועט זייערע תכשיטים אַז זיי זאָלן אויסוואַקסן מענטשן צו גאָט און צו לייט. היינט איז עס געוואָרן אַ מאָדערנע דערציאונג — אַ דערציאונג מיט פּסיכאָלאָגיע. גייט אדרבה און פרעגט מיין ווייב, וועט זי אייך וועגן דעם דערציילן מיט אַלע קליפּערלעך, נישקשה, מיין ווייב איז שוין איינמאָל אַ פּסיכאָלאָג !...

זי, מיין ווייב, דערקלערט עס מעשה פּראָפעסאָר, מיט אַן אַריינפיר און מיט אַן אויספיר :

אַמאָל, זאָגט זי, אַז אַ ייִנגעלע האָט ניט געוואָלט לערנען, אַז ער האָט בעסער געוואָלט אַרומלויפן אויף די שמעקעדיקע גרינע לאָנקעס אָדער זיך גאָר דורכפּליושקען אין קילן הימישן טייכל, אַנשטאָט צו גיין אין חדר, איז אויף דעם געווען דער אַלטער אויסגעפּרוווטער מיטל : שמיץ ! דעם רבינס קאַנטשיק אָדער דעם טאַטנס רימען האָט דאַן „געזאָגט זיין וואָרט” : אַז אַ ייִנגעלע דאַרף גיין אין חדר ! און ס׳האָט געהאָלפן : דאָס ייִנגעלע איז ניט נאָר געגאַנגען, נאָר טאַקע געלאָפן אין חדר אַריין און געפּאָלגט טאַטע־מאַמען !

איי, דאָס קינד האָט בשעתן קריגן די שמיץ געבריקעט און געוויינט, געוואָרפן מיט די הענטלעך און פיסלעך און געשריען מיט קולי קולות, האָבן עס דעמאָלטיקע טאַטע־מאַמע גאָר אויסגעטייטשט צום גוטן : נישקשה, זאָל ער וויינען, זאָל ער זיך אויסוויינען און חרטה האָבן, ער וועט געדענקען ; און דאָס שרייען איז געזונט פאַר די לונגען, און

בריקענען זיך איז גימנאַסטיק — אַזוי האָט דאָן אויסגעזען די דערציאונג. אמת טאַקע: קינדער האָבן דאָן געוווּסט, אַז פאַר אַ טאַטן דאַרף מען מורא האָבן און פאַר אַ מאַמען — דרך ארץ האָבן. און די מאַמע האָט טאַקע געהאַט איר סטראַשונעק, וואָס האָט אַנגעוואָרפן אויף קינדער אַ פּחד: איך וועל דערציילן דעם טאַטן! און דאָס האָט געווירקט.

זעט איר, היינט איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש — אין אַ מאָדערנער וועלט איז די דערציאונג אויך אַ מאָדערנע און פּונקט קאַפּויער ווי אַמאָל: אַנשטאָט קינדער זאָלן ציטערן פאַר די עלטערן, האָבן די היינטיקע טאַטע־מאַמע מורא פאַר די קינדער. און ווי נאָר אַ „בייבי" קריכט אַרויס פון די וויקעלעך הייבט ער גלייך אָן באַלעבאַטעווען איבער אַלץ און אַלעמען, דער עיקר איבער טאַטע־מאַמע.

איז טאַקע די הויפּט־מעלה פון דער פּסיכאָלאָגישער דערציאונג, וואָס מיט דעם באַשעפּטיקט זיך היינט די מאַמע און ניט, ווי אַמאָל, דער טאַטע. און דער מאַמעס מעלות זיינען גרעסער ווי דעם טאַטנס. ערשטנס, האָט זי אַ ווייך האַרץ און וועט ניט לאָזן סתם וויינען אַ קינד נאָר צוליב דעם ווייל ער וויל ניט לערנען און וויל זיך בעסער שפּילן, שטיפן, ברעכן מעבל, סתם אַזוי זיך אַריינשלאָגן אַ טשוואָק אין דער פּיאַנאָ, אָדער גאָר צעפּיצלען מיט אַ האַמער אַלע שפּילצייג וואָס דער טאַטע האָט נאַרוואָס געקויפט אים — אַ מתנה צו זיין „בירטסדיי".

קומט דאָך דער טאַטע צולויפן און מאַכט דעם אַנשטעל אַז ער איז אין כעס, ער הייבט אָן סטראַשען זיין בנאַקל: שוין זאָלסטו אויפהערן פּאַגראָמירן דאָס הויז, כ'וועל מסרן דער מאַמען — וועסט שוין זען! מיינט איר וואָס? דער חברהמאַן לאַכט זיך אויס פון טאַטנס פּיזמון, וואָס קלינגט אין זיינע אויערן ווי טשאַרלי טשאַפּלינס אַ וויץ. און האָט איר שוין אַמאָל געזען, אַז די היינטיקע קינדער זאָלן מורא האָבן פאַר דער מאַמען? פּונקט פאַרקערט: היינטיקע מאַמעס האָבן גאָר מורא פאַר זייערע קינדער.

אַנומלט האָט געטראָפן, אַז מיין גערעטן זונעלע האָט פון ערגעץ דערטאַפּט אַ מעסער און ס'איז ביי אים אַוועק אַ גאַנג פון שניידן אַלץ

וואָס עס איז אים געקומען אונטער דער האַנט: איז ווו ער האָט דערטאַפּט אַ האַנטעך, אַ טישטעך האָט ער עס יום טובדיק חתונה געמאַכט. פּאַרטיק געוואָרן דערמיט האָט ער זיך אַ נעם געטאָן און אַרויסגעלאָזט די פּעדערן פון די קישנס, אַזש די שטוב איז אַוועק כּאַדאַראַם. און ער, דער חברהמאַן שטייט נאָך און פרייט זיך: אַ שניי אין מיטן זומער, אַ פּעדערן־שניי...

איין טאָג האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום טינטער אין שרייב־צימער און האָט מיט זיינע פינגערלעך, טונקענדיק אין טינט, גענומען מאָלן „מאָדערנע קונסט" אויפן טישטעך אין עסצימער, האָט פאַרשמירט אַלע פּאַפּירן און דאָקומענטן אויפן שרייבטיש, און צו לעצט נאָך אָפּגעווישט זיינע הענטלעך מיט דעם נייעם גאַרניטער, וואָס מ'האָט אים נאָר וואָס אויסגעפּוצט אויף יום־טוב. איז דאָך אָבער אַ טאַטע ניט מער ווי אַ טאַטע — און אַ טאַטע גייט אויך אַמאָל אַרויס פון די כלים — הייבט ער אויף אַ ביסל אַ העכערן טאָן אויף זיין תכשיט, דאַן מישט זיך אַריין די מאַמע — די דערציערין מיט פּסיכאָלאָגיע — און הייבט גאָר אָן שרייען אויפן טאַטן מיט באַנומענע קולות:

ביסט פון זינען אַראָפּ? וואָס מיינסטו — עס איז אַמאָליקע צייטן? ווייסטו גאָרניט ווי מ'דאַרף היינט אומגיין מיט קינדער? היינט דערציט מען קינדער מיט פּסיכאָלאָגיע. און די פּסיכאָלאָגיע לערנט אונדז, אַז עלטערן זיינען מחויב צו באַאָבאַכטן יעדע טאַט פון זייער קינד. אָט, למשל, לויט זיין ברעכן די מעבל דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז אונדזער זונעלע האָט אַ נייגונג צו אינזשענעריע, און דאָס וואָס ער שמירט מיט טינט, קען זיין אַז ער שניידט זיך אויף אַ באַרימטן מאָלער, אָדער אַ סקולפּטאָר, און דער עיקר מען דאַרף אים דערמוטיקן, ניט „דיסאַפּוינטן". אדרבה, זאָל ער ברעכן און שטעכן און שמירן, עפּעס וועט שוין פון דעם אַרויסקומען — אַזוי לערנט אונדז די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע".

אַנומלט האָט מיין חברהמאַן דערטאַפּט פון ערגעץ ווו אַ שער און זיין ערשטער „קרבן" איז געווען — אונדזערע פּליושענע פאַרהאַנגען. איז פרעגט שוין בעסער ניט, ער האָט עס צורעכט געמאַכט ווי ס'באַדאַרף

צו זיין, מ׳האָט שוין געקאָנט אַרויסקוקן און אַריינקוקן דורך די פענצטער בייטאָג און ביינאַכט... נאָכדעם האָט ער זיך צוגעזעצט אַנטקעגן אַ שפּיגל און זיך געגעבן אַ „הערקאַט״, אַז צו „ביטלס״ קומט עס ניט. איז איצט מיין ווייב פאַרנומען מיט אַ דילעמע: וואָס וועט פון אים אַרויסקומען — אַ „דעזיינער״ צי אַ „באַרבער״, איך האָב זיך מורא אַריינצומישן אין מיין ווייבס פּסיכאָלאָגיע — שוויג איך.

איינמאָל, אין אַ מיטן מיטוואָך, האָט זיך מיין גערעאָטן זונעלע אַ נעם געטאָן צו גאָר אַ נייער מלאכה: עלעקטריע. מיינט איר וואָס? ער האָט צעשניטן אַלע דראָטן און ס׳איז געוואָרן אין שטוב חושך מצרים. אויף מאָרגן האָט ער זיך אויסגעפּונען עפּעס אַ נייעס: ער האָט אַרויסגעלאָזן דאָס וואַסער פון די קראַנען אין באַד־צימער. און ער האָט הנאה דערביי — דאָס רוישן פון וואַסער איז ווי מוזיק. זיצט נעבעך מיין ווייב ערנסט און פאַרטראַכט: וואָס מיינט דאָס, צי וועט ער זיין אַן עלעקטריע אינזשינער אָדער גאָר אַ פּלאָמבער?

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים מיין ווייב געבראַכט אַ מתנה: הייזלעך און אַ קאַפּעָלוש פון אַ קאָובאָי מיט 2 פּיסטוילן אין די קעשענעס. איז טאַקע מיין „בויטשיקל״ געווען אויפן זיבעטן הימל און זיך תיכף גענומען צום שיסן מיט דער גאַנצער ווילדקייט פון אַן אמתן קאָובאָי. און אויף וועמען מיינט איר האָט ער געצילט זיין שיסעריי? טאַקע אויף מיר, אויף זיין טאַטן. האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן: נאָר דאָס פעלט מיר נאָך — האָבן אַ זון אַ גענגסטער מיט רעוואָלווערן? האָט מיין ווייב מיר דערלאַנגט אַ שפּיל אָפּ די ריכטיקע חתונה און איז אַרויס מיט אַזאַ לשון:

„וואָס הייסט דו גלייכסט ניט קיין רעוואָלווערן? מיט וואָס דען זאָל ער זיך שפּילן — מיט פּאַפּירענע מענטשעלעך? די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע לערנט אונדז, אַז אַ קינד טאָר ניט זיין קיין לעמעשקע, אַ קינד מוז אויסוואַקסן אַ יונג מיט ביינער, בראַוו, ניט קיין קוואַטש אַזוי ווי דו... אַ פיינער טאַטע ביסטו... אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט נאָך

דאָס קינד „ענקאָרעדזשן", וואָלט אים געבראַכט אַליין אַ ביקס און געלערנט שיסן..."

איז וואָס זשע מיינט איר איז געוועז דער סוף? היינט טראָגט זיך אַרום מיין „בויטשיק" מיט 2 רעוואָלווערן און אַ ביקס, און — זיינע שיס־פּראָבעס מאַכט ער אויפן טאַטן...

טענה איך צו מיין ווייב:

„זע דיין פּסיכאָלאָגיע, אַנשטאָט אַ קינד זאָל האָבן דרך־ארץ פאַר אַ טאַטן און אָפּהיטן דעם „כבד את אביך..." באַהאָגלט ער מיר גאָר מיט קוילן.

טענהט אָבער מיין ווייב, אַז די זאַך, לויט דער פּסיכאָלאָגיע, קומט גאָר אויס פּונקט דער היפּוך: דרך ארץ האָבן דאַרפן טאַטע־מאַמע פאַר זייער קינד. טאָ רעדט שוין גאָרניט: איך פאָלג אים ניט ערגער פאַר אונדזער „שוואַרצע"... און איך האָב זיך אויסגעלערנט די תורה פון דרך ארץ האָבן פאַר מיין פּעאיקן בנאַק.

פרעגט שוין גאָרניט: טוט עֶר נאָר אַ זאָג אַ וואָרט, אַ פּיפּס, לויף איך הענדום־פּענדום מקיים זיין דאָס געבאָט פון דרך ארץ פאַר אַ קינד. איך זאָג אייך, איך שרעק זיך ממש פאַר זיין קוק, און טאָמער פאַרוועלט זיך אים דאָס טעלערל פון הימל, בין איך גרייט צו קלעטערן דאָרט אויבן. איך וועל מוזן פאָלגן.

אָט, למשל, האָט ער געזען אַנומלט ביי אונדז אַ „גיים אָוו פּאָוקער". מיינט איר אַז ער האָט מיך אָפּגעלאָזן? ניט אַנדעֶרש, איך מוז אים אויסלערנען „די גיים". נישקשה, פאַרזיכערט ער מיר, כ'וועל קענען בלאָפן ניט ערגער פון דיר, כ'דאַרף נאָר קענען די „גיים" און האָבן געלט. נו, לערן איך אים די „גיים", נאָר בשעת מעשה ציטערט אויף מיר די הויט ער זאָל זיך נאָר ניט דערוויסן, אַז איך גיי אויף פֿעֶרד־רייסעס און אין נייט־קלאָבס — ווייל טאָמער, חלילה, דערוויסט ער זיך עס, וועל איך אים מוזן מיטנעמען. און אַז איך האָב זיך געמאַכט תמעוואַטע און געפרעגט מיין ווייב: וואָס וועט טאַקע זיין אַז ער וועט נאָך וועלן גיין אויף „רייסעס" און אין נאַכט־קלובן? האָט זי זיך אויסגעֶלאַכט פון מיין

נאַרישער קשיה און מיך אויפגעקלערט, אַז דאָ גאָר שטעקט די אמתע אויפטועכץ פון דער פסיכאָלאָגיע: דו פאַרשטייסט, לויט דער פסיכאָ־לאָגיע דאַרף מען אַ קליין קינד זען צו מאַכן זעלבסטשטענדיק און אַז דו וועסט אים מיטנעמען צו רייסעס און צו נייט־קלאַבס וועט ער ווערן אַ מענטש!

איך האָב בשעת מעשה אָנגעקוקט מיין ווייב און זיך געטראַכט, אַז: די קרענק וואָס מען רופט עס פסיכאָלאָגיע איז טאַקע זייער אַ פיינע זאַך, נאָר דעם חכם וואָס האָט די אַלע זאַכן אויסגעטראַכט וואָלט מען געדאַרפט אַריינזעצן אין אַ משוגעים הויז און אים לערנען דערציאונג מיט פסיכאָלאָגיע — און איך בין טאַקע אַ בעלן צו וויסן צי ער וואָלט לאַנג געבליבן ביי זיין פסיכאָלאָגישע דערציאונג?

(מאָנאָלאָג פון אַ יידן אַ נודניק)

אויף יענער וועלט

אויב איר מיינט אַז כ׳וועל אייך דערציילן, וואָס אַזוינס עס טוט זיך אויף יענער וועלט, ווי אַזוי עס לעבט זיך דאָרט אונדזערע היגע יידעלעך, וואָס זיי טוען דאָרט און ווי זיי פאַרברענגען, ווער עס איז אין גיהינום און ווער אין גן־עדן. וואָס עס מאַכן אונדזערע אַלטיטשקע — די אבות ואמהות, און ווי ס׳לעבט זיך דאָרט די גויים — עשיוון און ישמעאלן, און ווי ס׳גייט אונדזערע רויטע ברידערלעך — לענינען, טראָצקין מיט דעם באַטיושקא פון די פעלקער סטאַלינען, און וואָס עס טוען דאָרטן די פּרעהס מיט די המנס מיט די אַנדערע מיאוסע ברואים וואָס האָבן אונדז פּיינט און כ׳וויל זייערע טריפהנע נעמען ניט דערמאָנען, און להבדיל, ווי ס׳לעבט זיך דאָרט אונדזער משה רבנו, אונדזער טייערן אליהו הנביא און די אַנדערע ביסל נביאים, און אויב איר מיינט אַז כ׳וועל דערציילן סודות פון יענער וועלט און אייך אָפּגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון דאָרט — מאַכט איר אין גאַנצן אַ טעות. ווייל דעם אמת געזאָגט בין איך ניט קיין ליגנער, קיין מאָל אין מיין לעבן בין איך עס ניט געווען און וועל שוין אַזוי אָפּלעבן מיינע ביסל יאָרן וואָס עס איז מיר פאַרבליבן און איר וועט מיר ניט כאַפּן ביי קיין ליגן.

איך האַלט אַז אויף דער עלטער לוינט זיך בכלל ניט צו פאַרנעמען מיט זאָגן ליגנס. אפילו פּראָפעסיאָנעלע ליגנערס, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אויפגעבויט אויף הונדערטער קליינע ליגנס, אָדער איין גרויסן ליגן — וואָס איז גרויס ווי דאָס גאַנצע לעבן — אויך זיי דאַרפן אויף דער עלטער אויפגעבן דאָס ליגן זאָגן און אָנגיין מיט דעם אמת. למאי אַ סך מענטשן גיבן אויף אויף דער עלטער זייערע אַלע ביזנעס פון אַ גאַנץ לעבן — אַזוי איז אויך גוט צו ריטייערן פון ליגן זאָגן און זיך אָנהייבן פירן סטאַטעטשנע. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו די גרעסטע אַקטיאָרן אויף דער וועלט ביי יידן און ביי גויים — הערן אויף דער עלטער אויף צו אַקטיאָרעווען און מ׳הייבט זיך אָן פירן ווי לייטישע מענטשן. אפילו מאַנכע דאָקטוירים הערן אויף צו פּראַקטיצירן און קוקן זיך בעסער צו ווי די יונגיטשקע דאָקטערלעך טאַפּן דעם דופק און פאַרשטייען אַ קרענק. אַזוי וועט איר געפינען 100טער און 1000טער מענטשן, וואָס ווי נאָר די עלטער טוט זיי אַ טאַפּ אָן ענדערן זיי זייער

אַרט לעבן און בייטן אַלע געוווינהייטן און פאַראַנדקעס פון זייער יוגנט.

אמת טאַקע אַז עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען, יוצאים מן הכלל, פונקט ווי עס זיינען דאָ אַזעלכע אומעטום אויף דער וועלט. אַט טאַקע, וואָס דאַרפן מיר ווייט זוכן? נעמט, למשל, אונדזערע אַקטיאָרן ליבהאָבער, דאָס וואָס מ׳האָט אין דער אַלטער היים גערופן „ליביטעלס״, זיי האָבן זיך ניט געענדערט, זיי זיינען אַן אויסנאַם: היינט, צווישן 70 און 80, ווילן זיי נאָך אַלץ שפּילן טעאַטער און — דווקא יונגע ראָלן. אָדער נעמט אַזאַ ליבהאבערישע פּראָפעסיע ווי קאָרטן־שפּילער, וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ מער צעשפּילט זיך ביי זיי דער חשק, ווי מ׳רופט עס אויפן אינאַסטראַנעם לשון — זיי ווערן האַזאַרדניקעס. אָבער די אַלע זיינען דאָך באַהעמישע אויסנאַמען. דאָס רוב מענטשן אויף דער עלטער זיינען שוין ניט אַזוי פלינק אויפן פיסל — לויפן שוין ניט, שפּרינגען שוין ניט, טאַנצן שוין ניט.

איך זאָג עס טאַקע קעגן זיך אַליין: אויב כ׳וואָלט אפילו יאָ געווען אַ ליגנער אין דער יוגנט, וואָלט איך עס איצט, צו מיינע עלטערע יאָרן, אַוועקגעוואָרפן און אָנגעהייבן זאָגן נאָר כולו אמת. און איצט לאָמיר איבערגיין צום עיקר המעשה.

למען האמת מוז איך זאָגן, אַז איך גיי אייך ניט דערציילן קיין מעשיות פון יענער וועלט, ווייל כ׳בין דאָרט נאָך קיין מאָל גאָר ניט געווען. און כ׳וועל אייך אויסזאָגן — און צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — אַז איך טראַכט נאָך דערווייל ניט וועגן מאַכן אַ וויזע אַהין זיך צוצוכאַפּן. וואָס איז די איילעניש? האָט שוין אַהין עמעצער פּאַרשפּעטיקט? אויף דער וועלט, זעט איר, קען יאָ טרעפן אַז מ׳פאַרשפּעטיקט אַ סך מאָל: איינער פאַרשפּעטיקט אַ באַן, אַ טראַמוויי, אָדער דער עראָפּלאַן פליט אים אַוועק פון אונטער דער נאָז.

אַ מענטש וואָס איילט זיך ניט איז תמיד אין דער סכנה צו קומען שפּעט. אַט האָט מיינער אַ באַקאַנטער זיך אַריינגעשפּאַצירט אין האַפן, ער האָט געזאָלט אַרויפגיין אויף דער שיף, האָט מען אים פון אונטער די פיס די טרעפּלעך אַוועקגענומען, איז אנשטאט צו פאָרן אויפן ים

איז ער גאָר געבליבן זיצן. די פּאָליציי האָט אפילו אַכטונג געגעבן אַז ער זאָל זיך ניט קיין מעשה אָנטאָן, ווייל ער האָט געוואָלט שפּרינגען אין וואַסער. איך, זעט איר, בין גראָדע ניט פון דעם סאָרט מענטשן — איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיין מאָל ניט פאַרשפּעטיקט. אַז איך דאַרף ערגעץ ווו קומען אָדער צופאָרן בין איך שטענדיק דער ערשטער — אַזאַ נאַטור האָב איך. איך האָב זיך מיין כלל: בעסער פריער איידער שפּעטער. דאָס איז מיין כאַראַקטער.

און צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, און ס׳איז שוין אפילו קיין סוד ניט, אַז צוליב מיין פּינקטלעכקייט האָב איך גרויס עגמת נפש מיט מיין ווייב. ניט איין מאָל האָט שוין ביי אונדז געהאַלטן שמאָל, ווייל אין דעם זין האָבן מיר צוויי פאַרשיידענע נאַטורן — פונקט קאַפּויער איינער פון אַנדערן. איך, למשל, האָב ליב צו קומען צו אַ פאַרשטעלונג, צו אַ בייסקאָפּ, אָדער אפילו צו געסט פון די ערשטע, טאַקע דער סאַמע ערשטער, מכמה טעמים — אַז כ׳קום צו אַ מיטינג דער ערשטער, פאַרכאַפּ איך דעם בעסטן פּלאַץ, דעם באַקוועמסטן אָרט.

אַזאַ פּלאַץ מוז שטענדיק זיין פון דער זייט, ווייל אויף אַ מיטינג ווו איר דאַרפט אויסהערן אַ רעדנער איז פּשוט סכנת נפשות צו זיצן אין דער מיט, דאַן זייט איר חס ושלום פאַרפּעקלט און איר קענט זיך ניט רירן לא ימינה ולא שמאלה. כ׳מיין, ווען דער רעדנער הייבט אָן נודיענען און איר פילט אַז עס שלאָגט אייך צום גאַל, איר האַלט שוין גאָר ביים חלשן, דאַן איז אַ פּלאַץ ביי דער זייט אייער ראַטונעק — איר רוקט זיך אַזוי לאַנגזאַם און שטיל אַרויס אַז קיינער באַמערקט אייך גאָר ניט. היינט ווער רעדט נאָך אַז דער רעדנער איז אַ קאַמפּיינער און ער אַפּעלירט צו אייער האַרץ און געוויסן אַז איר זאָלט למען השם זיך ביישטייערן מיט אַ היפּשע סומע, און איר דערפילט מיט אַמאָל אַ שוואַכקייט אונטערן לעפּעלע, עס האָט אייך געגעבן אַ נעם און אָט־אָט, איר קענט זיך שוין מער ניט באַהערשן און גיט אַ פאַרפאָר מיט דער האַנט אין קעשענע. נאָר אין דער רגע באַמערקט איר אַז איר זייט גאָר נאָענט געראַטעוועט צו ווערן און איר הייבט זיך אָן אַרויסרוקן, שטילינקערהייט אַזוי, און פּטור אָן עסק. זעט איר, דאָס האַרץ ווערט

איך נאָך דעם רואיק, אַז איר טאַפּט אָן אין קעשענע די קלינגערס.

נאָך אַ סך וויגאָדעס און פּריווילעגיעס איז צו זיין פון די ערשטע, שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז מען קומט פריער גייט מען במילא אַוועק פריער. נאָר אָט קומט איר, למשל, צו גאַסט. אויפן טיש איז אָנגעשטעלט מכל טוב און איר זייט שוין פון די לעצטע געסט צוליב אייער ווייבס קלייבענישן. איר וואָלט זי צעריסן אַ לעבעדיקע פאַר אַלעמען אין די אויגן, נאָר וואָס וועט עס שוין העלפן, אַז די טישן וואָס זיינען מיט אַ פאָר שעה צוריק געווען אָנגעשטעלט מיט כל טוב, זיינען איצט כמעט חלק, ליידיק. אָדער אַ ביסל שיריים פון עפּעס אַ מאכל, אָדער גאָר אַ פייג אונטער דער נאָז.

קען איך אייך דען אויסרעכענען אַלע מעלות טובות, וואָס איך געניס ווען כ׳בין אַן ערשט־געקומענער. אָבער מיין ווייב וויל עס ניט פאַרשטיין, איר אַרט עס ניט, זי מאַכט זיך גאָר ניט פון דעם. זי איז דער היפּך פון מיר — זי וויל דווקא אַראָפּקומען פון די סאַמע לעצטע. זי גלייכט, זאָגט זי, אַז ביי איר אַראָפּקומען זאָלן זיך אַלע אומקוקן פון זייערע ערטער, אַלע זאָלן איר זען. ביי אַ מיטינג פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, אַ סאָסייעטי, צי סתם דאָרט אַ לעקטשור האָט זי הנאה אַריינצוקומען ווען דער לעקטאָר האַלט אין דער סאַמע געדיכטער ריידעניש. דאַן, ווייס זי, וועלן אַלע אויסדרייען די קעפּ צו איר זייט און אָנקוקן די אַריינגעקומענע. און אַזוי ווי מיר זיינען ניט קיין זויערע שטוב־זיצער און כמעט יעדן אָוונט גייען מיר אַרויס, קומען טאַקע פאַר יעדע נאַכט, פאַרן אַרויסגיין און ביים צוריקקומען, קריגערייען צווישן אונדז. גייען מיר אַן אָוונט ניט צו געסט און ניט צו קיין מיטינג, כאַפּט מען זיך אַריין אין אַ בייסקאָפּ, אָבער אפילו צו אַ פּיקטשור וויל איך זיין דער ערשטער און זי — די לעצטע. איך טענה ווידער אַמאָל: אַז מען קומט פריער גייט מען אַוועק פריער, נאָר זי זאָגט דאָס איריקע: איך דאַרף אויף טויזנט כפרות די שמאָכטעס וואָס מ׳ווייזט איידער די פּיקטשור הייבט זיך אָן. און זי פירט אויס: מיר פאַרשפּעטיקן אומעטום און טו

עפּעס. פרעגט שוין גאָרניט! עס איז מיר גענוג ביטער און פינצטער און דער שלום בית איז צוליב דעם פריער און שפּעטער אין גאַנצן אַ צעשטערטער.

הכלל, יאָ, ווו האַלטן מיר? טאַקע אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט אַז ס׳איז ניטאָ קיין שלום בית אפילו, דאַרף מען זיך אויך ניט איילן צו יענער וועלט. דאַרט דאַרף מען ניט זיין פון די ערשטע, ס׳מאַכט ניט אויס אַז מ׳איז דער לעצטער און כ׳וואָלט אפילו נאָכטאָן מיין ווייב אין דעם. כ׳וואָלט איר אָפּטאָן אַ שפּיצל. ווייל וואָס אַ שטייגער פעלט מיר אויף דער וועלט? איך פרעג אייך. דאָ ווייס איך שוין לפּחות ווו איך האַלט אין דער וועלט. שוין אַזוי פיל יאָרן זיך צוגעוווינט צו דער וועלט און צו מיין ווייבס קאַפּריזן, אַז כ׳ווייס שוין ווער און ווו און וואָס. און כאָטש צו פיל פאַרגעניגנס פון דעם אַלעם האָב איך אויף דער וועלט ניט געהאַט, דאָך איז זי מיר ליבער ווי יענע וועלט. אָט, זעט, איז מען געווען יונג האָט מען סטראַדאיעט, געסטראַגלט צו מאַכן אַ לעבן, זיך געמאַטערט אויפצוהאָדעווען גוטע און געבילדעטע קינדער, אָבער אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן און די קינדער האָבן אָנגעהייבן אַ ביסל אַרויסהעלפן און ס׳איז אויף דער עלטער אַ ביסל גרינגער געוואָרן, זיינען געקומען אַנדערע צרות: טאַקע דאָס ביסעלע געזונט, גלייבט מיר, איז גאָר ניט אַזוי פויגלדיק, נאָר מ׳האַלט זיך. ס׳איז טאַקע אָך און ווי צו אַזאַ האַלטן זיך: אָט האַלט מען זיך פאַר דעם קאָפּ און אָט פאַר די זייטן, אָט האַלט מען זיך פאַרן בויך און אָט פאַר די פיס, אָבער אָבי מ׳האַלט זיך. און כ׳בין זיכער אַז בעסער זיך צו האַלטן אויף דער וועלט ווי אויף יענער וועלט, ניט פאַר מיר געדאַכט. איך פרעג אייך: האָט איר שוין באַגעגנט אַזאַ איינעם, וואָס זאָל מרוצה זיין דאָ איבערצולאָזן אויף דער וועלט זיין הכול מכול כול און זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער וועלט? אפילו דער גרעסטער שלימזל, דער געפּערלעכסטער חולה, דער וואָס שפּייט די נשמה אויס און דער אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס — אַלע האַלטן זיך אָן מיט די לעצטע כוחות אָן אַ פּאָדעם פון דער וועלט און ווילן ניט דעם גאַנצן שור הבר מיטן לויתן פון יענער וועלט. איז וואָס

איז דאָ פאַראַן פיל צו ריידן?

ווייס איך וואָס? אַט זאָגן גאָר אַנדערע מענטשן אַז ס'איז אין גאַנצן ניטאָ קיין יענע וועלט, אַן אויסגעטראַכטע מעשה. ווייל, טענהן זיי, אַז ס'וואָלט געווען אַ יענע וועלט, וואָלט זיך דאָך איינגעפונען איינער פון מיליאָנען וואָס וואָלט איינגעשטעלט זיין נשמה און זיך אַמאָל אַריבער־געכאַפּט צוריק אויף דער וועלט. אָפּגעלעבט דאָ אַזוי פיל יאָרן, מעג זיך דאָך איינעם פאַרבענקען, אָדער גאָר אַ קוק טאָן ווי ס'לעבט זיך היינט, ווי זיין ווייבל פירט זיך אויף און וואָס עס הערט זיך מיט די קינדער? איז פון דעם אַז קיינער האָט זיך נאָך פון דאָרט ניט אומגע־קערט, דרינגען זיי אַז ס'איז גאָלע גאָרניט, הבל הבלים. ניטאָ, זאָגן זיי, קיין יענע וועלט, און גיי טענה מיט זיי.

זיינען די דאָזיקע לייט אַפּיקורסים, אַטעאיסטן, וואָס גלייבן אין גאַנצן ניט אין בורא עולם און ס'איז מיט זיי ניטאָ וואָס צו ריידן. זיי זיינען פרייע פייגל. זיי היטן ניט די טראַדיציעס, לייגן קיין תפילין ניט, נעמען קיין יידיש וואָרט ניט אין מויל אַריין, אָבער איך האַלט יאָ און גלייב באמונה שלמה אַז ס'איז יאָ פאַראַן אַ יענע וועלט, ווו יידן לעבן נאָך מיט האק און פּאַק און מ'קלייבט נחת פון דער שכינה. זעט איר — פון אַ גיהינום האַלט איך ניט צו פיל, ווייל אויב שוין אַ גיהינום, דאַרף מען אים ניט זוכן אויף יענער וועלט. אויף אונדזער זינדיקער וועלט מאַכט יעדער איינער דורך — אָרעם צי רייך — זיין אייגענעם גיהינום. איז איינער אַן אָרעמאַן, איז דאָך דאָס לעבן זיינס אוודאי אַ גיהינום, און אויב אַ נגיד, אפילו אַ מיליאָנער, פעלן אַזאַ אויך ניט קיין צרות. האָט אַזאַ איינער געלט, האָט ער ניט קיין געזונט, צי ער האָט גאָר צרות פון ווייבער, אייגענע און פרעמדע, פון קינדער, וואָס צעטאָכלעווען זיין פאַרמעגן. צי פעלן דען צרות אויף דער וועלט? פרעגט גאָרניט!

מאַלט אייך אַז איינער האָט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט, נעמט עס איך אַריין אין זינען וואָס כ'וויל אייך זאָגן: אַט האָט איינער פולע זשמע־ניעס מיט גאָלד, אָבער דאָס איז דאָך די גרעסטע אָנשיקעניש אויף

אים, זיין חלף ממש, וואָס קוילעט אים אַ לעבעדיקן. ווייל ווו, פרעג איך אייך, האָט איר שוין געזען אַז אַ גביר זאָל גליקלעך זיין אויף דער וועלט? איך ניט. ווייל נאָר אַ גביר, ווערט ער אַזוי שטאַרק פאַרטשאַדעט מיט זיין געלט און גאָלד, אַז וויפל ער פאַרמאָגט איז אים אַלץ צו ווייניק. ער וויל רק נאָך און נאָך, אָן אַ שיעור און אָן אַ ברעג. און טאַקע דאָס גופא, דאָס כסדר וועלן נאָך, מאַכט אים אומגליקלעך. רק ער יאָגט זיך, פלאָגט זיך, לויפט נאָך נאָך דעם גלאַנץ פון די פינקלדיקע מטבעות און ניט איין מאָל טרעפט, אַז ווען־דיק מער פארלירט ער וואָס ער פאַרמאָגט, פון איין גוטן פריינד וואָס קומט אים אַ גמילת חסד ווערן הונדערט שונאים וואָס ער בלייבט זיי אַ בעל־חוב.

ניט זעלטן איז אויך קיין שלום בית ניטאָ צוליב דעם נאָך און נאָך. ווייל אָט טרעפט אַז אַ גרויסער גביר, וואָס האָט אָפט אַ שלעכט האַרץ, ווי שלום־עליכם האָט זיי ריכטיק אַריינגעזאָגט: וואָס מער נגיד, מער סאבאקע, וואָס מער קבצן, מער הוליאקע, איז מאָלט אייך, אַז דווקא דער אַ גביר האָט אַ ווייב אַ טייערע נשמה, אַ גוט האַרץ, אַ צדיקת ממש און זי וואָלט וועלן אַז איר מאַן זאָל זיך טיילן מיט זיין עשירות מיט די אָרעמעלייט, מיט נויטבאַדערפטיקע, מיט אַ געפאַלענער משפחה, העלפן אַ יורד, נאָר דער גביר איז אַ רשע מרושע און וויל ניט הערן און ניט וויסן וואָס זיין ווייב וויל האָבן. ער וויל ניט דערזען יענעמס נויט. אַלץ וואָס ער זעט און ס'ליגט אים אין זינען איז נאָר זיין בייטל — ער וויל זי אָנפילן פול און פולער, ביז איבער די ברעגעס.

צווישן זיך גערעדט הייב איך ניט אָן צו פאַרשטיין די דאָזיקע גבירים. פאַר וואָס, זאָגט מיר, ווערן זיי שלעכט ווי נאָר זיי דערשמעקן דעם ריח פון געלט און באַקומען אין האַנט די אפותיקאָ? דוכט זיך די זעלבע מענטשן ווי דאַן, ווען זיי זיינען געווען אָרעם, אָבער פאַרט ניט די זעלבע: דאַן זיינען זיי געווען ווייך און גוטהאַרציק, נאָר ווי נאָר זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט איז אַרויסגעשפרונגען פון זיי דער רשע, אויך דער יצר הרע האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און געוואָרן אַ תקיף, אַ דיקטאַטאָר. דער פאַסקודנער יצר הרעלע הייבט שוין אָן צו ווייזן זיין

מיאוס פּנימל, ער דיקטירט שוין דעם נעכטיקן גוטן נאָך בראָט שלעכט צו ווערן, צו לויפן וואָס ווייטער פון רחמים און אַרויסשטעלן זיין רשעות.

איך וויל אייך זאָגן, אַז איך אַליין פאַרשטיי ניט די דאָזיקע גבירישע דרכים. וואָס טראַכטן זיי זיך, אַז מען וועט זיי מיטגעבן זייערע אימעניעס און באַנק־ביכלעך אויף יענער וועלט? איך אַליין, הערט איר, קען אַ סך גבירים אדירים וואָס זשאַלעווען פאַר זיך אַליין אַ שוך, אַ קלייד, פאַראַן אפילו אַזעלכע וואָס פאַרגינען זיך אַליין ניט דעם ביסן אין מויל. ווער רעדט שוין וועגן געבן אַ קינד, העלפן איינעם אין דער משפחה, העלפן אַן אלמנה, אַ יתום קומט שוין גאַרניט די פראַגע, און סתם העלפן אַ פרעמדן, אַ ביסעלע צדקה טאָר מען גאָר ניט דערמאָנען. איך קען עס גאָר ניט פאַרשטיין און מיין קאָפּ קען עס ניט באַנעמען, ווי אַזוי קענען אַזעלכע רייכע מענטשן זיין אַזוי שלעכט?

איז אַזוי טראַכטנדיק וועגן גאַנצן ענין זיינען מיר, איך און מיין ווייב, געקומען צו דער מסקנה אַז אַ יענע וועלט איז יאָ פאַראַן. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך האָב זיך געקענט צוזאמענריידן מיט מיין ווייב. און מיר האָבן באַטראַכט, אַז ניט אומזיסט קלייבן די אַלע גבירים פולע זעק מיט געלט. עס איז שוין גאָר ניט קיין נאַרישקייט און זיי ווייסן וואָס זיי טוען. מיטגעבן עס אין קבר אַריין וועט מען טאַקע זיי ניט, נאָר מיסתמא האָבן זיי אַ געהיימען וועג אַריבער־צושמוכלען זייער אָנגעקליבענע עשירות אויף יענער וועלט. ווייל אַנדערש וואָלט ניט מעגלעך געווען אויסצוטייטשן זייערע גבירישע פאַראַנדקעס.

דעריבער, מיין ליבער פריינד, איז געבליבן פאַר אונדז נאָר איין וויכטיקער ענין אויסצוגעפינען: דערטאַפּן דעם סעקרעטנעם וועג ווי אַזוי אַריבערצופּעקלען כאָטש אַ טייל פון אונדזערע פאַרמעגנס אויף יענער וועלט. וואָס איז? איר זאָגט גאָר אַז עס נודיעט אייך פון מיר. אַזוי קענט איר עס אָפּדאַנקען אַ פריינד וואָס אונטערהאַלט אייך. זאָרגט זיך ניט, אפילו אויב איר מיינט אַז איך בין אַ נודניק, האָב איך אייך

מענדל טאַבאַטשניק

געזאָגט עטלעכע אינטערעסאַנטע און גוטע געדאַנקען, וואָס איר מעגט זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם. נישקשה, אַ סימן אַז איר האָט געהאַט געדולד, מיסתמא איז ווערט געווען צו הערן. איך האָף אייך צו זען אַ צווייטן מאָל אַ לעבעדיקן, אויף דער וועלט...

ער איז אים
מבקר חולה

(מאָנאָלאָג פון אַ פריינד)

האַלאָ, האַלאָ, וואָס מאַכט איר? וואָס איז מיט אייך? האָט איר שוין גאָר קיין אַנדער אַרבעט ניט, האָ? אַ פיינעם דזשאָב האָט איר זיך אויסגעזוכט. אין מיטן דערינען איבערגעלאָזט אַזאַ ביזנעס און זיך גאָר אַריינגעקליבן אין שפּיטאָל — צו די דאָקטוירים מיט די נוירסעס, מיט די אינדזשעקסנס, עקסרייעס, פּילן, מיט אַלע קלאָגן אויף אונדזערע שונאים קעפּ.

איר הערט? כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט אַז איר זייט אַזוי געפּערלעך, באַגעגן איך אַנומלט אייער שותּף מרדכי וועלוועלען און ער דערציילט מיר די גאַנצע מעשׂה בסוד: אַז איר ליגט זיך גאַנץ פיין אין שפּיטאָל און צו אייך האָט זיך אַריינגעכאַפּט, ניט פאַר מיר געדאַכט, אַזאַ קרענק וואָס דאָקטוירים זאָגן אַז קוים איינער פון אַ מיליאָן קאַראַפּקעט זיך אַרויס פון איר אַ לעבעדיקער. און אייער שותּף ווייס וואָס ער רעדט.

בדרך כלל האָב איך פיינט מבקר חולה זיין אַ פריינד און ספּעציעל אין שפּיטאָל — כ׳האָב פיינט דאָס אָכצן און קרעכצן, כ׳האָב פיינט דעם ריח פון די מעדיצינס מיט אַלע שמאַנצעס דאָ אַרום. זעט איר, דאָס איינציקע וואָס כ׳האָב ניט פיינט איז — אָט די פלינקע, יונגעטשקע שיקסעלעך, וואָס פלאַטערן דאָ אַרום אין ווייסן, ווי מלאכימלעך. אויף זיי, זעט איר, וואָלט איך ניט אויפגעהערט צו קוקן. צוליב דער אַ הנאה איז אפילו כדאי אַ מאָל זיך אַריינצולייגן אין בעט. אָבער חלילה ניט מיט אַזאַ קרענק ווי איר האָט, נאָר מיט אַ קליין קאָפּ־ווייטיקל, לייכטע בויך־קרעמפּן, אַ קליין קלאַפּעלע אין אַ פוס וכדומה. איז אָבער ווי נאָר כ׳האָב דערהערט אַז איר האַלט שוין אַזוי שמאָל, אַז עס איז ביי אייך אָט־אָט, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרבייגן מיין פרינציפּ און געקומען.

וועל, מיין פריינד, איר וועט מיר מוחל זיין וואָס כ׳האָב אייך גאָר ניט געבראַכט. פון שלעפּן אונטער דער פאַכע אַ גאַנצן בעזעם מיט בלומען האַלט איך ניט. עס קומט מיר פאַר פונקט ווי אין דער היים פלעגן יידן לויפן ערב שבת אין מרחץ מיט זייערע בעזעמער זיך אָפּשמייסן. אַ סך האַלטן דערפון, אָבער איך מיין אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע געלט. זעט, איר, פון אַ באָקס שאָקאָלאַד האַלט איך שוין יאָ.

כ׳האָב ליב אַז אַ פריינד ברענגט מיר אַ באָקס שאָקאָלאַד. חוץ פריינד־שאַפט איז עס אויך פאַר אַ קראַנקן אַ דערפרישונג, מחיה נפשות, עס מאַכט זיס אין אַלע גלידער. האָב איך טאַקע געטראַכט וועגן קויפן אַ באָקס שאָקאָלאַד, האָט מען מיר געזאָגט אַז ס׳איז אַ שאָד צו שפּענדן אַ פּעני ווייל איר דערקענט שוין סיי ווי קיין מענטשן ניט. זעט איר שוין וואָס בייזע צינגער קענען אויסטראַכטן, האָבן ליב צו פּלאַפּלען.

אָט זע איך דאָך אַ זאַיר דערקענט מיך יאָ. און איר מיינט אַז אַ דאָקטער זאָגט איז שוין תורת לאָקשן? די גוטע יאָרן מיר וויפל דאָק־טוירים טרעפן ניט. אַ מאָל זאָגן זיי אַז דער חולה איז אַלרייט און ווי נאָר דער דאָקטאָר דרייט זיך אום איז דער חולה זיך מיישב און ציט אויס די רגלים און דער דאָקטאָר בלייבט ביי אַ פאַלשער דיאַגנאָז. און אַ מאָל טרעפט עס אויך פּונקט פאַרקערט. אָט זאָגן זיי, למשל, אַז איר זייט שוין דריי פערטל אויף יענער וועלט, נאָר איך האָב מורא אַז איר קענט זיי נאָך אַלעמען אַריבערלעבן — איר קענט נאָך לייענען זייערע מצבות אָן גלעזער.

הכלל, ווי פילט איר זיך, מיין פריינד? כ׳וועל זיין צופרידן צו הערן אַז איר פילט זיך גוט, הגם פון גוט צו גוט איז נאָך אַלץ אַ גרוי־סער אונטערשייד. אַז אַ חולה פילט זיך גוט קענט איר עס גלייך אים אָראָפּלייענען פון פּנים, די פאַרב פון זיינע באַקן, דער פינקל אין זיינע אויגן, אָבער ווערליק איך קוק אויף אייך ווייזט דאָס פּנים אַז אייערע שערס פאַלן. זאָרגט ניט, דער עיקר איז זיך ניט עֶרגערן און ניט צולאָזן קיין פאַרדרוס צום האַרצן. אין אייער צושטאַנד איז טראָבל אָן אמתער חלף, ממש אַן אומגליק. און צוריק גערעדט — צו וואָס זיך זאָרגן? עס העלפט דען עפּעס? בעסער איז זיך איינגעוווינען מיטן געדאַנק, אַז איי־ביק לעבט אַ מענטש ניט, יעדער מענטש מוז שטאַרבן: אַן אָרעמאַן און אַ גביר, אַ דלפון און אַ מיליאָנער, אפילו אַ קייסער און אַ פּרעזידענט שטאַרבן אויך. כ׳מיין, מע ווערט דאָך געבוירן אויף צו שטאַרבן און קיין אייביקייט איז ניטאָ. איי, איר זייט נאָך גאָר אַ יונג מענטשל און

איר וואָלט נאָך קענען לעבן אַ שיינע פּאָר יאָר, נו, דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך.

יאָ, טאַקע זיך דערמאָנט: דער אַלטער יאָכעלסאָן, וואָס מ׳האָט אים אָוועקגענומען פאַראַיאָרן אין מושב זקנים, מאַטערט זיך דאָרט נעבעך. ער פאַרשטייט שוין גאָר ניט וואָס מ׳רײַדט צו אים, ער דער־קענט שוין קיין מענטשן ניט און קיין צו אַלטער איז ער דאָך ניט. היינטיקן זונטיק איז זיין זון אים געקומען זען, ערשט ער פרעגט אים: ווער ביסטו, יונגער מאַן, דו קוקסט מיר עפּעס אויס קענטיק. היינט גיי דערצייל אים אַז דאָס איז זיין אייגענער זון. נו, און דאָס הייסט אויך געלעבט, אויף מיינע שונאים אַזאַ לעבן! איז שוין טאַקע גלייכער ווי ביי אייך, אַז מע ווייס ווו מען האַלט אין דער וועלט.

איר ווייסט, אַז איך וואָלט אייך ניט דערקענט ווען די נוירס וויזט מיר ניט אַן אויף אייך. אָסור אויב איך וואָלט געגלייבט אַז דאָס זייט איר. כ׳געדענק אַז איר זייט געווען פיין און פעט, אַ פּיקטשור צו נעמען, און איצט, ניט פאַר מיר געדאַכט, הויט און ביינער, אַן אמתער סקעלעט, אַ שענערן לייגט מען אין דר׳ערד אַריין. איר האָט דאָ אוודאי פאַרלוירן אַ רעכט ביסל וואָג, נאָר דאָס קען דאָך ניט שאַטן, עס איז דאָך היינט אין דער מאָדע. אַנדערע וואָלטן זיך גראַדע געוווּנטשן צו פאַרלירן עפּעס פון זייער וואָג, אָבער איר זייט שוין אַ ביסל צו פיל אַראָפּ. נאָר צופרידן מוז מען זיין מיט אַ ביסעלע אויך, ווי פלעגט מיין שוויגער זאָגן: דאָס ביסעלע וואָס איז נאָך פאַרבליבן איז בעסער ווי גאָר ניט. און ביי אייך איז נאָך יאָ עפּעס פאַרבליבן.

איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט ווי צופרידן כ׳בין, וואָס כ׳האָב זיך אַריינגעכאַפּט אייך מבקר חולה זיין. פּאַרט אַ פריינד, און פריינד וואַלגערן זיך ניט אין די גאַסן. כאָטש, צווישן זיך גערעדט, קיין געזונט פון היינטיקן וויזיט קומט מיר ניט צו, ווען כ׳קוק אייך אין פּנים. יאָ, און וואָס איז דאָס ביי אייך אונטער די אויגן? עס איז בלוי־שוואַרץ, זעט אויס ווי אונטערגעהאַקט. און דאָס בויך ביי אייך איז עפּעס אַזוי אויפגע־

בלאָזן, ווי ס'וואָלט געווען געשוואָלן, און איר דישעט עפּעס אַזוי שווער. אַבי־ער זאָל עס אייך גאָר ניט ארן, וואָס די דאָקטוירים זאָגן, אבי איר פילט זיך גוט. איר ווייסט, די בעסטע רפואה פאַר אייך איז רו. ליגן און ניט זאָרגן, ניט דאגהן. וואָס עס וועט זיין, וועט זיין, קענט איר זיך דען העלפן? אפילו שטאַרבן איז גלייכער אָן זאָרגן, פאָלגט מיר.

וועו איך בין איר, מיין ליבער פריינד, וואָלט איך שטרענג פאַר־זאָגט דער נוירס זי זאָל קיינעם ניט צולאָזן צו אייך, אויס געסט! ווייל פאַראַן אַזוינע נודניקעס, וואָס קענען אייך מיט זייערע רייד אַריינטרייבן אין דער ערד, זיי האָבן ניט קיין צו פיל אינטערעס פאַר אייער געזונט. און אַז אַ גאַסט קומט שוין יאָ, טאָר ער אייך צו פיל ניט באַדערן. איר טאָרט אַזאַ איינעם ניט לאָזן אייך פאַרקלאַפּן אַ קאָפּ מיט עצות און דאָקטאָריע, ווייל יעדער איינער וויל דאָך ווייזן אַז ער ווייס מער פון רופא.

אָט, זעט איר, אַז אַ פריינד ווי איך קום, איז שוין עפּעס אַנדערש. ווען איר, צום ביישפּיל, פילט זיך בעסער, וואָלט איך דאָ נאָך אַ ביסל לענגער פאַרבליבן מיט אייך. ווי איר פילט זיך היינט, וועל איך שוין באַלד גאָר גיין. כ'האָב זיך מער ניט ווי אַריינגעכאַפּט אייך אָפּשטעקן אַ שלום עליכם און שוין. וואָרעם קיין גוטע נייעס האָב איך אייך ניט צו דערציילן, און קיין שלעכטע נייעס וויל איך ניט דערציילן, פאַר וואָס עפּעס זאָל איך זיין אַ בייזער שליח? זאָל אייך בעסער אייער איי־גענער זון אויסדערציילן וועגן דער שריפה ביי אייך אין שאָפּ. וואָס? איר ווייסט גאָר ניט? אייער ביזנעס איז דאָך אַוועק מיטן רויך, אין איין כהרף עין איז פון אייער האָלסייל געוואָרן אַ קופּע אַש.

איך בעט אייך, שרעקט מיר ניט איבער, שרייט ניט, רעקט אייך ניט אויף! אָט טו איך אַ קלונג צו דער שוועסטער . . . אָט אַזוי, באַרו־איקט זיך. איצט געפעלט איר מיר, ניט געדאַרפט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, ווייל וואָס נעבעך קענט איר שוין העלפן אַז איר וועט שוין עס וויסן. אבי געזונט, און זאָרגט זיך ניט וועגן דער שריפה. דאָס גע־זונט איז טייערער פון די פּאַליצעס שמאָכטעס וואָס זיינען דאָרט פאַר־ברענט געוואָרן. כאָטש אייער שותף האָט איינגעלייגט וועלטן, ווייל ער

האָט ניט באַצאָלט די סטראַכאָווקע, געוואָלט זיך איינשפּאָרן, דער חכם, אָבער קיין פּעני אינשורענס וועט ער שוין ניט באַקומען. איז אויך פאַר־פאַלן. אויף יענער וועלט נעמט מען ניט מיט. און אַז מען לעבט און מען איז געזונט קומט מען ווידער צו געלט.

איר האָט גאָר קיין אַנונג ניט ווי צופרידן כ'בין וואָס איך בין אייך געקומען געוואָרע ווערן. איך קען זיך פאָרשטעלן ווי איר קוקט שוין אויס די מינוט און ווי גליקלעך איר וועט זיין צו קומען צוריק אַהיים, צו אייערע קינדער און אייניקלעך. איין זאַך מוזט איר אָבער וויסן, אַז אייער הויז וועט איר ניט דערקענען מער. זאָל איך דאָס זען אויף מיינע שונאים, וואָס איר וועט זען ביי אייך אין הויז, נאָך דעם ווי די גנבים האָבן אייך דאָרט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. חוץ דעם וואָס זיי האָבן איינ־געפּאַקט אַלץ וואָס עס איז געווען אין שטוב, האָבן זיי נאָך געעפנט דאָס סייפל אין וואַנט און מיטגענומען גאָר די דזשוליערי, די גאָלדענע זייגערס און די זילבערנע בעכערס, די ברילאַנטענע שפּילקעס און די סיגאַרעטן־קייסעס. אַז די פּאָליציי איז שפּעטער געקומען האָט זי גע־פונען אייערע רומס ווי נאָך אַ פּאָגראָם: אויפגעבראָכענע שאַנקן און שופלאָדן, אַלץ צעראַבירט און צעבראָכן.

שאַ, רעגט זיך ניט אויף, ווייל כ'האָב גאָר ניט געוווּסט אַז דאָס איז פאַר אייך אַ נייעס. די גאַנצע שטאָט קאָכט דאָך פון דער גניבה. די פּאָליס האָט דאָך שוין גענומען אפשר אַ צענדליק סטייטמענטס. וואָס? איר האָט שוין קיין כוח ניט פון מיינע מעשיות? ווען כ'ווייס אַז כ'וועל מיט דעם קאַליע מאַכן וואָלט איך אייך ניט דערציילט.

נו, איך וועל מיך קלייבן אין וועג, שוין, איך גיי. איך וויל אייך צו פיל ניט אַנדולן דעם קאָפּ, דאָס איז ניט גוט פאַר אַזאַ חולה ווי איר זייט. כ'וואָלט נאָך אפשר פאַרבליבן ביי אייך אַ ביסל, וואָלט דאָ געזעסן לענגער צוליב דער מיצווה פון ביקור חולים, נאָר איך פיל זיך היינט אַליין ניט מיט אַלעמען. אַזאַ שטימונג ביי מיר, ווייל איך קום גראָדע

איצט צו אייך פון הייליקן אָרט, פון אַ לוויה. געשטאָרבן מיינער אַ ידיד, טאַקע אַן אמתער פריינד, אָט אַזוי ווי מיר ביידע. דוכט מיר אַז איר קענט אים אויך, נאָך גאָר אַ יונג מענטשל געווען, אָט אין אייערע יאָרן בערך, און געשטאָרבן איז ער, רעדט מען, פון דער זעלבער מחלה וואָס איר האָט.

אַזוי איז שוין, מיין ליבער פריינד, שטאַרבן מוז מען, ווער פריער, ווער שפּעטער. ניטאָ קיין אייביקייט. נאָר איר, האַלט זיך ווי שטאַרק איר קענט נאָר, ערגערט זיך ניט. נאַפּליעוואַט די שריפה מיט די גנבים, זאָלן זיי גיין טו העל. איבערהויפּט נעמט זיך ניט צום האַרצן, ווייל פּאַרדרוס און עגמת נפש איז דער מלאך המוות אַליין, און אין אייער לאַגע איז עס אַ זיכערער סם המוות.

— — וואָס איז אייך? ווי איז מיר! אָט לויף איך רופן דעם דאָקטער

מאָדערנער
בריוונשטעלער

מוסטערן פון בריוו, געשריבן דורך געבילדעטע און פּראָסטע יידן צו זייערע ווייבער, פון מיוזנבערג, וואָס מיר איז געלונגען אויפצוכאַפּן איידער זיי זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ קאָנווערט אָפּצושיקן. איך גיב איבער די בריוו כלשונם — אין זייער אָריגינעלן טעקסט.

המלבה"ד.

1. אַ באַרבער שרייבט

מיין שמעקנדיק פלאַקאָנטשיקל !

איך האָב דיר צוגעזאָגט גלייך ווי איך קום צו שרייבן — טו איך עס טאַקע.

דוכט זיך אַזאַ קורצע צייט זינט איך בין פון דער היים און כ'בענק שוין גאָר שטאַרק נאָך דיין פריזורקעלע, נאָך דיין פאַרגריזלטער קוקלע און דיין אָדעקאָלאָן־ריח. אויפן „טרייך" האָב איך באַגעגנט אַ סך פרויען מיט פאַרשיידענע „סטיילס" פריזורן, נאָר צו דיינע קומט עס ניט.

קיין דערבן בין איך געקומען אין צייט. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך קיין איין מאָל ניט פאַרהאַקט און מ'האָט די רעדער ניט גענדאַרפט שאַרפן. דער צוג איז געלאָפן גלאַט, ווי אַ גוט אָנגעשאַרפטע בריטווע, און ווי די רעלסן וואָלטן געווען געמוליעוועט.

אין האָטעל האָב איך זיך תיכף באַקענט מיט אַ יידן פון יאָהאַ־נעסבורג. ווי נאָר ער האָט מיט זיינע פינגער אַ טאַפּ געטאָן די לאָצן פון מיין דזשעקעט, האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז ער איז אַ שניידער. ווי אַ דזשענטלמען האָב איך אים גלייך צוריק אַ טאַפּ געטאָן זיין מאָרדע און באַטראַכט זיין „הערקאַט" — הערסטאו, ס'מזל אויף אַזוינע באַרבערס וואָס ווייסן ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט. ביי אונדז אין שטעטל האָט שוין נחמן דער רופא געגעבן אַ בעסערן הערקאַט.

האָבן מיר טאַקע ביי דער באַגעגעניש זיך פאַנאַנדערגערעדט. ער טענהט, אַז מיין דזשעקעט ליגט אויף מיר — אויסגעגאָסן ווי אַ פאַמור־ניצע אַראָפּ באַרג. טענה איך צוריק מיט אַ פינגער אויפן קאָפּ, אַז זיין הערקאַט האָט אַ גאַנצע „סטערקייס" מיט טרעפּ, ווי די בלאַטיקע צעדרייטע טרעפּלעך אין אונדזער אַלטן בית מדרש. אַ וואָרט פאַר אַ

וואָרט האָבן מיר זיך אַזוי צעוועטלט, ביז כ׳האָב אים אַנגעזייפּט אַ מאָרדע אַז ער וועט מיר האָבן צו געדענקען.

יעדן אָוונט איז פאַראַן אין האָטעל אַ ראַמי סקול. 6 ווייבער זיצן און שוויצן, ווי זיי וואָלטן נעבעך געזעסן אונטערן „דרייער״. מען מוליעוועט איינע די צווייטע, אַז עס כאַפּט אַ חלשות אַנצוקוקן. די אויגן זייערע זיינען אַזוי שאַרף ווי אַ „זשילעט רייזער״ און מ׳שטעכט זיך איינע די אַנדערע ווי מיט שפּיצן פון אַ שערל. האָב איך דערפילט אַז איך בין זייערער קיין קליענט ניט און כ׳בין בעסער אַוועק אין „דזשוּאיש קלאַב״. דאָרט איז פאַרגעקומען אַ ספּעקטאַקל פון ליוביטעלעך. איז וואָס זאָל איך דיר דאָ אַ סך זייפן: ווען ס׳וועגדט זיך אַן מיר, וואָלט איך זיי דאָ אַלעמען געגעבן אַזאַ „הערקאַט״ אַז כ׳וואָלט זיי אָפּגע־גאָלט די בערד מיט די העלדזער צוזאַמען.

הכלל, כ׳וואָרט שוין מיט אומגעדולד אויף „דערבן דזשולײַ״. און כ׳האָב אויסגעקליבן אַ סוס, וואָס כ׳בין זיכער אַז ער וועט די איבעריקע פערד אַנמוליעווען און וועט אַריין דער ערשטער. העלפט מיר גאָט אַזוי, ווען איך דערטאַפּ דעם „ווינער״ וועסטו שוין, מיין פלאַקאַנטשיקל, באַקומען פון מיר אַ פּריזור אַז אַלע ווייבער וועלן קראַפּירן קוקנדיק אויף דיר.

פּ. ס. יאָ, גאָר פאַרגעסן. די שטימען פון די אַקטיאָרן גרילצן מיר נאָך איצט אין די אויערן ווי טעמפּע „רייזער בליידס״ און פאַרהאַקן זיך כסדר ווי מיין עלעקטרישע מאַשינקע.

זיי געזונט און בעט גאָט פאַר מיין סוס.

דיין גרישאַ פּאַריק

2. אַ בוטשער שרייבט

מײַן טייער קעלבעלע!

אַ וועג האָב איך געהאַט ניט קיין צו פלײשיקע — הויט און ביינער. דער קאָנדוקטאָר איז מיר געקראָכן אין גרגרת אַריין, און דער שלאָף־וואַגאָן האָט מיר אויסגעטרייבערט די קישקעס.

אין האָטעל, ווו איך בין פאַרפאָרן, האָט דער באַלעבאָס מיר אָנגעהייבן שינדן די הויט, האָב איך מיך מיישב געווען און זיך אַריבער־געקליבן אין אַן אַנדער אָרט. דערווייל האָט מען מיר צעטרייבערט מײַן האַלידיי און כ׳בין ממש אָפּגעקוילעט. איך האָב דאָ געקראָגן אַ רומקע איז עס ניט גרעסער ווי אַ הינער־שטייג, ווי אַ קאַטוך אונטערן אויוון. ענג און קאַלט ווי ביי מיר אין גרויסן פרידזשעדער.

די סטאַדע געסט אין אונדזער האָטעלכל פליקן זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן ווי די הענער, זאָגן זיך אַריין אין זיבעטן ריפּ אַזש עס פאַרגייט די גאַל. אָבער ווי זאָגט מען, אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזן, אַ גאַסט האָט אַ קורצע צונג און טאָר אַ וואָרט ניט ריידן אויף זיין האָטעל.

איך בין געווען אַ בהמה, וואָס כ׳האָב דיר ניט געפאָלגט און פאַרפאָרן גלייך צו אָקסמאַנען אין האָטעל, ווייל אין אונדזער האָטעל האָט שוין דער האָטעל־קיפּער אויך גענומען שינדן די הויט און טרייבערן די געדערעם.

די געסט דאָ זיינען בהמות, עס פעלן זיי נאָר די הערנער. זיי לאָזן זיך גאָר פיין מעלקן. אויב איך וועל דאָ נאָך לענגער בלייבן, וועט מען מיר צעטרייבערן מיין טשעק־ביכל אַזוי אַז ס׳וועט פון אים בלייבן בלויז הויט און ביינער. און איך שטעל מיר שוין פאָר ווי דו וועסט מיר נעמען דעם לעבער אַז כ׳וועל קומען.

איך זאָך פאַרדריסט מיך — וואָס דער וועטער האָט זיך צעבריי־קעוועט אויף דער זון ווי אַ נאַראָוויסטע קו און כ׳וועל זיך ניט קענען בראָילן אויפן „ביטש״. אין די אָוונטן איז דאָ קאַלט ווי אין בוטשערי פרידזשעדער.

איך שפּיל דאָ כמעט אַלע אָוונט אין קאָרטן. מיט איין שפּילער, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ קאַלב, האָב איך געהאַט אַ סירכא ביי די קאָרטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער שפּילט ניט „סטריקטלי״ כשר, האָב איך אים מכבד געווען מיט אַ פּיסנאָגע אין דער דרייבע און אין זאָדעק.

יאָ, גאָר פאַרגעסן: כ׳בין געווען אויף אַ אידישן קאָנצערט, קען איך דיר זאָגן אַז ס׳איז געווען אַ ביסל צו מאָגער, אַ חוץ די וויצן וואָס זיינען געווען צו פעט און איבערגעזאַלצן, און אַנדערע האָבן זיך שוין אָפּגעגעבן מיט אַ ריח פון נבלה. דאָ איז גיִווען אַ טענצער, וואָס האָט געמעגט ברעכן זיינע פּיסנאָגעס מיט רוק .און לענד איידער ער איז אַרויף אויף דער בינע. און אַ זינגערין איז דאָ געווען וואָס איז שוין ווייט געווען פון צו זיין אַ „ספּרינג טשיקן״, נאָר זי האָט געמאַכט קולות אויף דער גאַנצער גרגרת, ווי מ׳וואָלט איר געהאַלטן אין שעכטן.

אין מיין רום האָב איך נאָך אַ שכן, איז ער אַ פריילעכער לונג און לעבער. מיר גייען תמיד שלאָפן מיט די הינער צוגלייך. נו, געבוג שוין אַרומבראָדזשען ווי אַן אָקס, ווייל דער האָטעל קיפּער קען מיר נאָך צושטעלן דעם חלף צום האַלדז.

טאָ זיי געזונט מיין קעלבעלע און לאָז גריסן אַלע אונדזערע שעפּסעלעך.

דיין יאַנקל קצב

3. אַ דאָקטאָר שרייבט

מיין ליבינקע סערינדזשעלע!

איך בין אָנגעקומען קיין מיוזנבערג געזונטערהייט. די האָטעלן דאָ זיינען פול געפּאַקט ווי אַ קליניק מיט פּאַציענטן, אַז קיין רום אויף אַ רפואה איז ניטאָ און זיי קלאָגן זיך דאָ אַלע אויפן מאָגן. מ׳רייבט דאָ אויף דעם העכסטן גראַד. דעריבער רעכן איך זיך אויסצושלאָגן הוצאות פאַר מיין האָלידיי, אפשר נאָך מיט אַ פּאָר דאָזעס איבער נאָרמאַל, ווייל קיין קאַלעקעס פעלן דאָ ניט.

ביז איצט איז די טעמפּעראַטור געווען זייער הויך, נאָר איצט איז זי געפאַלן. דער באַלמאָרל קאָרנער האָט גענומען אַראָפּוואַרפן די היץ און די פּאַציענטן האָבן אָנגעהויבן הוסטן און ניסן. די זון ווייזט זיך שוין זעלטן — אַלע צוויי שעה אַן עסלעפל. אָבער כ׳האָב געמאַכט אַ „טשעק אַפּ״ אין דער געגנט, איז דאָרטן די נאַטור װוּנדערפול.

וויפל דער האָטעל וועט מיר קאָסטן ווייס איך נאָך ניט. מאָרגן וועל איך אָנהייבן טאַפּן דעם דופק. אויב דער האָטעל קיפּער וועט הייבן די טעמפּעראַטור וועל איך מוזן מאַכן אַן אָפּעראַציע מיט דער וואַקאַציע. איך האָב פיינט צו צאָלן יענעם צו פיל פאַר אַ וויזיט. דערווייל אָבער קלאַפּט נאָך דער פּולס נאָרמאַל, מאָרגן וועל איך דיר שיקן אַ נייעם בולעטין. דאָס איז די נייעס ביז היינט.

פּ. ס. אַליע מיינע פּאַציענטן זיינען אַוועק צו אַ קאָנצערט, וואָס די יאָהאַנעסבורגער קאַלעקעס האָבן דאָ אַראַנזשירט, בין איך אויך מיטגעגאַנגען. די אָפּעראַציע האָט זיך געניטיקט אין אַ „בלאָד טראַנס־פיוזשן״, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט צו פיל בלוט. די אַקטיאָרן האָט מען געמעגט אַריינקלאַפּן אַ פּאָר „אינדזשעקשנס״ איידער זיי זיינען אַרויס אויף דער בינע. דאָ איז געווען אַ זינגעריק, וואָס מען האָט ניט געקענט וויסן וואָס זי איז — אַן אַלט אָדער אַ סאָפּראַנאָ? ביים קומענדיקן קאָנצערט וועל איך פּרווון שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז.

זיי געזונט און היט זיך פאַר אַ צוקווינט!

דיין פעליקס רופא

4. אַ חזן שרייבט

מײַן ליבער קאַנאַריקל !

גוט וואָס איך בין אָנגעקומען קיין מיוזנבערג צום ערשטן מנין, צו מה טובו, ווייל אַ וואָך שפּעטער וואָלט מײַן שוין געמעגט „אויס־שפּייען" צו עלינו, ס׳וואָלט שוין געווען נאָך יזכור.

איך האָב נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק אַ הוסטעלע צו טאָן, האָט מען שוין אַראַנזשירט פאַר מיר אַ קאָנצערט אויפן פּאַוויליאָן, ווי פאַר דעם גרעסטן סטאַר. כ׳האָב זיי אַוועקגעלייגט אַ שטיקעלע יהי רצון, אַז אַלע ווייבעלײַר זיינען געפאַלן כורעים. עס איז געווען דער אמתער „היט" און מ׳האָט געפּאַטשט בראַוואָ גאָר אויף די הייכע אָקטאַוועס.

דערווייל גייט מיין האַלידיי ווי אַ מיזמור. איך ווין אין האָטעל אויף דעם העכסטן פלאָר — דו ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב ליב צו קריכן אויף די אייבערשטע טענער.

וועגן די „האָלידיי־מייקערס", וואָס דו פרעגסט זיך נאָך, מוז איך דיר שרייבן אַז זיי זיינען ניט אַזוי אַי־אַי־אַי, נאָר אַי־אַי־אַי מיט אַ קרעכצעלע, ווי יום־כיפּור, נאָר מ׳וועט זיך מוזן צוגעוואוינען. ווי זאָגט מען: אין וואָסער שול מען קומט, אַזאַ קדושה זאָגט מען.

ביי מיין טישל, אין דיינינג רום, זיצן אַ פּאָר פאָלק, האָב איך פון זיי צו זינגען און צו זאָגן. זי נעמט אים אויף די הייכע טענער און מאַכט אַזוינע יעלות, אַז עס איז ממש ווי ביי שערי שמים פּתח. נאָר ער איז דווקא אַ שווייגעײַר, האָט עולם אים אַ נאָמען געגעבן „די שטילע שמונה עשרה"; ווי זי מעסט אים נאָר אָפּ מיט אירס אַ בליק גייט ער אויס.

דאָס עסן איז דאָ ניט צו באַטעמט, ווייל אַ גוטן מאָלצייט קריגט מען דאָ ווען ס׳פאַלט אויס דריי טעג ראש חודש. האָט טאָקע איינער פון די געסט דאָ ניט לאַנג געמאַכט דעם בעל הבית דעם אמתן „מי שברך" און אַלע האָבן הנאה געהאַט, ווייל ער האָט עס געטאָן ווי אַן אמתײַר משורר.

אונדזער „ווייטער" נעמט שטענדיק פאַלשע נאָטן און דעריבער פאַרבייט ער כסדר די יוצרות.

די קעכין אַ פּנים טויג ניט, זי איז טעמפּ אויף דער עברי.

יאָ, נעכטן ביינאַכט איז ביי אַ קאָרטן־טישל אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַלכעלע, ווייל איינער האָט געוואָלט אויסנעמען און חברה האָבן אים ניט געלאָזן. נו, האָט ער ניט געלאָזט ווייטער לייענען. הכלל, איך האָב זיך אַריינגעמישט מיט אַ ויתן לך און מען האָט זיך ווידער געשטעלט צו מוסף. אַז כ׳האָב זיך גוט צוגעקוקט צו זייער שפּיל, האָב איך גלייך באַמערקט אַז די משוררים פאַרשטייען ניט דעם פּירוש המילות און ס׳איז אַ ביטערער רחמנות אויף זיי, ווען זיי דאַרפן זיך נעמען צום ונתנה תוקף.

ווען מ׳הערט מיר, וואָלט איך סטאַקאַטאָ אין גאַנצן אָפּגעהאַקט דאָ די קאָרטן־שפּילעריי, אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט פאַר זיי מיין זאָגעכץ? ווער עס ווייס ניט, נאָר דו ווייסט דאָך יאָ, אַז איך האָב קיין שטימע ניט.

זיי זשע מיר געזונט, מיין קאַנאַריקל.

מיט די בעסטע בענקנדיקע טענער נאָך דיינע גאָגל־מאָגעלעך, פאַרבלייב איך דיין זינג־פייגעלע לעולם וועד.

דיין שלמה משורר

מ ע נ ד ל ט אַ ב אַ ט ש נ י ק

5. אַ טעקסי דרייווער (אַ געוועזענער היימישער בעל־עגלה) שרייבט

מײַן טייערער זשרעבטשיקל!

דער וועג איז געווען גלאַט ווי אויף אַ „קאַטאָק“. די רעדער פון וואַגאָן זיינען גײַווען גוט געשמירט. פרעג שוין גאָר ניט: אַז מ׳שמירט פאָרט מען! זעסט, זשרעבקעלע, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט שרייבן פּינקטלעך, פּינקטלעכער ווי מיינע פּאַסאַזשירן פלעגן קומען צום וואָגן אין אַ ווינטערדיקן פראָסטיקן באַגינען.

די קרעטשמע ווו כ׳בין פאַרפאָרן, גייט אויף רעדער. דער טומל איז דאָ גרויס, אײַנײַער הוקעט, אַ צווייטער וויאקעט, ווי אויף אַן אמתן יאַריד, מער ניט די פערד שטייען ניט אין דרויסן. וואָלסטו געזען די אַרומגעפּוצטע און אַרומגעבערשטע מאַטאָרקאַרס אין דרויסן, ווי אויף אַן אמתן פערד־מאַרק. איך בלייב דאָ פּאַרקן צוויי וואָכן, כאָטש דער האָטעל זעט אויס ווי אַ 1935 פאָרדל. מען באַהאַנדלט דאָ מיר ניט שלעכט, דער באַלעבאָס ציט ניט איבער די לייצעס און איך פיל זיך ניט ווי אַ פינפטײַר ראָד צום וואָגן.

דער „טראַפיק“ דאָ אין דײַנינג רום איז ווי אין יאָהאַנעסבורג אין „ראש האאוער“, אָבער די קאַר איז ניט „אָווערלאודעד“ — מיר זיצן ביי איין טישל פיר פּאַסאַזשירן און איך, פאַרשטייט זיך, פיר דאָס רעדל.

אויף דעם ספּעקטאַקל, וואָס די פּאַרשוינען דאָ האָבן געפּראַוועט, בין איך אויך געווען. עס האָט זיך אָנגעהערט, ווי מען וואָלט ניט געשמירט די רעדײַר. ס׳איז ניט געלאָפן דאָס פערדל, כאָטש נעם אַ בייטש און דערלאַנג אים אַ זבענק אַז ער זאָל הייבן די רגלים. דער ערשטער זינגער האָט זיך גלייך ביים אָנהייב צעפּוזשעט און פאַרפאָרן מיט די האַלאָבליעס אין לכה דודי אַריין. ביי אַ צווייטן זינגער האָט אַ ראָד געסקריפּעט און מ׳וואָלט אים געדאַרפט אויסשמירן די קעקע מיט אַ ביסל דזשײַגעכץ. ביי אַ דריטער זינגערקע האָט זיך אויסגעלאָזט פּעטראָל און זי איז די גאַנצע צייט געפאָרן אין אַ צווייטן „גיער“. חוץ

דעם האָבן זיי אַלע געבלאָנדזשעט און ניט געפונען דעם וועג, איינער איז אפילו פאַרפאָרן אין אַ „וואָן וויי סטריט״ און ניט געוווסט ווי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פון דאָרט. ווען עס ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך זיי יעדן איינעם געגעבן אַ טיקעט און נאָך צוגענומען די לייסנס פאַר עטלעכע יאָר, ביז זיי וועלן קענען גוט פאָרן.

איך בענק זייער שטאַרק נאָך דיר, מיין זשרעבטשיקל!

איך וואָלט איצט אַ גאַלאָפּ געטאָן צו אונדזער שטעלכעלע אפילו 80 מייל אַ שעה נאָן סטאָפּ.

גיב אָפּ גרוסן צו אונדזערע לאָשיקלעך, זיי הירזשען מיסתמא דיר אָן אַ פולן קאָפּ,

ווי עס ווינטשט דיר דיין יאָקל סווישטש.

6. אַ פּאַרבער שרייבט

פיל פריידּ און גרויס גליק זאָל גרייכן צו מיין טייערינקן אוזאָרטשיקל!

ערשטנס, קום איך דיר צו מעלדן, אַז כ׳האָב ניט געהאַט קיין צו גוטן וועג. קענטיק אַז די רעדער פון וואַגאָן זיינען ניט געווען אויסגעאיילט, האָט עס געקלאַפּט און געטראָסקעט אָן אויפהער. און דאָס עסן וואָס מ׳האָט דערלאַנגט — אַזאַ מזל אויף זיי! ס׳האָט געשלאָגן פון די פּאָטראָוועס מיט אַ ריח פון „באַילד אויל״ און אַנדערע האָבן געשמעקט מיט טערפּס.

אַז כ׳בין אַריינגעקומען אין האָטעל, איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דעם „פיינטער״ וואָס האָט געמאַכט דעם „דזשאָב״ האָט מען געדאַרפט די הענט אָפּהאַקן. ער האָט עס אַזוי צעחזירט, ווי די בלאָטע ביי אונדז אין געסל נאָך סוכות. פונקט אַנטקעגן מיין בעט האָט דער שמירער איבערגעלאָזט אַ לאָך און די פּלאַסטער פאַלט אַרויס. בין איך קיין ייד ניט — ווען כ׳האָב ביי זיך מיינע אָווראָלס מיט אַ ביסל פּלאַסטער אָון פּעריז, וואָלט איך עס אַליין גלייך אָפּגעפיקסט. ווייסט דאָך, אַז דאָס ערגסטע וואָס כ׳האָב פיינט איז אַ לאָך.

איך האָב שוין דאָ אפילו געהאַט אַן אַרגומענט מיט דער באַלעבאָסטע. אַז זי האָט נאָר דערזען אַז כ׳לייג צו פיל פּוטער אויף מיין ברויט האָט זי זיך עס צעשריען: מ״ר, איר זעט נאָר ווי איר שמירט, דאַכט זיך אַ ביסל צו דיק. אויף דעם האָב איך געענטפערט: קיין בלאָט גמרא קען איך טאַקע ניט, נאָר ווי צו שמירן אָדער שפּאַכלעווען דאַרף מען מיר ניט לערנען. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָב איך איר דערלאַנגט אַ קאַלך אָפּ אַז דער גאַנצער דייניגג רום איז געוואָרן חושך־שוואַרץ. הכלל, איך האָב זיך גלייך אַריבערגעמופט אין אַ לייטישן האָטעל וווּ מיין רום איז אויסגעדעקאָרייטעד מיט ספּאַניש פּלאַסטיק, נאָר די שטריכן זיינען קרום — פאַר דעם אַליין האָט מען געדאַרפט דעם שטריכן־ציער אויסדרייען די הענט.

נעכטן האָב איך געמאַכט אַן התחלה אין אַ גיים אָוו פּאָקער. איך

האָב געמאַכט אַ גוטן סטאַרט, דער „פּריימינג קויט" און דער „אַנדער־קויט" האָבן זיך מיר איינגעגעבן. ביים פינישן האָט מען מיך אָבער גענומען שלייפן און מאַלעווען, אַז איך בין אַרויס ריין.

די יאָהאַנעסבורגער קאַליקעס האָבן דאָ געפּראַוועט אַ קאָנצערט, אַז פאַרברענט זאָלן זיי ווערן. האָבן זיי דאָס אַ ביסל צעדריבלט דעם דזשאַב. דער ערשטער אַקטיאָר, ווי נאָר ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף דער בינע, האָט אים גענומען וואַרפן אין קדחת ווי ער וואָלט געשטאַנען אויפן צענטן פלאָר אויפן סקײַפּל. נאָך איינער איז אַרויף — איז עס ניט געווען ניט געקאָלכט און ניט געשפּריצט. די זינגערקע האָט מען געדאַרפט אויסשמירן דעם גאָרגל מיט אַ דריי אינטשיקע בראַש. זייער גליק וואָס כ'האָב דאָ ניט געהאַט מיט זיך מיין „פּאָט מיט וואַרניש", איך וואָלט זיי אַלעמען אָפּגעליאַקירט מיט אַזאַ גלאַנץ אַז זיי וואָלטן זיך ניט געקענט אָפּשייערן. האָב איך זיך דערלאַנגט אַ כאַפּ און געלאָפן צום קאַסע בעטן מיין געלט צוריק, נאָר דער קאַסיר איז שוין מיסתמא „עקספּיריענדס" — ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן מיט די פּאָר שילינג. זיי קענען שוין לאַנג וואַרטן מיר נאָך אַ מאָל צו האָבן פאַר אַ „קאַסטימער". איך האָב פיינט אַזוינע קאָנטראַקטערס, וואָס זוכן דיר צו פאַרמאַליעווען.

זיי געזונט און גריס די האָלאַדראַנצעס, אונדזערע אַלע שמירערס.

דיין מיכאל רעגנבויגן

7. אַ שניידער שרייבט

מײַן טייערער פינגערהוטל!

דער וועג קיין מיוזנבערג איז געווען גלאַט, ווי אויסגעפּרעסט מיט אַן „עלעקטריק אײַען". און אין מיוזנבערג גופא האָב איך געפונען פאַר מיר אַנגעצײַגרייט אַ רום, ערשט פון נאָדל אַרויס. דער האָטעל איז אַ נייער, „מייד טו אָרדער". אַנטקעגן שטייט פונקט אַזאַ האָטעל ווי אונדזערער און עס זעט אויס ווי צוויי קאַלאַשעס פון איין פּאָר הויזן.

איך האָב דאָ געטראָפן פיל מענטשן און כמעט אַלע טראָגן נייע גאַרניטורן, נאָר האָסט געדאַרפט זען אַ נייעכץ! ביי איינעם איז דער דזשעקיט געהאָנגען ווי אַ זאַק, ביי אַ צווייטן איז אין די פּאַכוועס געווען אַן ענגשאַפט, און ביי אַ דריטן זיינען די קאַלאַשעס געווען אַזוי לאַנג און ברייט, אַז ער האָט פשוט ניט געקענט געפינען זיינע אייגענע פיס. די שניידער וואָס האָבן די סוטן גענייט, האָבן געמעגט זיין די כפרה פאַר מײַן צעבראָכענעם פינגערהוט.

איך האָב דיר שוין געשריבן, אַז פונקט אַנטקעגן אונדזער האָטעל שטייט נאָך איינער, וואָס ביידע זעען אויס ווי צוויי קנעפּלעך פון איין פּאָלע, נאָר אַז דו באַטראַכסט דעם קעגנאיבערדיקן האָטעל גוט, קענסטו גלייך זען אז ער איז איבערגעניצײַוועט, אפילו די פּאַסטריגעס זיינען נאָך קענטיק ניט אַרויסגעצויגן און אַרום דעם קאָלנער איז ניט אַרומגעפּוצט.

דאָס עסן, זעסטו, איז דאָ ניט ווערט קיין צעבראָכענעם קנעפּל. מען גיט אונדז קדחת מיט כשרע פּאָדעם צום פאַרבייסן. מען עסט דאָ מיט אַ מאָס — אַלע מאָל צו קורץ. אפשר צוליב דעם קומען דאָ געקליבענע געסט, וואָס פּאַסן זיך אַריין צו דער מאָס.

איך האָב דאָ שוין געהאַט אַן אַרגומענט מיט אַ יידן אַ לאַטוטניק. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָב איך אים אַ נעם געטאָן פאַר די לאַצן, דערנאָך פאַר דעם קאָלנער, ביז איך האָב באַלד אים אַרויסגעטרענט אַן אַרבל. ער האָט מיר געוואָלט אַרויסציען די פּאַסטריגעס, נאָר איך בין אים

אַריינגעפּאָרן מיט אַ הייס פּרעסל אין פּעמפּעק, אַז ער האָט באַלד פאַרלוירן די תחתונים.

דו ווילסט מיסתמא וויסן וואָס עס הערט זיך ביי מיר מיט אַ פּאָקערל, קען איך דיר שרייבן אַז דערווייל האָב איך זיך נאָך ניט צוגעזאַמאָסטן קיין שפּילערס. זיי האָבן מיר געהאַלטן אין אייך מעסטן מיט די אויגאַנעס, נאָר איינגעפּעדעמט האָבן זיי מיר ניט. ביז אַ זשילעטקע האָט זיי אויסגעפּעלט צום גאַרניטער און זיי האָבן מיר געלייגט אַ לאַטע — און נאָך וואָס פּאַר אַ לאַטע! די לאַכודרעס האָבן מיר באַלד דעם ערשטן אָוונט אויסגעטרענט אַן אַרבל, אָבער זאָרג זיך ניט, איך וועל זיי שוין צושניידן — דו קענסט דאָך מיר! איך וועל זיי פאַרסטריגעווען און אויספּרעסן, אַז פונקען וועלן זיי פליען פון די אויגן.

דער „האָטעל קיפּער" גייט אָנגעטאָן אין סאַמע קאַדער נאָך פון מלך סאביעצקיס „סטייל": אַלץ הענגט אויף אים, ווי אויף אַ סטראַשידלע. די ברייטע הויזן זיינען תמיד פאַרשלומפּערט און ניט אויסגעפּרעסט, אָבער דערפאַר האָט ער אַ ווייבל אַ גלאַטע שטיקל סחורה און זי גאַר טראָגט די הויזן. די באַדינונג דאָ איז אָבער ניט אַי־אַי, ווען די באַלעבאָסטע לאָזט מיר צו צו די „באָיס" וואָלט איך זיי אַנדערש צוזאַמענגעסטריגעוועט און וואָלט אַ סך אַרויסגעלאָזן.

אין אַלגעמיין וועל איך מיין האָלידיי מוזן שניידן און אַ סך קירצן.

ווייטער איז קיין נייעס ניטאָ. די ווערטערן זיינען אָנגעבלאָזן ווי אַ צו גרויסער גאַרניטער, נאָר מען דאַרף האָפן אַז ס'וועט זיך אין גיכן אַ ביסל אויספּרעסן.

זיי געזונט, מיין ליב פינגערהוטל, ווי עס ווינטשט דיר דיין

משה חייט

מענדל טאַבאַטשניק

8. אַ קלעזמער שרייבט

מײַן טײַערינקע סטרונעלע!

זעסטו, איך שרײַב דיר אַזוי פֿינקטלעך, ווי פֿינקטלעך איך סטראָיע אָן מײַן פֿידעלע.

מײַן פּלי אויפֿן עראָפּלאַן האָט דאָס מאָל גראָדע ניט געפֿידלט. ער איז פֿלוצלינג אַרויף און מיט אַמאָל אַראָפּ מיט גאַנצע אָקטאַוועס. אין די מינוטן האָב איך גע־טראַכט, אַז אָט און מ׳וועט גאָר דאַרפֿן אָוועקלייגן דעם סמיטשיק. אויפֿן האַרצן איז מיר געווען פּונקט אַזוי ווי ווען אַ שפּילער טרובעט מיר אַרײַן אין אויער אַ פֿאַלשע נאָטע. כ׳האָב געפֿילט אַז די מאָטאָרן הודזשען מיט פֿאַלשע טענער און ס׳איז געווען אַ קלאָג צו דער האַרמאָניע.

דער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געזעסן ביי מײַן זײַט, האָט געהאַט אַ קאָליר ווי די פּאַרמעט פֿון מײַן גרויסן באַראַבאַן, און פֿון דער צווייטער זײַט דער פּאַסאַזשיר האָט געהאַלטן אַ פּאַפּירענעם זעקל ביים מויל און האָט כסדר אין דעם אַרײַנגעכאָרכלט מיט אַ טאָן ווי פֿון אַ פֿאַרזשאַווערטן טראָמבאָן.

איך האָב געהאַלטן אין איין מינטערן מײַן זייגער אַז ער זאָל נעמען אַ גיכערן טעמפּאָ. אויף צו להכעיס אָבער האָבן זיך ביי אים די טענער געצויגן ווי דער יידישער גלות. מיט מזל האָב איך קוים דערלעבט אַז די רעדער פֿון עראָפּלאַן זאָלן סטאַקאַטאָ אָנרירן דעם גרונט און אין מײַנע אויערן האָט זיך אין דער רגע צעקלונגען אַ פֿריילעכער חופּה־מאַרש.

אין האָטעל, וווּ מ׳האָט מיך באַזעצט, האָב איך טאַקע אין דער זעלבער צײַט דערוויסט אַ חתונקע מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג: די באַלעבאַסטע האָט געמאַכט קולות אויף אַלע אָנגעצויגענע סטרונעס און איר מאַן, נעבעך, איז געשטאַנען ווי אַ צעשראָקענער חתן אונטער די פֿיר פֿלעקל־נער און די קני האָבן זיך אים געטרייסלט, ווי די פּלעקלעך אויפֿן פּייקל.

איך האָב שוין איינגעשטעלט מיינע כלים. דעם טשעמאָדאַן מיטן פּנים פון אַ באַנדורע האָב איך גלייך אויסגעפּאַקט, אַנגעצויגן אויף זיך די מוזיקאַנטסקע תחתונים און זיך אַן צערעמאָניעס אַוועק־געלאָזט צום ים. געווען איז עס אַ שטורעמדיקער טאָג און דער ים האָט געשפּילט ווי דער אָרקעסטער פון אונדזער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. די פלייטן מיט די טראָמבאָנען זיינען אָבער ניט געווען שווה בשווה, די פּויקן האָבן טעמפּ געקלאַפּט און עס האָט אין גאַנצן געפּיצלט דער קלאַנג פון די טאַצן, אַזוי אַז ס׳איז געווען אַ ווילדער טומל און אַ רעש און מ׳האָט בפירוש געקענט פילן אַז דאָ פעלט אַ קאַפּעלמייסטער.

אין דיינינג רום האָט מען מיך באַזעצט ביי אַ טיש מיט צוויי פּאָרפּאָלק פון ביידע זייטן, און כ׳האָב זיך געפילט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן. ביי מיין רעכטער האַנט: דער מאַן, אַ דאַרינקער און דינינקער ווי מיין סמיטשיק, נאָר זיין ווייב דערפאַר איז געווען ניט קיין איבער־געפאַלענע און האָט אויסגעזען ווי גרשונס באַס: פּאָרנט האָט אַרויסגע־סטאַרטשעט אַ וואַזשנער בוזעם און הינטן אַ פיין־אויסגעבעטער קיילעכדיקער געזעס. תמיד קוקנדיק אויף איר, פלעגט עס מיך דער־מאָנען ווי גרשון פּירט זיין סמיטשיק איבער דער בייכיקער באַנדורע. ס׳פּאָרל פון דער לינקער זייט איז געווען דער היפּוך: זי — דאַר און מאָגער ווי לייבעס פּייפיאַל, און ער — די באַנדורע. און פּונקט ווי די ביידע כלים הויזן ניט צוזאַמען, אַזוי אויך האָט דאָס פּאָרל ניט געקלעפּט צו אַנאַנדער. אַז ער פלעגט אָנהייבן אַן אַרגומענט מיטן ווייב אויף זיין באַסאָוועד שטים, פלעגט זי גלייך פּאָרציען אַ קוויטשקעלע ווי אַ פּייפיאַל און קיין שלום בית איז ניט געווען.

הכלל, מיינע פיר פּאַרשוינען ביים טיש האָבן מיך כסדר דערמאָנט אַן מיין קאַפּעליע. האָב איך דאָ אויך איבערגענומען די ראָל פון ערשטן פידלער און בין אַריינגעפאַלן מיט מיינע רייד פּונקט צום טאַקט. איך האָב דיריזשירט מיט גאָפּל־מעסער אַ מאָל צוויי פּערטל, אַ מאָל דריי פּערטל און אַמאָל 6 אַכטל און איך בין איצט געבליבן ביים טיש שפּילן די 1טע פידל.

אויף דעם שבת אָוונט האָט מען דאָ אַדווערטייזט אַ קאָנצערט. דער היגער אָרקעסטער וועט דאָ אין שטאָט־זאַל שפּילן אַ סימפאָניע, שטעל איך זיך שוין פאָר וואָס פאַר אַ טעם דאָס קען האָבן אַז איך וועל מוזן זיצן אין זאַל. וואָלטן זיי מיר איינגעלאַדן צום שפּילן, וואָלט איך זיי געטאָן די טובה, נאָר אַזוי ווי זיי וועלן דאָס מיסתמא ניט טאָן, ווײַל איך מוזן מיטנעמען מיט זיך מיינע טראַנקווילייזער־פּילן, כדי איך זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון טאָן... יאָ, אויף די פּלאַקאַטן איז אָפּגעמענטשלט די פּיקטשור פון דעם קאָנדאַקטער. האָט ער עס אַ ביסל אַ נאָז, פּונקט ווי אַלטערס טרובע — אויבן שמאָל און אונטן ברייט. היינט וואָס פאַר אַ טעם קען שוין אַזאַ באַנאָזטער קאָנדאַקטער האָבן. נאָר פאַרפאַלן, כ׳האָב זיך שוין איינגעהאַנדלט אַ טיקעט, וועל איך מוזן אָנשטעלן מיינע כלים און הערן. גלייך נאָך דעם קאָנצערט וועל איך מירצעשעם שרייבן אַ בריוו און דיר לאָזן וויסן ווי דער אָרקעסטער האָט געקלונגען.

הלוואי וואָלט איך דיר קענען לאָזן הערן זיסערע מוזיק און בשורות טובות.

זיי געזונט, ווי עס ווינטשט דיר

דייַן יאָסעלע סאָלאָוויי.

אויס מיט
לעבעדיקע
ציַיטונגען

כ׳האָב פעסט ביי זיך אָפּגעמאַכט און כ׳גיב אייך מיין ערן־וואָרט אויף דעם, אַז מהיום והלאה, פון היינט אָן און ווייטער, שרייב איך ניט מער פאַר קיין לעבעדיקער צייטונג און מעג אפילו דער רעדאַקטאָר זיין וועלט־באַרימט... אויב שוין יאָ שרייבן וועל איך עס שוין בעסער טאָן פאַר אַ טויטער צייטונג, אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט וויסן ווער איך בין און וואָס איך בין, דאַן ערשט וועל איך קענען רואיק הנאה האָבן פון מיינע האָלידייס אין מיוזנבערג.

פאַר מיר איז עס אַ וויכטיקער באַשלוס און ער איז טאַקע געקומען ווי אַ פועל־יוצא פון מיין לעצט־מאַליקן האָלידייעווען אין מיוזנבערג. דאָס איז ניט געווען קיין האָלידיי, נאָר עס איז געווען, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַן אָפּקומעניש, אַ פאַרשטערטע שמחה, להבדיל. און דאָס ערגסטע איז, וואָס איך בין אין דעם פאַל אין גאַנצן אומשולדיק געווען. ומעשה שהיה כך היה:

מיט אַ פאַר יאָר צוריק האָב איך זיך אַראָפּגעכאַפּט צום סעזאָן אין מיוזנבערג, ווי אַלע אַנדערע יידן, און מיט אַלע צוזאַמען האָב איך טאַקע הנאה געהאַט פון גאָטס וועלטל, פון ים מיט זיינע ליוויתנס (חלילה ניט קיין שאַרקס...) און גלייכצייטיק געווען „ביזי" מיט באַשרייבן טיפּן, מיט וועלכע כ׳האָב פאַרבראַכט ביים ביטש און ביים טיש.

נו, האָב איך אָפּגעפאַרטרעטלט מיט מיין פען אַ הייפל געסט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, און קומענדיק צוריק אַהיים האָב איך מיינע פאַרשוינען פאַרגעשטעלט אין אַ לעבעדיקע צייטונג. איז זאָגט אַליין, וואָס איז דאָ די עוולה דערביי. איך זע אין דעם קיין בייז ניט, חלילה, ביי אַנדערע איז עס גאָר אַנגעלייגט — מען ווערט פּאָפּולער. אָבער די נאָכווייענישן האָבן זיך געיאָוועט שפּעטער.

הײנטיקס יאָר, אַז איך בין ווידער געקומען קיין מיוזנבערג און ווי מיין שטייגער זיך אַ נעם געטאָן צום ים מיט דער לופט — אָנגעהויבן אַריינאָטעמען פולע פּאַרציעס, האָט זיך טאַקע גלייך אָנגעהויבן מיין טראָבל. דעם ערשטן טאָג האָב איך זיך אויסגעפּוצט

אין באַד־קאָסטיום, זיך באַוואָפנט מיט אַלע נייטיקע מכשירים און שמי־רעכצן אויף זיך צו פאַרהיטן פון דער הייס־פריינדלעכער זון, זיך אויסגעשמירט אין אוילן און אפילו אָנגעטאָן אַ היטל מיט אַ לאַנגן בריליאַק אויף צו פאַרשטעלן די נאָז — האָב איך זיך אַזוי אַראָפּגעלאָזט אויף דעם בריאיקן זאַמד פון ביטש.

און מער ווי זאַמד זיינען דאָ געווען מענטשן, און צווישן דאָזיקן פילדערנדיקן עולם האָב איך אָנגעהויבן זוכן באַקאַנטע פנימער, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. ווייל כ׳האָב אַ כלל, אַז מען טאָר ניט פּראָווען קיין האָלידיי ביחידות, נאָר טאָקע בקאָמפּאַניע. זוכט זיך אויס מענער, פּרויען (אוודאי איז פּרויען בעסער) און אָן צערעמאָניעס דאַרפט איר ווערן מיט זיי חבר־לאַפּ. ערשטנס, איז עס אַ סגולה צום קיבעצן די אַנדערע, אייערע באַקאַנטע, און דאָס איז געזונט פאַר אַ האָלידיי, און צווייטנס, וועט איר ניט דאַרפן זיצן גאַנצע טעג אַליין, ווי אַן אַנטלאָפענער קאַטאָרזשניק, להבדיל. איז ווי איך קוק זיך אַזוי אַרום: אהא, טאַקע דאָ דערנעבן זיצט זיך אויפן זאַמד אַ גאַנצע קאַפּעליע, מיט וועמען כ׳האָב פאַרבראַכט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. כ׳לעבן, די זעלבע פאַרשוינען וואָס איך האָב באַשריבן אין דער לעבעדיקער ציטונג.

איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן: מיין שימחה איז געווען אין לשער. ס׳טייטש, אַזאַ צופאַל! און כ׳טו זיך האַסטיק אַ לאָז צו זיי מיט אַ ברייט־יומטובדיקן „העלאו" און נעם יעדן פון זיי אָפּשטעקן אַ שלום־עליכם. אָבער דערשטוינט בין איך געוואָרן ווי קאַלט די חברה האָבן צוריקגעמורמלט אויף מיין באַגריסונג און איינציקוויין, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צוזאַמענגערעדט, האָבן זיי זיך גענומען אָפּקערן פון מיר.

„דזשענטלמען", דריק איך שוין אויס מיין פאַרוואונדערונג אויף ענגליש, כדי צו מאַכן אַ בעסערע „אימפּרעשן", „וואַט איס דהע מעטער, עניטהינג ראָנג, אַרנ׳ט ווי אָלד פריענדס ?" און כ׳קוק יעדערן אין די אויגן אַריין.

„נאָטהינג ראָנג", רופט זיך אָפּ דער געוועזענער באַלעגאָלע,

וואָס זיצט אין מיטן, „מיט אַזאַ זשרעבוק ווי דו ביסט איז גלייכער אַז מ׳האָט מיט זיך די בייטש״. און ער איז נאָך דערצו מוסיף מיט פירוש: „אַזאַ ספּריטנע אָגערל ווי דו, איז בעסער אָנצוטאָן אַ צוימל און האַלטן צוגעבונדן צום פּאַרקאַן, ווייל אַניט קענסטו זיך נאָך צעפּוזשען אין אַ גאַלאָפּ ביז דו ווערסט אכוואטשעט ווערן אויף די קאַפּיטעס״.

און דער געוועזענער באַלעגאָלע הירזשעט זיך פּאַנאַנדער פון זיין אייגענער חכמה און אַלע לאַכן מיט. איך בלייב שטיין מאָדנע צעטומלט און פאַרשטיי ניט וואָס דאָ קומט פאָר. דאַרף עס ניט צומאָל זיין אַ וויץ ?

רופט זיך מיט אַ מאָל אָפּ דער שניידער:

„זעט נאָר ווי ער שטייט דאָ ווי אַ נעבעכל, וואָס קען אפילו קיין פינגערוט ניט ציילן. ביסטו עס ניט דער שרייבערוק, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַשריבן די „דזשענטלמענס״, ווי איר רופט אונדז היינט, די עמך, שער און אייזן״. און ער הויבט אָן שיטן אויף מיר מיט שניידערשן רעקוויזיט: „איר האָט אונדז דאַרט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין אויסגעטרענט די אַרבל. איר האָט יעדערן צעקנייטשט די קאַפּאָטע און גאָר ניט שלעכט אַרומגעסטריגעוועט. טאָ וואָס זשע מאַכט איר אַזאַ יאָלדעוואַטן פּנים, ווי איר וואָלט אַריינגעקראָכן אין אַ פרעמדן גאַרניטער. און איר שטייט דאָ איצט אַזוי צעקנייטשט ווי מ׳וואָלט אייך אויסגעפּרעסט מיט אַ קאַלטן אייזן. זאָלט איר וויסן זיין מ״ר קאַסטימער, אַז מ׳קען ניט אויפנייען אַ רעכטן דזשעקעט בייט מען תחתונים, און אַז מ׳קען ניט נייען קיין תחתונים לייגט מען לאַטעס אויף פויערישע סערמיגעס, ענד איף יו׳ל אַסק מי, קענט איר אפילו קיין נאָט ניט פאַרפרעסן...״ און ווידער שיסן אַלע אויס מיט אַ געלעכטער, וואָס פאַרגייט מיר אונטערן זיבעטן ריפּ.

„שאַ, קינדער״, באַרואיקט זיי דער חזן גוט ברודעריש און מיט אַ זינגעוודיק קנייטשל, „וואָס האָט איר זיך אַזוי צוגעכאַפּט צו אַן אומשולדיק משורר׳ל, נעבעך? אין וועלכן מחזור שטייט עס געשריבן

אַז אַלע מוזן עס פאַרשטיין דעם פירוש המילות? און אויב ער איז ניט קיין מבין אויף נאָטן און פאַרשטייט זיך ניט אין די קליינע פינטעלעך, טאָר מען אים שוין דעריבער צום עמוד ניט צולאָזן? נאָנסענס! מיר לעבן אין אַ פרייער מדינה און יעדער קען נעמען וואָס פאַר אַן אָקטאַווע ער וויל — לאָזט אים, זאָל ער אַריינפאַלן אין סטאַקאַטאָ, אין אַ טערצע, אפילו אין אַ פוגע מעג ער זיך אויסגאָרגלען. איי עס פעלן אים די איבערשטע טענער, עס פעלט אים די פאַלצעטאָ מיט דער קאָלוּראַטורע, איז זאָל ער זינגען זיין מיזמור לדוד, אָבער פאַרלאָזט זיך אויף עולם — עולם איז קיין גולם און וועט שוין וויסן ווי אים אָפּצוזאָגן דעם פסוק „וצאתך לשלום". איז אויב אַזוי, טאָ לאָזט אים צורו ובא לציון גואל ונאמר אמן..."

„וואָס מיינט איר איך — דאָ איז אַ פרייע מדינה?" רופט זיך אָן דער דאָקטאָר צום חזן מיט אַ פראַגע און מעסט אָפּ פון אויבן אַראָפּ דעם עולם: „אויב פריי, מיינט איר, קען זיך יעדער פּאַציענט טאָן וואָס ער וויל, זיך אויסקלייבן אַ טאַניק צי פּילן וואָס געפעלן אים. אַבי איינער האָט אַ טערמאָמעטער קען ער שוין ווערן אַ דאָקטאָר און שטעלן אַ דיאַגנאָז. קאַליקעס וואָס איר זייט!" טוט ער אַ זאָג מיט גרינגשעצונג צו זיין קאָמפּאַניע: „מען מוז אייך אַלעמען מעסטן די היץ. ווי וואָלט געווען אַ שטייגער, ווען אַנשטאָט אויסצושניידן דעם אַפּענדיק, וועט איר גאָר שניידן די פּיליפּן פון נאָז — ווי וואָלט אַזאַ פּאַציענט אויסגעקוקט? אָדער נעמט, למשל, אַן אַרכיטעקט — איך האָב אַ ידיעה אויך אין דעם" — גיט ער צו באַרימעריש, „וואָס אַנשטאָט אַרויפשטעלן דעם קוימען אויפן דאַך, וועט ער אים אַריינשטעלן אין סיטינג רום, הא, שוין געזען ערגעץ אַזאַ אַרכיטעקט? ובכן, הערט מ"ר" טוט ער זיך אַ קער צו מיר, „איר האָט אַזאַ וויסן אין שרייבן, פּונקט ווי איר ווייסט ניט די ווירקונג פון געהאַקטע באַנקעס אויף אַ לונג־און־לעבער, אָדער ווי איר ווייסט ניט דעם אונטערשייד צווישן אַנגינאַ פּעקטאָריס און וועריקאָס וויינס. איך וואָלט אייך ראָטן צו נעמען קאַנוואַלעסינג און דערנאָך בייטן אייער באַרוף. דאָס וועט אייך אַרויסשלאָגן דעם טשאַד פון קאָפּ און איר וועט

מיט גאָטס הילף ווערן אויס שרייבער". אַזוי האָט דער דאָקטאָר פאַר־ענדיקט זיין לאַנגן דיאַגנאָז מיט אַן עצה צו מיר, ווי צו זיינעם אַ פּאַציענט.

„אָבער וואָס אַ שטייגער", האָב איך געפּרוווט מיך אָפּוווערן, האָב איך אייך אַלעמען אַזוינס געטאָן, וואָס איר זייט מיר פּלוצעם אַזוי באַפאַלן, ווי רויבער אין וואַלד".

„וואָס אַ שטייגער האָט ער געטאָן, דער צדיק, דאָס נעבעכל?" האָט זיך אַ זעץ געטאָן דער בוטשער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געברוילט זיין פּעטן בויך אויף דער זון. „פאַר די זאַכן וואָס איר האָט געטאָן, וואָלט איך אייך אויסגעטרייבערט די געדערעם און געמאַכט פון אייך אַ בעמבעקויע. זע נאָר ווי די רויבער זיינען אים פּלוצעם באַפאַלן; ווי אַ קעלבעלע וואָס מען פירט צו דער שחיטה שטייט ער דאָ. זאָלט איר וויסן זיין, אַז שוין אַ פּאָר יאָר ווי איך גרייט זיך אייך אַריינצוזאָגן אין זיבעטן ריפּ אַריין, אייך אָנבאָפּן פאַר אַ פּיסנאָיע און מאַכן פון אייך פּעטשאַ, טאָקע אַ קאַלטן פּעטשאַ. נאָר אייער מזל איז וואָס כ'האָב אייך די פּאָר יאָר ניט געטראָפן און דורך דער צייט האָט זיך מיין טריפהנע יוכע אָפּגעקילט — אָבער ווען איך טרעף אייך פריער וואָלט איך אייך געשאָכטן אויף טרפות, קיין גאַנצן ביין וואָלט איך אייך ניט איבערגעלאָזט. אַ העזה פון אַזאַ בהמה צו קריכן אויף פרעמדע לאַנקעס, ביי מיר וואָלט איר שוין געקראָגן די אמתע פּאַשע, אַז ס'וואָלט אייך פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט צו פּאַטשקענען אין די ביכלעך און צייטונגען..."

איצט האָב איך דערקענט די אַלע וואָס כ'האָב דאָן באַשריבן — און אַלע זיינען קעגן מיר, האָב איך געפּרוווט אַן אַנדער מיטל: אַפּעלירן צו זייער געוויסן, אפשר וועט דאָס ווייכער מאַכן זייערע הערצער און זיי וועלן האָבן איינזעעניש מיט מיר:

„נו, אַן עק", זאָג איך, „וואָס געווען איז געווען, אָבער איצט בעט איך אייך איבער און לאָמיר פון היינט לעבן בשלום!"

„וואָס איז", שפּרינגט איינער אַרויס מיט אַ פראַגע, „איר גייט סטאָפּן אייער שרייבעכץ?"

„צוליב דרך שלום וועגן בין איך גרייט צו סטאָפּן מיין שרייבעכץ אין אַלע לעבעדיקע ציַיטונגען און ווערן אַ שרייבער נאָר אין טויטע ציַיטונגען״. מעלד איך זיי מיין באַשלוס.

„יידן, גלייבט אים ניט!״ כאַפּט זיך אַרויס דער „פּיינטער״, „ער וויל אייך פאַרמאַליעווען די אויגן מיט אַ גרויסער דיסטעמפּער בראש. איר ווייסט וואָס דאָס מיינט: ער וויל אונדז געבן אַן איבעריקן „קויט״. דאָס הייסט אַז ער וועט נאָך ביי אונדז צונעמען אַן איבעריקע פּאָר שעה אַרבעט. וואָרעם כל זמן ער האָט נאָך געשריבן אין אַ לעבעדיקער צייטונג, האָבן מיר זיך דערוווסט פון זיינע שיינע דעקאָריישנס פון עמעצן אַנדערש, אָבער הייבט ער נאָר אָן צו שרייבן אין אַ טויטער צייטונג, וועלן מיר דאַרפן שלייפן דעם מוח כדי צו דערזען די פּינצטערע קאָלירן וואָס ער האָט אָנגעפּענדזלט״.

„אָבער קיינער איז דאָך ניט געצוווּנגען צו לייענען בגוואַלד״, פּרוּוו איך זיך ווידער אַ מאָל פאַרטיידיקן.

„געהערט אַ חוצפּה! נאָך צווינגען צו לייענען. אונדז צווינגט מען ניט!״ פאַרפאָרט מיר ווידער אַמאָל דער „פּיינטער״. „איר האָט ניט געטראָפן דאָס אָרט, מ״ר, מיר לייענען מיטן אייגענעם ווילן. און סוף כל סוף זיינען מיר דאָך יידן״, ווערט ער מיט אַמאָל ווייכער, „און יידן זיינען קיין גזלנים ניט. טאָ לאָמיר אים געבן נאָך איין טשאַנס. און אויב איר וועט דאָס מאָל זיך פאַרבעסערן, פאַרשפּאַכלעווען די לעכער און די שפּאַלטן, דאַן וועלן מיר מיט אייך ריידן. נאָר דערוויַיל, מ״ר, פאָלגט מיין עצה און פּענדזלט זיך אַוועק פון דאַנען וואָס גיכער, גייט זוכט זיך אַנדערע יאָלדן, וועמען איר וועט קענען צעשמירן אין די גאַזעטן״.

און אַז כ׳האָב באַמערקט, אַז דער קבלת פּנים פון מיינע באַשריבענע פאַרשוינען איז גאָר קיין וויץ ניט, האָב איך פאַרשטאַנען אַז גלייכער און געזינטער וועט זיין פאַר מיר אַז איך וועל זיך פון דאַנען פאַרנעמען, פאַרשווינדן ערגעץ.

אָבער מיט דעם האָבן זיך מיינע טראָבלס נאָך ניט פאַרענדיקט.

אויף מאָרגן קום איך שוין צום ביטש אָן דעם פּאַראַד פון

צוגרייטונגען און האָפענונגען. איך זעץ זיך אַראָפּ איינער אַליין אויפן זאַמד און באַטראַכט דעם הימל, דעם ים און זיינע כוואַליעס און זוך אַרום זיך אַ טעמע פאַר אַ הומאָרעסקע. מיט אַמאָל דערפיל איך ווי עפעס אַ פאַרשוין רוקט זיך צו האַרט ביי מיין זייט. אַט, טראַכט איך מיר, וועל איך דאָ אַריינכאַפּן אַ נייע פאַרציע זידלערייען. האָב איך אפילו מורא אַ בליק צו וואַרפן אויף מיין אומגעבעטענעם גאַסט, נאָר „שטעל אויף דעם קאָלנער״ פון מיין באָד־קאָסטיום און רייד צו זיך אַליין: נאַ, שיט ברודערקע, כ׳בין אויף אַלעם גרייט. נאָר דאָ האָט גאָר מיין פאַרשוין אָנגעהויבן ריידן ווי אַן אייגענער, ווי אַ פריינד, אָן גאַל און טויט־ערנסט:

„איר פאַרשטייט, כ׳האָב איך גראַדע געהערט לייענען אַ הומאָרעסקע, וויל איך ניט קאַמפּליינען, ווייל כ׳האַלט אַז אויב אַ שרייבער טויג ניט איז עס ניט תמיד זיין אייגענע שולד, נאָר אפשר גאָר די שולד פון די לייענער. איר פאַרשטייט, ניט יעדער לייענער איז אייך גרייט סתם אין דער וועלט אַריין צו לאַכן, און אַמאָל האָט ער גאָר קיין חשק ניט צום לאַכן. איר פאַרשטייט, קען זיין אַז סאַפּערטיים האָט ער זיך גאָר צעקריגט מיט זיין ווייב און דווקא בעת איר לייענט זיצט זי אויף צו להכעיס אָנגעוואַלגערט אויף זיין קראַנקער זייט און נעגעט אים און בורטשעט מיט קללות, טאָ ווי קען ער שוין לאַכן. אַט נעמט, למשל, מיר אַליין — איך בין בכלל אַ קעגנער פון לאַכן. ביי מיר קענען אַוועק 7 וואָכן כ׳זאָל ניט טאָן אַ שמייכל, און טאָמער אויף דער אַכטער וואָך מוז איך שוין בלית ברירה יאָ אַ לאַך טאָן, קאָסט עס מיר ממש שטיקער געזונט. פאַראַן פאַרשיידענע מענטשן — אַזעלכע, וואָס נאָר איר הערט פון זיי כאַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי, אָבער ביי מיר אַרויסקריגן איין כאַ קומט מיר אָן מיט גרינע ווערעם, און ווען אַרויסקוועטשן כאָטש איין כי איז נאָ האָופּ״, און ער פּרווט פון מיינעטוועגן אַ שמייכל טאָן.

נאָך זיין שמייכל, וואָס זעט אויס מער טרויעריק ווי פריילעך, זעצט ער פאָר:

„דערפאַר האַלט איך, אַז דאָס וואָס ביי אייער פאַרלייענען האָט קיינער קיין לאַך ניט געטאָן, איז לחלוטין ניט אייער שולד, ס׳איז גיכער די שולד פון די צוהערער מיט מיין נאַטור. איר פאַרשטייט, ווען אַלע

הומאָריסטן זאָלן וואַרטן אויף מיינס אַ שמייכל, מעגן זיי באַצייטנס פּאַקן זייערע קיצל־אינסטרומענטן".

דער ייד האָט לאַנג און אומעטיק אַריינגערעדט אין מיר. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך אַנטלאָפן, נאָר היינט בין איך געזעסן געדולדיק און זיך געטרייסט אין האַרצן:

סיי ווי האָב איך דאָך שוין אויפגעגעבן מיין הומאָר־טאַלאַנט „עז אַ בעד דזשאָב". קיין גוט וואָרט פון קיינעם ניט געהערט, נאָר ווי אַ צולאָג צום שרייבן נאָך געכאַפּט זידל־ווערטער פון אָרנטלעכע יידן און, ועל כולם, אומזיסטע און אומנישטע שונאים זיך פאַרשאַפט. און למאי האָב איך עס טאַקע געדאַרפט? אָבער ווי זאָגט אַ ווערטל: „עס איז קיין מאָל ניט אַזוי גוט ווי מען דענקט און ס'איז קיין מאָל ניט אַזוי שלעכט ווי מען טראַכט".

אויפן דריטן טאָג, זיצנדיק אַזוי אויפן ביטש, און איך פּלאַנעווע שוין די געזעגענונג הומאָרעסקע פאַר מיינע צוהערער, ערשט עס יאָוועט זיך פון ערגעץ אַ באַקאַנטער ייד, וואָס איז אויך כלומרשט אַ שרייבער, אַזוי זאָגט ער אויף זיך, און שטעקט מיר אָפּ אַ שלום־עליכם. און ניט געבעטענערהייט טוט ער זיך אַ זעץ אַוועק לעבן מיר און הייבט מיר אָן פאַרשיטן מיט קאָמפּלימענטן, ווי פון אַרבל אַרויס. הכלל, אַזוי און אַזוי, ער איז מיין פאַרערער שוין פון לאַנג, זינט ער איז מיינער אַ צוהערער. און ער פאַרזיכערט מיר, אַז ער האַלט פון מיין הומאָר, אַז איך בין איינער פון די גרעסטע הומאָריסטן אין אונדזער צייט, אויב ניט דער גרעסטער. און ער האַלט מיך אין איין לויבן:

„אייער הומאָר האָט גאָר קיין גלייכן ניט צו זיך. כ'האָב נאָך קיין מאָל אַזוי פיל ניט געלאַכט מיין גאַנץ לעבן, ווי בעת אייער לייענען אייערע הומאָרעסקעס. איין מאָל האָט אפילו דערגרייכט דאָס לאַכן אַזאַ הויך־פּונקט, אַז איך האָב געמוזט לויפן צום נאָנטסטן דאָקטאָר, ווייל כ'האָב באַקומען ווייטיקן אין בויך פון צו פיל לאַכן. און אין דעם שטעקט דער גאַנצער קונץ פון אַ הומאָריסט, אַנצוטאַפּן דאָס לאַך־פּינטעלע, אַ קיצל טאָן אין ריכטיקן אָרט — און אויף דעם זייט איר אַ מיידים! און

מיינט ניט״, גיט ער צו מיט אַנשטעל, „אַז דאָס הערט איר מבינות פון סתם אַ מענטשן וואָס ווייס ניט ווער עס האָט אים געשליירט, נאָר דאָס הערט איר פון מויל פון אַ שרייבער.

„אָט ווי איר קוקט מיך אָן בין איך אויך געכאַפּט אין דער מעשה, הגם ניט אַזאַ געבענטשטער הומאָריסט ווי איר, אָבער אַזאַ מזל אויף מיר וויפל הונדערטער בויגנס פּאַפּיר כ׳האָב שוין פאַרשריבן. כ׳קלייב זיך עס, מירצעשעם, אָפּצודרוקן, דאַן וועט איר זען וואָס די וועלט וועט זאָגן וועגן מיר. חוץ דעם בין איך ניט סתם אַן איינזייטיקער שרייבער, נאָר, באַרכעשעם, אַ פילזייטיקער: דראַמעס, לידער, ראָמאַנען מיט פאַרוואַנדלונגען און פאַרזעצונגען, און אויב איר ווילט איז נאָוועלן מיט פּראָלאָגן און עפּילאָגן, באַלאַדעס, פעליעטאָנען, סקיצן און אפילו אַ קריטיקער בין איך אויך. איך האָב אַנומלט אָנגעשריבן אַ טעאַטער־קריטיק, וואָס דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט ווי אַ דראַמע און כ׳וועל עס לאַנג געדענקען: דער דירעקטאָר אַליין האָט מיר איינגעלאַדן צו באַגריסן דעם סטאַר אין זיין גאַרדעראָבע־רום און מ׳האָט מיך דאָרט אַזוי ריכטיק אָפּגעקאָלכט, אַז כ׳האָב שוין דירעקט דורך דער הינטער־טיר געצויגן קאַמאַשן אַהיים. אפשר איז עס גאָר אַ סימן, האָב איך זיך געטראַכט, אַז מען רעכנט זיך מיט מיין וואָרט, ווייל אַלע גרויסע טאַלאַנטן ליידן...״

„הכלל״, טוט מיר מיין ניי־געבאַקענער קאָלעגע אַ כמיאַל איבערן פּלייצע, „איך בין גליקלעך וואָס כ׳האָב איך דאָ געטראָפן. איצט וועלן מיר צוזאַמען האָבן די אמתע האָלידיי, וואָרעם ס׳איז ניט ריכטיק וואָס מענטשן זאָגן, אַז דער ים מיט ים־לופט און ים־פיש מאַכן דעם האָלידיי ספּיריט. די אמתע האָלידיי מאַכט די געזעלשאַפט, די קאָמפּאַניע אייערע, און איז נאָר פאַראַן די אמתע קאָמפּאַניע איז שוין במילא אָן אמתע האָלידיי״. אַז ער איז געוואָרן פאַרטיק מיט זיין האָלידיי־פילאָסאָפיע האָט ער זיך גענומען געזעגענען:

„אַלזאָ, קאָלעגע״, זשאַלעוועט ער מיר ניט נאָך אַ „גלעט״ איבער מיין פאַרברענטן אַקסל, „מאָרגן אימירצעשעם אין דער זעלבער צייט אין זעלבן אָרט. דערוויל מוז איך לויפן, ווייל כ׳האָב אַן אַפּאָינטמענט מיט אַ ווייבל...״ טוט ער באַהעמיש אַ ווינק מיט אַן אויגל; „מיין אייגן ווייבל״.

הייסט עס דאָך, האָב איך פריער אָפּגעאָטעמט, אַז דער הימל לאָזט זיך נאָך ניט אַראָפּ אויף דער ערד. אָט האָט זיך געיאווועט אַ מענטש, וואָס איז מיינער אַ פאַרערער און נאָך אַ שרייבער דערצו, און ער איז גאָר נשתומם פון מיין טאַלאַנט. וואָלט דאָך עס געדאַרפט זיין גוט, האָט עס ערשט אָנגעהויבן ניט טויגן. דווקא דורך דעם דאָזיקן פאַרערער מיינעם, וואָס איז געווען ניט קיין קליינער נודניק, האָב איך געהאַט אַ פאַרשטערטע האָלידיי.

מיין פאַרערער האָט געהאַלטן וואָרט: אויף מאָרגן, פּינקטלעך צו דער מינוט, און ער איז דאָ. אָבער ניט אַליין, ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פאַרמאַכטע וואַליזקע. מיין איך דאָך, אַז דאָס זיינען זיינע ביטש־מטלטלין וואָס ער טראָגט מיט זיך, ווי אַ פרומער ייד דעם טלית, ערשט אַ נעכטיקער טאָג — ער שווימט אפילו ניט, ווייל ער האָט מורא פאַר וואַסער ניט ווייניקער ווי פאַר פייער. אין וואַליזקע, פאַרטרויט ער מיר אַ סוד, האָט ער זיין אוצר — די כתבים זיינע וואָס ער פירט מיט זיך וווהין נאָר ער קומט. און אויסנוצנדיק אַזאַ געלעגנהייט, וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט אַזאַ קולטורעלן כוח ווי איך בין, וואָלט ער וועלן אַז איך זאָל דורכקוקן זיינע שרייבעכצן און פאַר איינוועגס, אַזוי ווי ער האַלט ביים גרייטן צום דרוק זיין בוך, זאָל איך אָנשרייבן אַ הקדמה צום בוך. היינט, אַז אַ מענטש האַלט אין איין זאָגן שבחים און מיך אַזוי פיל לויבן, טאָ ווי קען איך אים שוין אָפּזאָגן אַזאַ זאַך ווי שרייבן אַ פאַרוואָרט צו זיין בוך? און מיין פאַרשוין האָט אפילו ניט וואַרטנדיק אויף מיין הסכמה גענומען אויספּאַקן פון זיין וואַליזע בערג מיט פּאַפּירן אָנגעפּיקע־וועט מיט קליינינקע אותיות, ווי פליגעלעך.

„נאַט, דאָ האָט איר עס!" זאָגט ער צו מיר אַן צערעמאָניעס און טראָגט מיר אונטער מיט ציטערדיקע הענט זיין גאַנץ פאַרמעגן. „אָבער איר זאָלט וויסן זיין", גיט ער צו, „אַז ביים לייענען וועט איר שוין אַליין אויסגעפינען אַז עס פעלן אין דער מיט אַ סך בלעטער, און אוודאי וועט איר זיך שוין אַליין אָנשטויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס כ׳האָב געמיינט. אַזאַ שרייבער ווי איר דאַרף מען ניט טייטלען מיט אַ פינגער".

„פֿאַר וואָס זשע פֿעלן בלעטער?" פֿרעג איך פֿאַרוווּנדערט.

„דאָס טאַקע דאַרפֿט איר פֿרעגן די רעדאַקציעס, ווײַל פֿון יעדער זאַך וואָס זיי שיקן צוריק פֿעלן תּמיד עטלעכע בלעטער. אין די רעדאַקציעס איז אַ פּנים ניטאָ קיין אָרדענונג".

פֿון דער רגע האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיר אַ גיהינום. עס איז געווען אַ גאַר שווערער דזשאָב און איך בין אויסגעמוטשעט געוואָרן. ערשטנס — זײַנע קאַטשערעס מיט לאַפּעטעס. צווייטנס — זײַנע באָבע־מעשׂיות האָבן זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ פֿלאָקן.

כּמעט אַ האַלבע האַלידיי האָב איך זיך אָפּגעמאַטערט מיטן דורכקריכן דורך זײַן שרײַבעכץ — אויף דעם האָט מען געדאַרפֿט זײַן אַ גוטער ווערטער־אַקראָבאַט. אָבער נאָך דעם אַז איר וואָלט מיר אַ פֿרעג געטאָן וואָס אַזוינס דאָרט איז געווען געשריבן, וואָלט איך בשום אופֿן אײַך עס ניט געקאָנט זאָגן. איין גאָט ווייס וואָס דער ייִד האָט דאָרט אויסגעמישט. קיין טאָלק האָב איך ניט געקאָנט דערגיין, אָבער אַ צווייטע זאַך איז מיר קלאָר געוואָרן: ער קען האָבן זײַן מקום ניכבד אין סאַמע „באטאם" פֿון אַלע דרום אַפֿריקאַנער ייִדישע שרײַבער.

און אַז איך האָב זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם באַרג געדיכט־פֿאַרשרײַבענע בלעטער, האָב איך זיי צוזאַמענגעפּאַקט אין זײַן וואַליזע און געבראַכט אַ וואָך שפּעטער צום ביטש, ווו מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפֿן. ווידער איז ער געקומען צו דער צייט און — מיט אַ נײַי טשעמאָדאַנטשיקל. עפּעס האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, און אפֿילו ניט באַגריסנדיק זיך האָב איך גלײַך אַרויסגעפּלאַצט:

„וואָס האָט איר אין דעם טשעמאָדאַן?"

„וואָס הייסט וואָס?" קוקט ער מיך אָן פֿאַרוווּנדערט: „וואָס קען אַ ייִד אַ שרײַבער האָבן? — קיין לאָקשן מיט יויך האָב איך דאָ ניט, נאָר אַ ביסל נײַע כּתבֿים, וואָס כ'וואָלט אײַך זייער בעטן עס נעמען צו זיך אין האָטעל און עס איבערקוקן. און אַ דאַנק פֿאַר איבערקוקן דעם ערשטן פּעקל". און ער בויגט זיך אָן און נעמט דעם טשעמאָדאַנטשיק, וואָס איך האָב אַוועקגעשטעלט לעבן זיך און אַנשטאָט דעם שטעלט ער אַוועק דעם נײַעם.

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַגאָסן און מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן. כ׳האָב געפילט אַז כ׳וואָלט דעם ייד דורס געווען נאָר זיך באַהערשנדיק האָב איך אַ זאָג געטאָן צו אים:

„הערט אויס, ר׳ ייד, איר זייט אַ גראַפּאָמאַן און פאַרדרייט זיך אייער אייגענעם קאָפּ. איר קענט פון מיינטוועגן אייערע כתבים אַריינוואַרפן אין ים, זיי אָפּטובלען...״ און כ׳האָב זיך אַ דריי געטאָן און אָנגעהויבן לויפן און מורא געהאַט אַז דער ייד זאָל מיר נאָר ניט נאָכיאָגן.

אַריינפאַלנדיק אָן אַ אָטעם צו זיך אין האָטעל, בין איך שוין אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט מיינע מחשבות וועגן מיין שרייבער־רישער קאַריערע. נאָך אַ לאַנגן יישוב הדעת בין איך געקומען צום באַשלוס: אויס מיט לעבעדיקע צייטונגען! איך וועל מער ניט שרייבן פאַר אַ לעבעדיקער צייטונג. און אויב איך וועל זיך שוין יאָ „סעטלען״ ביי שרייבעריי, טאָ וועל איך זיך איינשאַפן אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, אַ פּסעוודאָנים, און קיין איין לעבעדיקער ייד טאָר להבא ניט וויסן ווער איך בין, וואָס איך בין און פון וואַנען איך בין.

לכבוד פסח

רעדע פון ערנעסט בעווין

(געהאַלטן צום 3טן סדר, שנת תש״ו)

מיינע בעסטע און טייערסטע פריינד, עם ישראל!

איר באַוואונדערט מיין קומען צו אייך, איר קוקט מיך אָן מיט חידוש, וואָס איך רוף אייך, יידן, מיינע בעסטע פריינד? דעריבער טאַקע, קוק איך, בעווין, אויך צו אייך מיט דעם גרעסטן חידוש, וואָס איר, יידן אויף דער גאַנצער וועלט, באַטראַכט מיך ווי דעם גרעסטן יידישן שונא, ווי דעם המן השני פון דער נייער צייט.

עס איז פשוט אומגלייבלעך, עס איז ממש צו שטוינען, אַז איר, יידעלעך, וואָס ווילט זיין דער אַוואַנגאַרד פון דער מענטשהייט, די אויסדערוויילטע פון גאָט, דער עם חכם ונבון און דער עם הספר, זאָלט זיין אַזוי גענאַרט אין מיר, אין דעם באמת ערנסטן בעווינען; אין אייער אויפריכטיקן, דעם איינציקן און ערשטן יידן־פריינד בעווין, וואָס איז דער פּראַקטישער גואל פון יידישן פאָלק נאָך אייער לאַנגער געשיכטע פון 2000 יאָריקן וואַנדער, נאָך אַזאַ ביטערן גלות, נעבעך...

אמת, איך וועל ניט לייקענען, אַז אין אייער לאַנגן גלות זיינען געווען נאָך אַנדערע מכלומרשטע יידן־פריינד ביז מיר. נעמט, למשל, אונדזער ענגלישן באַלפור. ער איז אוודאי ניט געווען קיין יידישער שונא, ווייל ער האָט עס פּראָקלאַמירט די דעקלעראַציע, וואָס טראָגט זיין נאָמען, אָבער צי קענט איר מיר זאָגן אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט געבראַכט פאַר יידן עפּעס ממשותדיקס. איז דאָך די דעקלעראַציע פאַרבליבן ניט מער ווי אַ שטיק באַשריבענע פּאַפּיר ביז — ביז איך האָב זיך באַוויזן אויף דער פּאָליטישער אַרענע.

יאָ, עס לעבן נאָך אפילו היינט צו טאָג אַ צאָל פון אייערע פריינד, ווי, למשל, דער נאָבעלער גענעראַל יאַן סמאַטס פון דרום אַפריקע, וואָס איר האָט אפילו אויסגעבויט אַ קאָלאָניע אין פּאַלעסטיין אויף זיין נאָמען. אָבער וואָס אַ שטייגער האָט דער דאָזיקער גענעראַל פאַר אייך אויפגעטאָן ממשותדיקס? גאָלע גאָר ניט! ער האָט אייך נאָר געהאָלפן

מיטקרעכצן און דערפֿאַר האָט איר פֿאַראייביקט זיין נאָמען — אים אויסגעבויט אַ כּפר יוחנן פֿאַר גוטע רייד און רעדעס! דער גוטער יאָר ווייס איך, יידעלעך, אַז איר פֿאַרקאָכט זיך אין עמעצן טוט איר עס טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן, מיט לייב און לעבן.

איצט, לאָמיר זיך טאַקע פּרווון פֿאַנאַנדערקלייבן אין דער גאַנצער פּאָליטישער לאַגע זינט איך בין ביים סוף פֿון דער 2טער וועלט־מלחמה געוואָרן אויסערן־מיניסטער. אָבער איידער מיר גייען צו צו די אמתע פֿאַקטן, דערלויבט מיר איך צו געבן דעם אַנאַליז פֿון אייער געשיכטע:

היינט איז ביי איך פּסח. איר פּראַוועט דעם 3טן סדר, הגם ביז ניט לאַנג צוריק האָט איר זיך באַנוגנט מיט צוויי סדרים. איז דאָך אַ סימן אַז איך גייט גוט. אָט פֿרייט איר זיך און דערציילט אַלע די ניסים ונפלאות פֿון אייער באַפֿרייאונג מעול פּרעה. און מערקווירדיק, אַז די זעלבע הגדה דערציילט איר יאָר איין יאָר אויס, שוין אַ קימא לן פֿון 2000 יאָר. איז פֿרעג איך איך: האָט זיך דורך אַלע יאָרן, וועגן וואָס איר דערציילט יציאת מצרים, כאָטש איינגעפֿונען איין איינציקער ייד, וואָס זאָל עפּעס אָפּלערנען פֿון דעם אַלעם; אַראָפּנעמען אַ מוסר השׂכּל פֿון אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט איך ביי דעם שוטה פּרעה מלך מצרים? פֿרעג איך איך: איז דאָ אַזאַ איינער? אדרבה, כ׳וואָלט אַזאַ איינעם געבן אַן אומזיסטן סערטיפֿיקאַט צו פֿאָרן קיין פּאַלעסטיין.

ווען אייער מאָזעס, מיינע ליבע יידן, איז צום ערשטן מאָל געקומען צו פּרעהן בעטן, אַז ער זאָל אַ ביסל גרינגער מאַכן דאָס לעבן פֿון זיינע ברידער ביים קנעטן די ציגל, אַז ער זאָל אויפֿהערן איינמויערן קליינע קינדער אין די ווענט פֿון זיינע פּאַלאַצן, וואָס איז געווען דער ענטפֿער? די בייטש איבער די יידישע נאַקעטע לייבער האָט זיך אָנגעהייבן איינשניידן שטאַרקער און דאָס לעבן פֿון די יידישע שקלאַפֿן איז נאָך מער ביטער געוואָרן. און אַז מאָזעס איז געשטאַנען פֿאַר פּרעהן און זיך געבעטן אַ ביסל שטרוי, שטעלט איך פֿאָר אַז דער טיפּש פּרעה וואָלט דאַן נאָכגעגעבן, ווייסט איר, מיינע ליב־האַרציקע יידעלעך, וואָס עס וואָלט פּאַסירט מיט איך? איר וואָלט עד היום הזה געבליבן שקלאַפֿן

ביי די מיצרים און די גאַנצע וועלט וואָלט ניט געוווּסט פון קיין יידן־פּראַגע. וואָלט ער אייך דאַן צוגעוואָרפן דאָס שטרויענע צוקער־לע־קעכל, וואָלט איר היינט קיין מצה ניט געגעסן און ניט געהאַט קיין טענות צו מיר.

אַט, נעמט אַ שטייגער און קוקט אַריין אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און איך מוז אייך זאָגן אַ שטיקל מוסר דערביי. אַז אַך און וויי צו אייך, אַז איך, ערנעסט בעווין דאַרף אייך, דעם עם הנבחר, פאַר־טייטשן אַ קאַפּיטעלע דיפּלאָמאַטיע. אַט זעט אַ פּשוטן משל: אין 1917, ווען די אונטערדריקטע רוסישע אַרבעטער און פּויערים האָבן געבעטלט ביים צאַר ניקאָליי אַ כּזית קאָנסטיטוציע, האָט ער, דער למך, דער אי־דיאָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט געבן, — איז דאַן אַרויסגע־קומען די מכּה פון קאָמוניזם. אַט אַזעלכע בולט שרייענדיקע פאַקטן זיינען אין דער געשיכטע פאַראַן אין די הונדערטער און יעדער די־פּלאָמאַטשיקל קען זיי אָנטאַפּן מיט דער האַנט, נאָר איר יידן די גרוי־סע חכמים, די גאונים און תנאים קענען עס ניט משיג זיין. יאָ, אַקעגן וואָס איז עס געקומען צו רייד? טאַקע קעגן זיך אַליין. למה הדבר דומה? אַז איינער שטייט ביים שפּיגל זעט ער זיך אַליין. בין איך עס טאַקע דער וואָס קומט אַריין, ווי אַ גרויסער דיפּלאָמאַט, אין דער פּיקטשור.

אַז איך בין אַ דיפּלאָמאַט דאַרף איך אייך דאָך ניט דערציילן. אַ וועלט קלינגט מיט דעם. נאָך זייענדיק אַ מיינער, אונטער דער ערד, האָב איך געלערנט דיפּלאָמאַטיע. פון איין זייט האָב איך שוין מער ניט געקענט צו זען די יידישעליידן אויף דער גאָרער וועלט, אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך ניט געקענט פאַרטראָגן די גראַנד־טיפּשות פון אייערע אייגענע דיפּלאָמאַטן. איז טאַקע גלייך נאָך דער מלחמה, ווי נאָר איך בין געקומען צו דער מאַכט און דערהערט אייער גערודער מיט דער שארית הפליטה, ווי איר האָט אָנגעהייבן טומלען וועגן דער יידישער פּראַגע בכלל און וועגן פּאַלעסטיין בפרט, האָב איך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין בזה הלשון — און צו זיך רייד איך ביים ערשטן נאָמען: ערנעסט, פאַרלאָז זיך ניט אויף דעם היינטיקן משה שערטאָק,

ער איז ניט דער משה רבנו פון אַ מאָל און קיין מאָדערנע דיפּלאָמאַטישע שול האָט ער אויך ניט דורכגעמאַכט. און ער, דער יונגער משה מיט זיינע נאַרישע חברים האָבן קיין דיפּלאָמאַטישע עקספּירענס ניט און זיי פאַרטאַכלעווען די יידישע צרות פאַר אַ טאָפּ לינדזן. האָב איך זיך אַ טראַכט געטאָן: דאַרף עס טאַקע זיין אַ מאַזעס, וואָס זאָל באַפרייען די יידן פון גלות? און כ׳האָב זיך געענטפערט: ניין און טויזנט מאָל ניין! עס קען דאָס מאָל אויך זיין אַן ערנעסט בעווין! און איך האָב מיין גאַנצע ענערגיע, מיין קאַריערע אַלס אויסערן־מיניסטער פון דער בריטישער אימפּעריע געשטעלט אין קאָן צו ראַטעווען ס׳יידישע פאָלק.

איצט קען איך שוין מיט זיכערקייט דעקלאַרירן בפני כל העולם, אַז מיין מיסיע איז אויסגעפילט געוואָרן כמעט אויף די גאַנצע 100 פּראָצענט. און נאָר אַ דאַנק מיר האָט איר איצט אַ יידישע מלוכה, וואָס איר האָט אַ נאָמען געגעבן ישראל. און ניט געקוקט וואָס די גאַנצע בריטישע אימפּעריע האָט געגנוג זאַרגן און קלאָפּאָטן וועגן כלערליי וועלט־ענינים, וואָס אונדזער אימפּעריע האַלט כמעט ביי אַ פאַנאַדערפאַל און די פאַרפלוכטע באָלשעוויקעס וועלן שוין טאַנצן אויף אונדזער לוויה — און זיי גיבן מיר אַ קאָפּ־וויטיק — דאָך איז אייער יידישע ישראל נאָך אַלץ ביי מיר דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם.

און כ׳וועל אייך מגלה זיין אַ סוד, אַז אויב איך וועל רעזיגנירן פון מיין דזשאָב אַלס אויסלאַנד־מיניסטער, וועט עס זיין נאָר צוליב די יידן און צוליב ישראל וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיין קאָפּ. ווו איך גיי און ווו איך שטיי הער איך כסדר ישראל און ישראל, פּונקט ווי קיין אַנדער פאָלק וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. מיין קעגנער טשערטשיל שטעכט מיר אַלץ די אויגן מיט ישראל און איך האָב מורא, אַז אויך ער, דער אַלטער פוקס הייבט זיך שוין אויך אָן אָנשטויסן אויף מיינע דיפּלאָמאַטישע שפּיצלעך. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו מיינע אייגענע חברים פון פּאַרטיי, מיינע לייבאָר חברה האָבן שוין אויך גענומען דערשמעקן דעם טשאַד פון מיינע פּאָליטישע קאַוואַלקעס. מילא, זיי האָבן הינערשע קעפּלעך, וואָס איר יידן האָט זיי פאַרדרייט, אָבער

איך מוז שוין זיין פּאַרזיכטיק, סכנות נפשות, ווייל עס שטייט אין קאָן מיין אייגענער קאָפּ.

דעריבער קאָכט עס טאַקע אין מיר און מיין האַרץ ווערט צע־פּלאַצט, ווען איך הער אַז איר, יידן, וואַרפט מיר פאָר אַז איך בין דער גרעסטער אַנטיסעמיט פון די נייע צייטן. איך? אַ מיטגליד פון דער בריטישער לייבאָר רעגירונג! נו, האָט איר שוין פון ווען געזען אַזעלכע שמד־־שטיק? טאַקע, נאָר יידן קענען עס ווייזן.

טאָ זאָל שוין זיין אַ סוף צו דעם — גענוג פאַר מיר צו לערנען מיט אייך אַ בלעטל דיפּלאָמאַטיע, אַ בלאַט גמרא מיט תוספות וועט איר גיכער באַנעמען. לאָמיך בעסער אייך באַווייזן באותות ומופתים, מיט פאַקטן און מעשים, וואָס אַזוינס דאָ קומט פאַר, דאַן ערשט וועט איר ביכולת זיין צו פסקענען און פאַרשטיין ווער אייערע אמתע שונאים זיינען; און פון דער צווייטער זייט — ווער עס איז אייער אמתער פריינט, אייער גואל און משיח.

● פאַקט נומער איינס: געדענקט איר מיסתמא, אַז גלייך נאָך דער מלחמה האָבן זיך אייערע אַגענטן פון דער אידישער אַגענץ אַ לאָז געטאָן קיין וואַשינגטאָן צו אייער פריינט הערי טרומאַן, ער זאָל עפּעס פאַר אייך טאָן. נו, האָט טרומאַן אייך געוואָלט צווואַרפן אַ מין אָפּגע־לעקטן ביינדל — אַז מיר זאָלן אַריינלאָזן קיין פּאַלעסטיין 100.000 יידן פון די קעמפּס אין דייטשלאַנד. וואָלט איך דאַן מסכים געווען דערצו, וואָלט איר יידן געווען מרוצה און געזאָגט דיינו. נו, וואָלט איר איצט געהאַט אַן אייגענע מלוכה, אַ מדינת ישראל? אַ גאָר ניט וואָלט איר געהאַט, אַ פייג אונטער דער נאָז !

● פאַקט נומער צוויי: אַז כ׳האָב צו הערי טרומאַנס מאַכינאַציע ניט דערלאָזן, האָט איר, יידעלעך, געמאַכט דעם אמתן ויצעקו און גע־נומען קערן אַ וועלט, באשר בכן, איך, בעווין וויל אייך קוילן אָן אַ מעסער. נו, איז וואָס זשע האָב איך דאַן מער געקענט טאָן פאַר אייך? האָב איך מיט מיין דיפּלאָמאַטישן קאָפּ איבערגעגעבן דאַן די גאַנצע „אישו״ צו דער יונייטעד ניישנס — אַ זאַך וואָס איך אַליין וואָלט עס קיין

מאָל ניט איינגעפאַלן, אָבער עס איז אַרויסגעקומען פאַר איך אַ טובה.

● פאַקט נומער דריי: אַז דער יו ען פּלענום האָט גענומען באַהאַנדלען אייער פראַגע, ווייסט איר גאַנץ גוט אַז איך האָב געאַרבעט מעשים קעגן אייך, געקערט וועלטן קעגן אייערע אַמביציעס, אָבער די אמתע כוונה מיינע האָט איר זיך ניט געכאַפּט. איך האָב אָבער גוט געוווסט וואָס איך טו: אַז איך וועל זאָגן ניין קעגן אייך און אייערע פאַרלאַנגען וועט דאָך קומען יאָסעלע סטאַלינקע, אַ ניכפּה אים אין די ביינדעלעך, און זאָגן דווקא מיר אויף צו להכעיס יאָ. און אַזוי טאַקע איז עס דאָך געוועזן. ווייל איך האָב, מאָלט אייך, אויסגערעכנט אַז איר מוזט האָבן יאָסקען סטאַלין פאַר אַ פריינט. כ׳ווייס, מאלע וואָס עס מאַכט זיך, טאָמער דיפּלאָמאַטישע קונצן, צי גאָר אַ מלחמהלע מיט די אַראַבער און מ׳דאַרף האָבן געווער, אריינשמוכלען אַ ביסעלע כלי־זיין. נו, איז עס דאָך אייך טאַקע צוניץ געקומען, בנאמנות, ווי איך בין אייער פריינד.

● פאַקט נומער פיר: ווען מ׳האָט אין יונאָ, דעם 29־טן נאָוועמבער 1947, אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז פּאַלעסטין זאָל זיין אַ יידישע מלוכה, האָב איך בכיוון אַ ווונק געטאָן צו די אַראַבער אַז זיי זאָלן אייך אָנהייבן ברעכן די ביינער. איז דאָס אפשר ניט אַרויסגעקומען לטובה פאַר אייך, האָ, זאָגט אַליין? דורך דעם האָט איר דאָך געהאַט אַ געלעגנהייט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען ווי אייערע יידישע באָיס ענד גוירלס פייטן; אַז איינער קען ביישטיין אַקעגן 2־3 מינינים, און איר האָט געמאַכט פאַרעך פון גאַנצע 7 אַראַבישע אַרמייען. די גאַנצע וועלט האָט אייך דאָך באַוווּנדערט און אַלע פּייפּערס און מעגעזינס זיינען פול געוועזן מיט לויב פאַר אייער העלדישקייט. און לאָמיך אייך נאָך אַ מאָל אויסזאָגן פון חדר, אַז אויף אַזאַ מפּלה פון די אַראַבער האָב איך אַליין זיך ניט גערעכנט.

● פאַקט נומער פינף: אַז איך האָב דערזען אַז דוד האָט באַזיגט גליתן און מיט מיינע אַראַבישע חברה־לייט איז גאָר ניט אַזוי פויגלדיק, האָב איך געגעבן אַ באַפעל אַז זיי זאָלן שטעלן קאָמאַשן, מאַכן אַ ויברח פון פּאַלעסטין, כדי אַלע זייערע דערפער, הייזער, וווינונגען זאָלן בלייבן גרייט פאַר אייערע יידישע פּליטים. ווייל נאָר איך איינער האָב

פאַרשטאַנען, אַז עס וועלן זיך נעמען ציען יידן, ווי אַ היישעריק, פון דער גאָרער וועלט קיין ישראל, צו דער נייער מדינה. און צווישן זיך ריידנדיק: ווו וואָלטן זיי זיך נעבעך טאַקע אַהינגעטאָן, אייערע אָרעמע ברידער? איך האָב עס געזען אין פאָרויס.

● פאַקט נומער זעקס: און פאַרצייכנט זיך דעם דאָזיקן לעצטן פונקט, ווייל ער איז זייער וויכטיק פאַר דער היסטאָריע פון אייער קאַמף. איך האָב גוט געוווסט אַז מיט כלערליי וואָפן איז ביי אייך גאָר ניט יומטובדיק, כ׳מיין: עס האָבן געפעלט ביקסן און האַרמאַטן, טאַנקן און פראָסט־פשוטע קוילן צום שיסן, האָב איך גענומען דער־לאַנגען די אַראַבער די דאָזיקע כלי־זיין מיט אַ פולער האַנט, כדי עס זאָל נאָך דעם אַריינפאַלן צו אייך אין די הענט. קוקט ניט וואָס כ׳האָב עס לכתחילה אַנדערש אויסגערעכנט, אָבער וויכטיק איז דער עצם פאַקט, דער רעזולטאַט פון מיינע מעשים, וואָס האָט אייך געגעבן אַ מאַיאָנטעק פון גוטן געווער אָן אַ גראָשן געלט.

ווי איר שטויסט זיך אָן איז דאָס אַלץ דורך מיר געטאָן געוואָרן מיט אַ פּלאַן און אַ מיין און אַן אויסרעכענונג פון הויכער דיפּלאָמאַטיע. און אויב איר האָט מיין שליחות און מיין מיסיע פאַר אייך ביז איצט ניט פאַרשטאַנען, האָב איך עס געפונען פאַר נייטיק עס אייך אויפצו־קלערן. עס איז מיין חוב, ווי דער אויסערן־מיניסטער, און זאָל די וועלט וויסן וואָס איך האָב געוואָלט טאָן פאַר אייך און וואָס עס איז פון דעם אַרויסגעקומען.

לסוף וויל איך נאָך צוגעבן איין באַמערקונג, כדי דער קומענדיקער היסטאָריקער זאָל מיינע מעשים ניט אויסטייטשן פאַלש. אָט קומט איר לעצטנס מיט אייערע יידישע קעפּלעך און דריידלעך און פרעגט מיר: הלמאַי האָב איך מיין הויכע דיפּלאָמאַטיע אַ קער געטאָן מיטן דישל צוריק, מיטן אָנערקענען מדינת ישראל? וועל איך אייך ענטפערן; נאָר בסוד, צווישן אונדז זאָל עס דערוויל בלייבן: ראשית, האָב איך זיך טאַקע אַליין דערשראָקן פאַר מיינע אייגענע חברהלייט, די לייבאָרני־

קעס; והשנית, אין דעם אַלעם איז שולדיק אייער פּרעזידענט הערי טרו־מאַן, וואָס האָט זיך איינגעטשעפּעט אַן מיר ווי אַ פּיאווקע, אַז ניט אַנ־דערש ווי איך מוז אָנערקענען מדינת ישראל, און מיט אַמעריקע קענען מיר זיך ניט איינרייסן. איך האָב שוין קיין כוח ניט צו פּיטן מיט דער גאַנצער וועלט און אויך מיט אַמעריקע וועגן אַ ביסל יידעלעך. און מיט דעם טרומאַנען מוז איך זיין פּאָרזיכטיק, ווייל — דערציילט אים דאָס חלילה ניט — ער איז ניט קיין אמתער דיפּלאָמאַט. אַן אמתער פּאָליטי־קער, אַט אַזוי ווי איך אַ שטייגער, רעדט איינס און טראַכט אַז טאָן מוז ער פּונקט דאָס קאָפּויערדיקע. טוט אַזאַ טאָקע נאָך די וואַלן פּונקט פאַרקערט ווי ער האָט גערעדט פאַר די וואַלן, אָבער דאָס איז ניט גיל־טיק פאַר טרומאַנען. היינט ווי קען איך מיט אַזאַ מאַן פירן פּאָליטיק, אַז ער איז אַ תם און פאַרשטייט קיין חכמות ניט.

דעריבער מיינע פריינט, ליבע יידעלעך, ווייל איך פאַרענדיקן מיין היינטיקע רעדע צו אייך מיט אַן עצה טובה פון אַ ידיד:

געננוג שוין איך צו בעבען אייער אַלטע הגדה מיט די ניסים ונפ־לאות, וואָס האָבן אייך פּאַסירט מיט 2000 יאָר צוריק; גענוג זינגען די דיינוס און חד גדיאס. שוין די העכסטע צייט אַז איר זאָלט שאַפן אַ נייע הגדה מיט אַ גילדענעם איינבונד און דאָרט זאָלט איר לאָזן פאַרקריצן לעולם וועד מיט גאָלדענע אותיות דעם נאָמען פון אייער נייעם גואל ומשיח: ערנעסט בעווין.

כנגד ארבעה בנים

די פיר זין פון דער הגדה

א. דער חכם — חכם מהו אומר ?

וויס איך שוין: ווען אַ לײדי וויזט אָן דיסקרעט מיטן פינגער אויף מיר, און דערביי שושקעט זי עפּעס אין אויער פון איר שכנטע, אַז דאָס מיינט זי מיר, דעם חכם. איך האָב איין מאָל אפילו אונטערגעהערט אַזאַ מין קורץ געשפּרעכעלע :

„ווער איז דאָס דער שיינער יונגער מאַן, וואָס זיצט דאָרט אויבן אָן ?"

„דער דאָרט?" פרעגט איבער די צווייטע מיט התפעלות — „דאָס איז דאָך דער חכם פון מה נישתנה ! ער איז אַ חכם בלויז איין סעזאָן, איין מאָל אַ יאָר . . ."

יאָ, אמת טאַקע. איך בין דער חכם פון דער הגדה און כ'שעם זיך ניט מיט דעם. פאַרקערט גאָר — דערמיט האַלט איך זיך דווקא גרויס. ווייל אייגנטלעך, אַזוי פיל יידן, אַ וועלט מיט יידן זיינען ניט קיין לעמעשקעס און זיי ווייסן וואָס זיי טוען אַז זיי האָבן מיך געקרוינט פאַר דעם חכם, זאָל זיין אפילו פאַר אַ פּאָר נעכט, בין איך דאָך מיסתמא ניט קיין „בלעדי פול". ווייל יעדער ייד אַליין וויל דאָך זיין אַ חכם און אַז זיי אַנערקענען עס שוין ביי אַן אַנדערן, מוז ער שוין זיין אַ חכם מחוכם.

די היסטאָריע פון מיין חכמה איז שוין אַ היפּש ביסל יאָרן אַלט, זי ציט זיך נאָך פון די יאָרן ווען כ'בין געווען אַ יאָנגסטער — און יעדער חכם איז דאָך איין מאָל אין זיין לעבן יונג. און אין יענע יאָרן האָב איך, לא עליכם, אפילו ניט געהאַט אָפּצועסן ווי ס'באַדאַרף צו זיין, געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. דאַן בין איך נאָך געווען אַ מעמבער פון דער זייאָניסט סאָשיאַליסט פּאַרטי. בין איך דאָך נאָך אין דער היים געווען א חבר פון די צעירי ציון, טאָ ווי שיקט זיך עס אַז איך זאָל ניט זיין זייערס אַ מעמבער אין דרום אַפריקע?

אַז איך בין אָפּגעווען דאָ עטלעכע יאָר און גענומען מאַכן די אפּותיקא און מיט דער צייט זיך גאַנץ גוט אַרויפגעאַרבעט מיט פּראָ־פּערטי, מיט מאָטאָ־קאַרס און מיט אַ דאָבל סטאָרי אין האוטאָן, האָב

איך ,דעסיידעט׳ אַז נאָו מאָר, מער וועל איך ניט זיין אין דער פּאַרטי. זייאָניסט סאָשיאַליסט איז אַ ביזנעס פאַר די שנאָרערס, וואָס האָבן זיך ניט געקענט אַרויפאַרבעטן, אָבער פאַר אַ „רעספּעקטייבל פּערסן לייק מי״ איז דאָס קיין עסק ניט. האָב איך אָפּגערופן דעם סעקרעטער פון דער דזשענעראַל זייאָניסט אָרגאַניזיישן און אים געפרעגט ווי איז דער דין אַז דער חכם פון דער הגדה וויל ווערן זייערער אַ מעמבער? איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין אפילו פּרעפּערט אָנצונעמען אַ האָנאָרי אָפּיס אין זייער קאָמיטי. כ׳קען עס דערפאָדערן, טהענק טו גודנעס, וואָט? אין דער זעלבער צייט האָב איך אָנגעשריבן אַ רעזיגניישן פון מעמבער־שיפּ צו די זייאָניסט סאָשיאַליסט, אַז צוליב „סערטן ריזנס״ מוז איך ווערן אויס מעמבער . . .

נו, פרעגט שוין קיין קשיות ניט. דערויף בין איך דאָך אַ חכם. אַ וואָך שפּעטער האָב איך שוין געהאַט אויף דער האַנט אַ לעטער פון דער דזשענעראַל זייאָניסט אַז איך בין „היילי עקסעפּטעט״. באַט, דערווייל ניט אין קאָמיטי. טראַכט איך מיר: זאָל זיין דערווייל אַ מעמבער, נעווער מיינד, כ׳וועל נאָך זיין אין קאָמיטי ענד איי וויל קליים אַפּ אין נאָ טיים טו די עקזעקוטע. ליוו איט טו מי!

האָב איך געגלעט דעם בריוו פון דער דזשענעראַל זייאָניסט אָר־גאַניזיישן און געטראַכט: ניט נאָר אַ מעמבער פון עקזעקוטיוו וועל איך ווערן, נאָר אפילו נאָך אויך אַ טרעזשורער און אַ טשערמאַן, ליוו איט טו מי! אויף דעם בין איך דאָך אַ חכם.

און כך הווה, סאָ העפּנד. אין גאָר אַ קורצער צייט בין איך שוין געוועזן אין קאָמיטי און דאַן אין עקזעקוטע, און ווי נאָר ס׳האָט זיך גע־יאָוועט דער ערשטער ספּיקער פון איזראַעל אָנצופירן מיט דעם איי יו איי־קאַמפּיין, בין איך אַן קיינע דיבורים אַפּוינטעט געוואָרן פאַר דעם טשערמאַן.

כ׳האָב פאַרשטאַנען פאַר וואָס זיי האָבן מיר באַשטימט פאַר דעם טשערמאַן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז איך זאָל זיין דער רייט עקסאַמפּל, אַז איך זאָל אָפּסטאַטן דעם קאַמפּיין מיט אַ פיו טויזנט פאַנדס. באַט

כ׳האָב דאָן גראדע עס ניט געקאָנט טאָן, ווייל כ׳בין געווען ביזי מיטן אויפשטעלן אַ טען סטאָרי בילדינג און יעדן פרייטיק האָב איך געדאַרפט רייזן אַ פּאַטשן מיט גײַלט פאַר ווײדזשעס פאַר דעם קאָנטראַקטער און יעדן דאַנערשטיק פלעג איך באַקומען העדעקס טראַכטנדיק ווו מען קריגט אַזוי פיל געלט. מיין אָווערדראַפט, און איר מעגט וויסן אַז כ׳האָב אַ גאַנץ היפּשן אָווערדראַפט, אל בעט יו אַז איר וועט עס ניט נעמען מיט טען טויזנט פאַנד, איז מיין אָווערדראַפט שוין געווען לאַנג אָווער־דראָען. און דאָ, צו אַלע גליקן, קלייבט זיך נאָך מיין מיסיס אויף אַ טריפ אָווערסיס און דרייווס מי מעד מיט אירע דרעסעס — היינט ווו זאָל איך נעמען פאַר טשאַריטי? נו, איז מיין קאָמיטי געוואָרן דיסאַפּאָינטעט אין מיר. וואָס קען איי דו, האָב איך זיי געפרעגט, אַז אַלץ איז געקומען אויף איין מאָל און די צייט איז שלעכט, און מיין ווייב איז נאָך שלעכ־טער? אָבער, האָב איך זיי צוגעזאָגט, ווי נאָר איך פאַרענדיק די טראָבל מיט מיין בילדינג און מיט מיין ווייב וועל איך געבן דאָבל. און צום סוף האָב איך דאָס אַלץ פאַרגלעט מיט מיין אָפּענינג ספּיטש פאַר דעם קאָמ־פּיין. איך וועל אייך דאָ זאָגן אין שאָרט די מיין פאָינטס פון מיין ספּיטש, וועט איר אַליין זען.

„לײדיס ענד דזשענטלמענער: אין פּסוק שטייט על שלושה דברים העולם עומד (איך האָב זיך ספּעציעל אויסגעלערנט דעם פּסוק אויף אויסווייניק — זאָלן זיי זען אַז איך קען היברו אויך) און איך זאָג אַז איזראעל קען עסטאַבלישט ווערן על ארבעה דברים: קאַפּיטאַל, עלייה, געלט און מענטשן. ענד לעט מי, לײדיס ענד דזשענטלמענער, עקספּליין איט פּאָינט ביי פּאָינט.

איי: קאַפּיטאַל דאַרפן מיר האָבן צו עסטאַבלישן די קאַנטרי ענד אָרגאַנייזן די אינדאַסטרי ענד טו מייק עקספּערימענטס מיט די גראַנד אָף איזראעל. הו נאָז? פּערעפּס קענען מיר אויך דאָרט, ווי דאָ ביי אונדז אין קאַנטרי, געפינען גאָלד און דיימענדס, פּערעפּס אפילו אויל, הו קען טעל?

בי: עלייה דאַרפן מיר האָבן צוליב, נו, יו נאָו וואָט איי מין. מ׳דאַרף

געבן אַ שאַנס דעם אל על און די דזשואיש נייווי, זאָלן זיי אויך מאַכן אַ פּיו פאַנדס. ס׳איז פאַר אונדזער גאַווערמענט.

סי: געלט דאַרפן מיר האָבן פאַר — אָווקאָס, ווער דאַרף עס קיין געלט ניט? אפילו אַז מען בויט אַ טען סטאָרי בילדינג דאַרף מען אַ פאַט־שן, ביפרט איזראעל וואָס איז נאָך אַ „גרינע" מדינה. און מיר ווייסן דאָך אַז אפילו אַ גרינער ביי אונדז קען זיך אַרויפאַרבעטן ווען ער האָט אַ ביסל געלט. דעריבער דאַרפן מיר העלפן איזראעל מיט געלט, איזנט סאָ? און

די: מיר דאַרפן האָבן וואָס מער מענטשן — און וועלכע קאַנטרי דאַרף עס ניט קיין מענטשן? און מיר דאַרפן נאָך אַן אַרמי, אַ נייווי, אַן ערפאָרס."

און נאָך האָב איך זיי געזאָגט: „טו קיפּ אָקופּייד דעם נגב דאַרף מען מענטשן. מ׳דאַרף אויך מענטשן אויף די פאַרמס, איי מין, וואָט דו יו קאָל איט, יו נאָו — קיבוצים ענד חלוצים. מען דאַרף סאָלדאַטן צו היטן די בלומען אַראַבער, זיי זיינען דאָך די „ווילד וועסט" פון איז־ראַעל." אַזוי אומגעפער איז געווען מיין ספּיטש אויף דער אָפּעניגנ פון קאַמפּיין, און אַז כ׳האָב געפינישט איז געוואָרן אַזאַ ליאַרעם און פאַט־שעריי, אַז מ׳האָט ממש צעטראָגן דעם האָל. דאָס איז געווען דער בעס־טער סימן, אַז מיין מיידן ספּיטש איז געווען אַ ביג סוקסעס. איז דאָך גוט, האַ?

אָבער ווי דער טומל האָט זיך איינגעשטילט, שטעלט זיך אויף אַ יאַנגסטער, טאָקע פון מיין געוועזענער פאַרטי זייאָניסט סאָשעליסט, און בעט אַ וואָרט. מיין איך דאָך אַז דאָ וועט ער מיר שוין אַריינלויבן אין הימל אַריין, זאָג איך אים:

„יו אַר וועלקאָם, מיי פעלאָ! אדרבה און מהכי תיתי, נאָמיר אָקאָרשט הערן וואָס וועט איר זאָגן וועגן דעם אַלעם? אבי נאָר איר זייט מסכים מיט מיין אידעע איז שוין גוט".

גיט ער זיך אַ שטעל אויף און טוט אַ צעלייג מיין ספּיטש, אַז ס׳איז פון אים געוואָרן אַ האַן. איר פאַרשטייט, אַזאַ חוצפה פון אַ בלומען יאַנגסטער! און אַלץ מיט גלאַטע ריידעלעך:

„מ״ר טשערמאַן״, טוט ער אַ זאָג צו מיר אײדל, „איך בין מסכים מיט אייך 100 פּראָצענט צו אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, נאָר כ׳וויל בלויז מאַכן אַ פּאָר רעמאַרקס, אַ פּאָינט אָף אָרדער. פערסט אָוו אָל, דאָס וואָס דער טשערמאַן האָט געזאָגט אַז ישראל דאַרף געבויט זיין אויף ארבעה דברים קען מען עס מאַכן אַ ביסל שאַרטער און אַראָפּ־שניידן גאַנצע 50 פּראָצענט. דאָס הייסט״, טענהט ער ווייטער מיט אַ גלאַט צינגעלע, „אַז קאַפּיטאַל און געלט איז איינס און דאָס זעלבע, און עלייה און מענטשן איז דאָך ווידער איינס און דאָס זעלבע, טאָ צו וואָס דעם ענין פאַרפּלאָנטערן מער ווי עס איז״. און דעריבער איז ער איינ־שטימיק מיט מיר אַז די 2 זאַכן, ווי ער האָט עס עקספּליינט, דאַרף מען טאַקע האָבן. איז דאָך גוט, האַ? טוט ער זיך אַזוי, תוך כדי דיבור, אַ קער צו מיר ווידער: „נו, טאָ לאָמיר הערן וואָס איז טאַקע מיט אייך אַליין, מ״ר טשערמאַן? געלט, וואָס איר רופט קאַפּיטאַל, האָט איר דאָך אַנגעשטאָפּט אַז איר אַליין ווייסט ניט וויפל איר פאַרמאָגט. צוויי יאַנג־סטערס, וואָס וואָלטן פּאַסן פאַר ישראל, האָט איר דאָך קיין עין הרע אייער אייגנס, טאָ וואָס איז טאַקע מכוח ווייזן אַ סאַמפּל פאַר דעם עולם. נו, מ״ר טשערמאַן, דאָס איז אַ טשאַלענדזש פון מיין פּאַרטי״.

האָט איר שוין געהערט אַזאַ טשיק פון אַ בלומען יאַנגסטער. און עולם איז שטיל און וואַרט אויף מיין ענטפער. שטיי איך אַ צעטומלטער פאַר די הונדערטער יידן אין האָל און מיין פּנים פלאַמט מיר פאַר בושה. קען זיך דען אַ טשערמאַן אַוועקשטעלן און אָנהייבן דערציילן אַ מעשה, אַז קיין געלט — ניט ער קען און ניט ער האָט קיין צו גרויסן חשק עס צו געבן; און וואָס שייך דער עלייה פון מיינע זין קיין איזראעל, דאָס איז בכלל אימפּאָסיבל — ווייל איך טאָר זיי ניט אָפּלאָזן פון מיר. דער עלטערער איז מיין רעכטע האַנט אין ביזנעס און אַן אים בלייב איך אויס קאַפּעליוש־מאַכער. יו נאָו האַו איט איז — אַכטונג געבן אויף די אָנגע־שטעלטע עטצעטרא, עטצעטרא. גייט פאַרלאָזט זיך אויף דעם יושר פון היינטיקע מענטשן, וועט איר גלייך מכולה גיין. פאַרשטייט מען שוין, אַז דעם עלטערן מוז איך האָבן אין ביזנעס, און דעם ייִנגערן — ער

איז אין יוניווערזיטי, ער סטאַדיט פאַר אַ דאָקטאָר, טאָ ווי קען מען אינטעראַפּטן אין מיטן. נישקשה, זאָל ער נאָר ווערן אַ דאָקטאָר וועט ער צופאָרן אַ קוק טאָן ווי איזראַעל זעט אויס.

ווייל אין האַרצן ווייסן מיר דאָך, אַז מיט אונדזערע שוועסטער־קינדערלעך, די ישמעאֵלימלעך איז נאָך גאָר ניט אַזוי זיכער. זיי, די אַראַבערלעך קען זיך נאָך פאַרוועלן מאַכן אַ סעקאַנד רונדע גראַדע ווען מיינע קינדער וועלן קומען קיין איזראַעל. דעריבער איז טאַקע בעסער אַז צו ערשט זאָלן פאָרן די קינדער פון אָרעמע מענטשן — וואָס האָבן זיי דאָ צו פאַרלירן? אַן אָרעמאַן איז דאָך אַלץ איינס, דאָ ליגט ער אין דר׳ערד און אויף יענער וועלט ליגט ער אויף דער אמתן אין דר׳ערד, אָבער אָפּרייסן נגידישע קינדער פון זייער היים — דאָס טאָר קיין רעספּאָנסיבל זייאָניסט ניט ברענגען פאַר דער פּאָבליק, דאָס איז ניט אַ גוד פּאָינט. איך אַליין, זעט איר, טראַכט יאָ, פליז גאָט, אַז ס׳וועט זיין רואיק אין ישראל, וועל איך זיך אַריבערפליען אַ ביסל מיטן אל על פאַר פּלעזשער און פאַר איינס — אפשר וויַט מען קענען טאָן אַ ביסל ביזנעס אויך און זיך אויסשלאָגן די הוצאות. איך בין דאָך פאָרט אַ רעספּאָנסיבל מען און כ׳ווייס וואָס כ׳האָב צו טאָן.

יאָ, איר פרעגט ווי איך האָב זיך אַרויסגעדרייט פון מיין טשאַ־לענדזש דאָרט אויף דעם מיטינג ביים קאַמפּיין. דאָנט וואָרי, אַ חכם גיט זיך אַן עצה. אַז כ׳האָב געזען אַז עולם וואָרט אויף מיין מפלה, האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און אַרויס מיט לשון:

„געוויס וועלן מיר געבן!״ האָב איך אויסגערופן מיט היץ קעגן יאַנגסטער. „אַלע פון אונדז דאָ וועלן געבן, און אונדזערע קינדער וועלן מיר שיקן קיין ישראל פאַר חלוצים! און מיר אַליין וועלן אויך פאָרן, פאַר וואָס זשע ניט?״ און איר זאָלט וויסן זיין, אַז ווען כ׳הייב אָן ריידן אין פלורל, בלשון רבים, מיין איך עס אַלע מאָל יענעם ניט מיר. און אַז כ׳ווער נאָך מיַר עקסייטעט הייב איך שוין אָן ריידן צו די מענטשן דירעקט:

„יידן, עפנט די פּאָקעטס און די הערצער, גיט וואָס מער געלט פאַר איזראַעל, ווייל עס איז אונדזער לאַנד, ובזכות זה וועט גאָט ברענגען שלום אויף אייך ועל ישראל ונאמר אמן!״

און יידן געפעלט עס, ווייל זיי כאַפּן זיך גלייך אויף מיין מייַן! ניט אומזיסט בין איך אַליין דער חכם. זיי וויסן שוין איין מאָל ווען צו מאַכן פאַר אַ טשערמאַן.

ב. דער רשע — מהו אומר?

העלאָ, העלאָ! איר זייט מיר עפּעס זייער קענטלעך. פאַראַיאָרן, דוכט מיר, האָבן מיר זיך אויך געטראָפן צום דריטן סדר, טאַקע דאָ, אין קאַרלטאָן האָטעל, אָווקאָס. פאַראַיאָרן בין איך עס געווען דער חכם, טאַקע אַ חכם אויף איין אָוונט, אָבער פאָרט אַ חכם. כ׳בין געווען דער חכם פון מה נישתנה, דער ביג באָי, שיעור ניט אַ טשערמאַן פון אַ זייאָניסט אָרגאַניזיישן, נאָר היינט האָב איך רעזייענט. פאַר אייך, ווי פאַר גוטע פריינד, מעג איך אָבער אויסזאָגן דעם סוד: מ׳האָט מיך דיסטשאַרדזשעד, מ׳האָט מיר אַראָפּגענומען די עפּאָלעטן און געקרוינט פאַר אַ רשע. ווייסט איר כאָטש פאַר וואָס? ווייל פאַראַיאָרן האָבן די זייאָניסטן געמיינט אַז איך האָב די מאה, און אַז מ׳האָט די מאה האָט מען אויך ניט נאָר די דעה, נאָר מ׳האָט אפילו חכמה אויך. היינטיקס יאָר האָט מיט מיר געטראָפן אַ שטיקל קאַטאַסטראָפע, אויף אַלע מיינע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן. ס׳הייסט: די קאַטאַסטראָפע האָט פּאַסירט ניט מיט מיר גופא נאָר מיט מיינע מערטשנס מיט וועמען כ׳פלעג דילן. איך בין, און זאָל עס בלייבן צווישן אונדז, געגאַנגען אַ ביסעלע מכולה. נו, איז מה רעש? אין גאַנצן אויף 231 טויזנט פונט. בין איך דען דער איינציקער? מ׳האָט שוין געזען גרעסערע אויפטוערס.

און כ׳וועל אייך זאָגן אַ סיקרעט, אַז אַזעלכע זאַכן טרעפן ניט נאָר ביי יידן אין גלות, נאָר אפילו אין דער יידישער מדינה, אין ישראל איז עס אויך ניט קיין ייחוס. אוי, זאָלט איר מיר געזונט זיין, אַז אונדזערע יידעלעך צעלאָזן זיך מיט באַנקראָטעלעך מעג אַ וועלט זיך לערנען ביי אונדז דעם כך עשה הלל — און מיין נאָמען איז טאַקע הלל. הכלל, פאַריאָרן ערשט אַ חכם, און היינט שוין אַ רשע. און ווער מיינט איר האָט עס אויסגעפּויקט פאַר דער גאַנצער וועלט? טאַקע מיינע אייגענע ברידערלעך. די ייִנגערע ברידערלעך, דער תם און דער שאינו יודע לשאול האָבן מיר ניט פאַרגינט און זיי האָבן געהאַט טענות פאַר וואָס קומט עס מיר אָפּצולעקן אַזאַ פעט ביינדל פון מיין טראַנזעקשן. זיינען זיי מיר באַפאַלן, ווי דער היישעריק אין פרעהס מכות, אַז איך זאָל זיי

געבן אַ ביסל געלט פון דעם וואָס איך האָב געגאַשט, פאַר יעדער פאָנד: מעות חיטים, עמערדזשענסי פאָנד, קרן קימת, קרן היסוד, זייאָניסט סאָשעליסט פאַרטי, קאָמיונאַל פאָנד און פאַר נאָך אפשר אַ צענדליק פאָנדן וואָס איך געדענק שוין זייערע נעמען ניט. און איך, ווי איר קענט זיך נאָך דערמאָנען פון מיין פאַראַיאָריקן ספּיטש, האָב קיין חשק ניט צו נתנען. גיב זיי גלאַט אין דער וועלט דאָניישנס, פונקט ווי ס׳וואָלט גאָר געווען זייער באַנקראָט, ניט מיינער, עס איז זיי גרינג אָנגעקומען.

טענה איך צו מיינע ליבהאַרציקע תמעוואַטע און שאינו יודע לשאולדיקע ברידערלעך: וואָס אַרט עס אייך? וואָס טוט אייך ווי דער קאָפּ פאַר מיינע מערטשנס? און אַז כ׳וואָלט אַרויס פון דעם ביזנעס נקי, וואָלט איך דען וואָרעמער געווען? טאָ וואָס אַרט אייך אַז ביי מיר אין פּאָקעט איז געבליבן אַ פאַר הונדערט טויזנט כשר־פאַרדינטע מזומנים? דאַרף איך עס אייך אָפּגעבן, אָדער צעטיילן פאַר אַלע יידיקגייערס?

האָבן זיי מיר צוליב דעם אַ נאָמען געגעבן רשע — און ניט סתם זיך אַזוי אַ רשע, נאָר טאַקע דער רשע פון דער הגדה. איז אָט בין איך היינט געקומען צו אייך, צום 3טן סדר אייערן, און בעט אייך אַז איר אַלע דאָ זאָלט אַרויסטראָגן אַ פּסק דין, אויף אייער אייגענעם סאָוועסט און בקול רם: האָב איך, הלל (דאָס איז נאָר מיין נאָמען אויף די וועקסעלעך), זיך פאַרדינט אַזאַ טיטל, אַזאַ בעד ניים?

לאָמיר טאַקע אָקאָרשט אַ בליק טאָן אין דער הגדה און זען וואָס דער רשע זאָגט דאָרט: מה העבודה הזאת לכם? אין מאָדערנעם לשון קען מען עס פאַרטייטשן אַזוי: וואָס האָקט איר אַ טשייניק מיט אייערע פאָנדן? מילא, די ישראל פאָנדן, ווי זאָגט איר: מען איז דאָך ניט מער ווי יידן, איז מען דאָך. הגם מיטן עמערדזשענסי פאָנד בין איך ניט זיכער וועמען ער וועט ראַטעווען? מיר וועט ער זיכער ניט העלפן, נאָר מילא, אבי מ׳וואָלט מיט אים כאָטש געקענט אָנלערנען אַ ביסל די ציגיינער וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף ישראל. די אַנדערע פאָנדן,

ווי ביקור חולים, הכנסת כלה, הלווית המת, תלמוד תורהס זיינען דאָך סתם אַ ברכה לבטלה.

ביי מיר, דעם אמת זאָגנדיק, שטייען די פאָנדס אויף דער זעלבער מדרגה ווי די נייע סינאַגאָגעס וואָס וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. איר פרעגט, צי איך בין קעגן די אַלע סינאַגאָגעס ? אוודאי בין איך קעגן זיי. אפשר קענט איר מיר דערקלערן צוליב וואָס און פאַר וועמען האָט מען אויסגעבויט אַזוי פיל שולן אין אַזאַ שטאָט ווי יאָהאַנעסבורג? איר וועט מיר מיסתמא ענטפערן, אַז יידן זאָלן האָבן ווו צו דאַוונען, ווייסן מיר דאָך אַלע אַז עס הייבט זיך ניט אָן. ווייל ווער אַ שטייגער, חוץ די עטלעכע אָלד פעשן מען און גרענדפאָס, דאַוונט דאָ, ברוך השם, אין דער קאַנטרי ? און פאַר די אַלע צוזאַמען וואָלט אפילו איין שול אויך זיין צו גרויס. אלא וואָס דען? דער תירוץ איז: אויב אַ מ״ר קליינמאַן פאַרוועלט זיך צו ווערן אַ גרויסער פּרעזידענט פון אַ גרויסער שול, און אַ מ״ר זיצמאַן וויל ווערן אַ טשערמאַן, און אַ מ״ר קמצן וויל ווערן אַ טרעזשורער — לייגן זיי זיך צוזאַמען און מען בויט אַ שול אויף קהלשע הוצאות.

איז אַ גאַנץ יאָר שטייען די שולן ליידיק און שפּינען קענען זיך דאָרט רואיק וועבן זייערע פעדעם, אָבער אַז עס קומט נאָענט צו ימים נוראים, דאַן הייבט זיך אָן דער אמתער מאַרקעט, יידן האַנדלען מיט גאָט און מיט זיין סחורה — עס איז ניט קיין שלעכטע ביזנעס. ביי מיר זעען די אַלע סינאַגאָגעס אויס ווי מצבות אויף אַ גרויסן בית עולם, ווו איין מאָל אַ יאָר, אין אלול, קלייבן זיך צוזאַמען יידן אויף קבר אָבות און מ׳באַ־צאָלט פאַר אַ סיט און שפּעטער קומט מען פאַר 2־3 טעג צו הערן ווי דער חזן ציקלט אויס די ניגונים פון יום־טוב.

נו, און וואָס מיינט איר איז דער אויפטו פון די תלמוד תורהס? האָט איר שוין דאָ געטראָפן כאָטש איין מנין למדנים וואָס זיינען פון זיי אַרויסגעקומען? איך ניט! להיפך גאָר: כ׳האָב נאָך ניט באַגעגנט קיין איין יינגל אָדער מיידל, וואָס לערנען אָפּ יאָרן, אַז זיי זאָלן קענען אַ שייטל עברי, ניט צעברעכנדיק זיך די ציינער. און אַז עס טרעפט אַז

מ׳לערנט שוין אויס אַ בר מיצווה־בחור זייך פּאַפּוגייאישע דרשה, איז גלייך נאָך די טייערע פּרעזענטן און נאָך דער שיינער פּאַרטי זאָגט ער אַפּ זיין פּסוק: ברוך שפּטרני (אָנשטאָט דעם טאַטן, וואָס פּלעגט עס אַ מאָל זאָגן), וואָס אויף זיין לשון מיינט עס: איי עם פיניש וויט די דזשוס ענד אָל דהיס טראָבל!

איך האָב זיך פאַרעדט וועגן אַנדערע ענינים, אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום ענין: געלט, זאָלט איר וויסן, וואַקסט ניט ווי טאָמאַטעס, און דעריבער בין איך גאָר ניט מחויב צו געבן פאַר פאַנדן. מ׳דאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען ביז מ׳אַרבעט זיך אַרויף. נו, איז קומט מיר עפּעס דערפאַר? דערפאַר דאַרף מען עס מיר אַ נאָמען געבן רשע? און איך דאַרף עס נאָך אַליין זען אין דער הגדה מיט גרויסע אותיות: כופר בעיקר — הקהה את שיניו. דער תם וועט עס אייך פאַרטייטשן נאָאיוו: מאַך אים הייליק די ציין, אָבער דער חכם וועט גלייך פאַרשטיין דעם אמתן און פשוטן פשט: האַק אים אויס די שיניים! פרעג איך אייך: איז פאַראַן יושר אויף דער וועלט?

איך וועט זיך מיט אייך, אַז עס זיינען פאַראַן ערגערע יידן פון מיר אין שטאָט, און אפילו אפשר דאָ ביים דריטן סדר. עס זיינען פאַראַן געגנוג יידן גזלנים, אמתע בייטל־שניידער, וואָס קענען אַרויסנעמען ביי אַ מאַמען אַ קינד פון בויך און קיינער וועט זיי ניט רופן רשע. פאַרקערט גאָר: זיי זיינען עס מיט די אַרויפגעגרימירטע הדרת פנימדיקע שמייכע־לעך, זיי ריידן גוטע ריידעלעך און וועלן אייך צוזאָגן דאָס טעלערל פון הימל, נאָר אַז עס קומט צום געבן ווערט פון זי אַ תם אָדער אַ שאינו יודע לשאול.

איך זאָג אייך, אַז די סאָרטן יידן, וואָס מאַכן זיך תמעוואָטע ווי מיינע צוויי יינגערע ברידערלעך, האָט מען געדאַרפט דורס זיין. און נאָך אַ טריק האָבן זיי — זיי ציען אַזוי לאַנג די עצמות און מ׳קלאַפּט אַפּ ביי זיי די שוועל ביז ס׳ווערט נימאס און דער קאָלעקטאָר, נאָך דעם ווי ער האָט באַלד צעריסן די פאַדעשוועס לויפנדיק צו זיי, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט: עך, זאָל ער שוין גאָר גיין טו העל מיט זיינע פּאָר

פונטלעך. און מיר האָבן עס מיינע ברידערלעך געקרוינט מיט דעם שוואַרצן נאָמען רשע, נאָר דערפאַר ווייל זיי פאַרגינען מיר פשוט ניט. איז, מילא, אויף דעם תם און דעם שאינו יודע לשאול האָב איך קיין פאַראיבל ניט, ווייל זיי זיינען נעבעך געשטראָפטע — איינער מיט אַ קלעפּקע אין מוח און דער צווייטער מיט אַ שלימזל אין קעשענע, אָבער אויף מיין עלטערן ברודער, אויף דעם חכם, אויף אים פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק. וואָס עפּעס פאַרגינט ער מיר ניט? האָט ער דאָך געקענט מאַכן דעם זעלבן קונץ ווי איך און זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, אפילו ווערן אַ טשערמאַן אין אַ סאָסייטי, אַזוי ווי איך. און שכל, באַרימט ער זיך, פעלט אים חלילה ניט, אלא וואָס דען: ער וויל זיין קליגער פון דער גאַנצער וועלט און מיינט אַז חכמה איז אויך ערלעכקייט — טאָ וואָס פאַר אַ חכם, פרעג איך אייך, איז ער?

מיינט אָבער ניט אַז כ'נעם זיך שטאַרק צום האַרצן וואָס מען רופט מיר רשע. איך לאָז זיך אויס פון די אַלע צדיקים און זייערע אָנשטעלן. איך זאָג: רופט מיר הונט, אַבי עס זאָל זיין צו געזונט. און חוץ אַלעם האָט דאָך יעדער מענטש זיין אייגענע פילאָסאָפיע, אפילו רשעים. איך האָב זיך מיין תפילה און מיין פילאָסאָפיע: אַ לויב און אַ דאַנק דיר, ריבונו של עולם, פאַר שטעלן אחרי מות — קדושים. און כ'גיי מיט אייך אין געוועט, אַז נאָך מיין טויט וועט אויף מיין מצבה שטיין אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אויף ווייסן מארמאָר־שטיין: פה נקבר — דאָ ליגט אין דר'ערד, מ"ר סאָ ענד סאָ, אַ ייד אַ צדיק, אַ לב טוב, אַ חכם און אַ למדן, אַ גאון, אַ גרויסער נדבן, אַ בעל שם טוב און אַן עניו, און פון מיין לעבעדיקן נאָמען רשע וועט אפילו קיין זכר ניט בלייבן. און כאָטש כ'בין אַ רשע פון דער מה נשתנה איז נאָך אַלץ אחרי מות — קדושים. אויף יענער וועלט זיינען ניטאָ קיין רשעים, נאָר כולם צדיקים — און איך וועל זיין צווישן זיי.

ג. דער תם — תם מהו אומר?

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דעם נאָמען תם, מיט וועלכן כ׳בין צום היינטיקן סדר באַערט געוואָרן, האָב איך כשר פאַרדינט. ווי נאָר דער טשערמאַן האָט מיך פאַרבעטן צום דריטן סדר דאָ, איז מיין ערשטע קשיה געווען: מה העבודה הזאת לכם? צו וואָס דאַרפט איר די גאַנצע מי, אַזוי זיך מטריח זיין, זיך איינרייסן די קאָפּאָטע און פטרן צייט, געזונט און געלט אויף דריטע סדרים. זיינען צו ווייניק פאַר אייך צוויי סדרים? האָט איר ווייניק זיך אָנגעהערט די מעשה פון יציאת מצרים, מיט די אַנטיסעמיטישע גענגלעך פון פרעהן און זיינע מעשים תעתועים? הא, איז עס ווייניק פאַר אייך? אַז אַ יידיש האַרץ קען פלאַצן פאַר ווייטיק, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן מיט 2000 יאָר צוריק מיט אונדזערע יידעלעך. אָבער אויב שוין יאָ דערציילן, טאָ פאַר וואָס ניט דערציילן וואָס עס האָט געטראָפן ערשט מיט אַ 20 יאָר צוריק, ווען אַ נאַצי־המנקע האָט זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען אַלע יידן? און וועגן נייעם אַראַבישן פרעה פון היינטיקן מצרים?

און צווישן זיך גערעדט: וועלכער פרעה, פון די אַלטע און נייע צייטן, טראַכט ניט להרוג ולאבד את כל היהודים? מיר זיינען זיי דאָך תמיד געווען און מיר זיינען זיי נאָך היינט גרויס אין די אויגן. טאָ צו וואָס פּראַוון דריטע סדרים נאָך, אַז מיר האָבן שוין אויף די ערשטע 2 גענוג דערציילט אונדזערע קינדער וועגן יציאת מצרים? נאָר אויב איר ווילט ניט אַנדערש ווי פּראַוון אַ דריטן סדר, אַ נייעם סדר, וואָלט דאָך שוין געפּאַסט אַז מ׳זאָל אויך אָנשרייבן אַ נייע הגדה און דערציילן אַלע יידן, וואָס ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן, וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן טאַקע ערשט ניט לאַנג צוריק. אוי, איז דאָ וואָס צו דערציילן! פאַר אונדזערע אויגן ממש האָט זיך דאָך „אָפּגעשפּילט" דער גרויליקער חורבן פון אונדזער פאָלק, און גלייך נאָך דעם חורבן — דער נס פון ווידער אויפקום פון פאָלק און לאַנד ישראל. איי־איי, איז דאָס געווען אַ נס! אַנשטאָט וואָס משה האָט אין מצרים געשפּאָלטן דעם ים מיט זיין שטעקן, האָט דער מאָדערנער דוד געשפּאָלטן די מיצרישע קעפּ מיט

ביקסן און האַרמאַטן. און דעם נס האָבן מיר דאָך אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען.

דאָ האָבן זיך די חברים איבערגעקוקט און זיך פריינדלעך צעשמייכלט, און איינער פון די חשובע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו האָט געפּסקנט, אַז לויט מיינע דיבורים בין איך ווי אַנגעמאָסטן פאַר דעם תם. אַלע איבעריקע מיטגלידער האָבן באַגייסטערט און צופרידן אַפּלאָדירט דעם פאָרשלאָג און לויטן באַשלוס פון גאַנצן עקזעקוטיוו בין איך געקרוינט געוואָרן פאַר דעם תם. איז שוין פאַרפאַלן, איך מוז שפּילן דעם תם. ווי זאָגט דאָרט די גמרא: אחרי רבים להטות, אפילו אַ ייד וואָס טראָגט אַזאַ איידעלן טיטל ווי תם מוז אויך פאָלגן און זיך ניט מאַכן תמעוואַטע . . .

אָבער אין גרונט גענומען בין איך גאָר שטאַרק צופרידן מיטן טיטל תם. צו זיין אַ חכם דאַרף מען האָבן אַ ביסל שכל; צו זיין אַ רשע דאַרף מען שוין האָבן מער שכל, ווייל באַשירעמט און באַהיט זאָל מען זיין פון אַ רשע און נאָך אַ נאַר דערצו; אַ תם, זעט איר, איז שוין גאָר אַ לייכטע זאַך, ווייל וואָס מישטיינס געזאָגט פאַרלאַנגט מען פון אים; וואָס ער זאָגט נאָר איז שוין במילא פאַררעכנט פאַר אַ חכמה — און קיין צו גרויסע און קלוגע זאַכן דערוואַרט מען דאָך סיי ווי ניט פון אים.

הכלל, היינט בין איך דאָ אין דער בעסטער ראָל, אַז מיינע ברידערלעך מעגן מיך טאַקע מקנא זיין. און טאַקע זעענדיק פאַר זיך אַזאַ פיינעם און אינטעליגענטן עולם, קיין עין הרע, נעם איך זיך די געלעגנהייט אויסצוגיסן מיין ביטער האַרץ פאַר אייך — ווייל ווער אַנדערש ווי אַזאַ עולם וועט אַכט לייגן אויף די טענות פון אַ תם, און ווו ערגעץ אַנדערשוו קען ער זיך אויסטייַנהן ווי דאָ, אויפן דריטן סדר? און פאַר די חשובע פאַרזאַמלטע וועט עס, דוכט מיר, אויך זיין אַ נייעס, ווייל איך בין זיכער אַז ניט קיין סך פון אייך איז אויסגעקומען צו הערן ערגעץ אַ תם פון דער הגדה און ווי אַזוי און וואָס ער האָט צו זאָגן — ווייל ווער איז דאָס פאַראינטערעסירט אין אַ תם ?

ווי איר ווייסט שוין פון מיין ביאָגראַפיע, וואָס איך האָב אייך דער־ציילט, בין איך שוין אין מיין לעבן געווען צו ערשט אַ חכם, דאַן אַ רשע, איצט איז מיין ריי צו זיין אַ תם. דאָס הייסט, אַז איר האָט ניט צו טאָן מיט קיין געבוירענעם תם, ווי זאָגן לייט: צייטן בייטן זיך און מ׳קען אייביק קיין חכם ניט זיין. לאָמיך עס אייך טאַקע דערציילן נאָך אַ מאָל.

בשעת איך בין געווען רייך און גיִהאַט די מאה האָב איך אויך געהאַט די דעה. יעדער איינער האָט זיך מיט מיר געחברט, געזוכט צו זיין מיט מיר אין געזעלשאַפט און געוואָלט אַרויסשלעפּן פון מיר וויפל נאָר עס לאָזט זיך. און איך דער חכם האָב זיך טאַקע ניט געלאָזט כלו־מרשט נאַרן, ניט געגעבן יעדן איינעם מיט דער פולער האַנט, איך האָב געמיינט אַז אייביק וועט מיר דער מזל צושפּילן. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן האָב איך זיך אַרומגעזען — עס טויג ניט, ברודערקע! מיינע אַלע גרויסע געשעפטן, וואָס איך האָב אָנגעצויגן, האָבן צוגעהונקען. ס׳איז ניט ווי ס׳האָט גיִדאַרפט זיין, טראַכט איך מיר, און דערפיל אַז אויב כ׳וועל גלייך ניט קענען קריגן אַן אינדזשעקסן וועל איך מיאוס אָפּשניידן, איז אויס מיט מיינע 70 יאָר. האָב איך גלייך געלאָזן מיין חכמה אין גאַנג. איך בין גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן און זיך אַלץ גיִז־קליגט, ווי אַזוי און וואָס צו טאָן. איך האָב זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס וואָלט זיין בעסער, ביז איין טאָג האָב איך באַשלאָסן: אויס, גענוג געקלערט, הבה נתחכמה! און כ׳האָב געמאַכט איין דריידעלע, און נאָך איינע, ביז איך האָב זיך אַן עצה געגעבן מיט מיינע פּראָבלעמען: איך בין געוואָרן מכולה און — געבליבן מיט אַ גאָר היפּשע אפּותיקא אין קעש.

גיִעדענקט איר דאָך. דאַן, האָט זיך אָנגעהייבן אַ גאַנצער איבער־פאַל אויף מיר פון אַלץ מיינע גוטע פריינד און בעלי־טובות: זיי האָבן מיך אָטעמען ניט געלאָזט — רק גיב זיי! גיב פאַר דער איי. יו. איי. גיב פאַרן קאָמיונאַל פאָנד, גיב זיי פאַר קרן קיימת און קרן היסוד — מיט איין וואָרט: האַלט כסדר די האַנט אין קעשענע און האַלט אין איין געבן.

אָבער מיט מײַן דערפאַרונג האָב איך צו דעם אַלעם געמאַכט אַ סוף, סטאָפּ מאַשינאַ! איך האָב פּראָסט־פּשוט גענומען טרײַבן פון זיך אַלע נעכטיקע בעלי טובות און קיינעם קיין צוּבראָכענע פּעני ניט געגעבן. אפילו מײַנע 3 ברידער פון דער הגדה האָב איך פאַרזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז זיי זאָלן זיך פאַר מײַנע אויגן ניט ווײַזן און אויפהערן שנאָרן בײַ מיר. האָבן זיך מײַנע ברידער מיישב געווען און מיר געקרוינט מיטן צונאָמען רשע. אָבער מײַן כלל איז, אַז ווײַזט נאָר אַ פינגער, וועט מען אײַך באַפאַלן און אָפּרײַסן אַ גאַנצע האַנט. אַזוי אויך מיט דער קעשענע. מילא, רשע איז רשע, אָבער צו דער קעשענע קומט עס ניט.

דעם אמת געזאָגט: זײַן אַ רשע האָט זיך מיר גוט באַצאָלט, אָבער ווען דאָס רעדעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף צוריק און איך בין אין איין רגע געוואָרן אויס רעדלפירער — אויס חכם און אויס רשע. האָבן אַלע דערזען אַז איך בין ניט מער ווי אַ תם. דער שלים שלימזל איז געוואָרן מײַן וועגווײַזער און ווו נאָר איך האָב זיך געקערט און געווענדט איז ער מיר פאַרלאָפן דעם וועג. איך האָב געפּרוווט טאָן אַלערליי מלאכות, אָנגעהייבן פאַרשיידענע געשעפטן, אָבער אַלץ איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. איך האָב אפילו פּרובירט כשרע יידישע פּרנסות, געמיינט כ׳וועל קענען מאַכן אַ לעבן פון כלי־קודש, יידישע יום־טובים, געוואָרן אַ מין טאָפּעצירער בײַ יידן און געקלעפּט אין דער ווײַבערישער שול מודעות וועגן זמן התפילה וזמן המרחץ, אָבער בײַ מיר אַליין האָט זיך קיין זאַך ניט געקלעפּט.

היינט בין איך אַן אָפיציעלער אָרעמאַן — אפילו דער רעסיווער און רעוועניו וועט עס באַשטעטיקן — און אַלע מײַנע גוטע פרײַנד און אפילו די אייגענע ברידער האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט. בין איך געבליבן אויס חכם, אויס רשע, נאָר תם, כולו תם!

ד. דער שאינו יודע לשאול — שאינו יודע לשאול מהו אומר ?

און אַט איז ווידער פאַרביי אַ יאָר. די געשעפטן היינט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, ווי אין פסוק שטייט: החילות לנפול, נפול תיפול. אַז מ׳טוט זיך איין מאָל אַראָפּשפּאַצירן אויף אַראָפּ, עד שאול תחתיה, איז שוין פאַרפאַלן — מ׳קען זיך מער ניט אַרויפהייבן.

טראַכט איך ביי זיך ניט איין מאָל: רבונו של עולם, עס זיינען דאָך געווען צייטן ווען כ׳בין געווען אַ מענטש, אַ ייד אַ באַלעבאָס, געזעסן אין מיזרח, געזאָגט אַ דעה מיט לייטן גלייך, געווען אַ גאַנצער מאַכער פריער אין דער זייאָניסט סאָשעליסט פאַרטי און נאָך דעם, ווען ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט, אפילו אין עקזעקוטיוו פון דער זייאָניסט פעדע־ריישן. געגעבן עפּעס אויף צדקה, פאַר פאַרשיידענע קאַמפּיינס. מאַלט אייך אַז כ׳האָב זיך ניט איבערגעגעבן, ביי מיר איז דער פונט ניט קיין לייכטער פאַסאַזשיר, אָבער ווער גיט עס יאָ היינטיקע צייטן אַזוי פיל וויפל ער קען באמת געבן? ביי אַרעמעלייט טרעפן נאָך היינט אַזעלכע ניסים, אַז זיי גיבן איבער די כוחות, אָבער גבירים ווייסן וואָס זיי האָבן צו טאָן — עס איז ניט לויט זייערע גבירישע פּירונגען צו געבן לויט זייערע פאַרדינסטן — עס הייבט זיך ניט אָן! ווייל, פאַרשטייט איך מיך, אַז אַן אָרעמאַן גיט, איז וויפל ער זאָל ניט געבן גיט ער צו פיל, און אַז אַ גביר גיט, איז וויפל ער זאָל ניט געבן גיט ער צו ווייניק. און גבירים האַלטן שטאַרק פון דעם כלל: וואָס ווייניקער געבן. אַזוי, זאָגן זיי, פירט זיך שוין די וועלט מקדמונים — און זיי ווילן ניט איבערמאַכן גאָטס פאַראָנדקעס. מיסתמא ווייס דער רבונו של עולם וואָס ער טוט און ווע־מען ער גיט.

למה הדבר דומה ? אַנטקעגן מיר אַליין: איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז עס וועט קומען פּסח און מ׳וועט ווידער אָנהייבן מאַכן הכנות צום דריטן סדר וועט מען אָן קיינע איבערקלערונגען מיר באַשטימען פאַר דעם שאינו יודע לשאול. בין איך דאָך שוין געווען אי אַ חכם, אי אַ רשע, און ניט פאַר אייך געדאַכט, שוין געווען אפילו אַ תם אויך, טאַ

וואָס קען איך נאָך טויגן אויב ניט פּאַר אַ שאינו יודע לשאול. ווייל ס'איז אַ כלל אין פיזיקע, אַז מ'לאָזט זיך אַראָפּ איז שוין שווער זיך אַרויפצוהייבן. און דער תּם איז דאָך שוין כמעט דער נידעריקסטער שטאַפּל פון לייטער און צוריק איז שוין שווער אַרויפצוקלעטערן. חוץ דעם ווערט מען ניט יינגער מיט יעדן פּסח, און מיין גאַנציו געזונט איז אַוועק אין איין פּסח מיט מיין חכמה, אין צווייטן מיט מיין רישעות, און דער תּם, זאָל איך באַוואָרנט זיין, האָט מיר גאָר שיעור ניט אַוועקגעפירט פון יענער זייט צוים . . .

הכלל, ווי איר זעט בין איך שוין היינט אויף אַזוי פיל געפאַלן, אַז פּאַר דעם שאינו יודע לשאול פּאַס איך זיך אַריין מיט מיין גאַנצן קלאַפּערגעצייג. ווייל ווער נאָך איז אַזוי רעזיגנירט פון לעבן ווי איך? איך האָב אויפגעהערט צו באַזוכן סאָסייטיס, לעקציעס און מיטינגען, בריתן און חתונות, און כסדר בין איך לעצטנס פאַרזונקען אין מיינע אומעטיקע מחשבות. און פון וואָס צו טראַכטן איז פאַראַן איבערגענוג: צרות אויף דער וועלט, צרות ביי אונדז דאָ, צרות אין ישראל, צרות ביי יידן און אין יידישע אינסטיטוציעס. אין ערגעץ איז קיין שלום בית ניטאָ. מ'האַלט זיך אין איין רייסן און בייסן. איינער וויל ביים אַנדערן צונעמען דעם ביסן פון מויל. און אַלע מענטשן קריגן זיך, אַלע פעלקער האַלטן זיך אין איין רייסן פאַר די נעז; ראַסן און לענדער קענען זיך די ירושה ניט צעטיילן, און אפילו משפחות ווערן אָפטיו שונאים איינע די אַנדערע. איז אין אַזאַ וועלט גוט צו זיין אַ שאינו יודע...

אָט קריגט זיך אַ וועלט, איינער מיט דעם אַנדערן: ווייסע מיט שוואַרצע, ברוינע מיט געלע. וואָס דאַרפט איר מער — אפילו עלטערן קריגן זיך מיט די אייגענע קינדער, און קינדער מיט עלטערן; ברידער מיט שוועסטער, ברידער מיט ברידער און שוועסטער מיט שוועסטער און וואָס פון אַזאַ צעקריגטע וועלט וועט אין טאָג ווערן, ווייס איין גאָט! און דאָ הענגטיון נאָך איבער דער ליכטיקער וועלט מלחמות און מלחמהלעך. און די קליינע מלחמות האָבן אַ פּנים פון רויטע שדים, וואָס האַלטן אין איין דראָען דער וועלט: טו נאָר ניט באַפרידיקן אונד־

זער זשעדנעם אַפּעטיט און מיר וועלן פון דיר מאַכן אַש און פּאָרעך.
איך פרעג אייך טאַקע, וויפל פעלט אַז אַ מלחמה זאָל אויסברעכן אַ ליאַדן טאָג ? איז טאַקע גוט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ שאינו יודע...

דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף מיר אַזוי ווייט, אַז מיין מוח איז אין גאַנצן אַטראָפּירט געוואָרן און כ׳האָב אויפגעהערט צו טראַכטן און אפילו אויפגעהערט צו פרעגן קשיות. און אַז כ׳וואָלט זיך אפילו אָננע־מען מיט כוחות און וואָלט וועלן פרעגן עפּעס, איז פשוט ניטאָ שוין ביי וועמען. האָב איך זיך געטראַכט, אַז מירצעשעם אַז מ׳וועט מיך אויס־קלייבן פאַר דעם שאינו יודע לשאול וועל איך פאָרט זיך אָנטאָן אַ כוח און אַרויסקומען מיט קשיות און כ׳וועל רעוואָלטירן קעגן גאַנצן פאַר־אָנדעק פון דריטן סדר, קעגן דער הגדה און קעגן אַלץ מיט אַלעמען.
האָבן אָבער מיינע דריי ברידער, די שיינע לייט, מיר אָפּגעטאָן אויף טערקיש און — מען האָט מיר היי יאָר אפילו ניט פאַרגעשלאָגן דעם נאַרישן טיטל פון אַ שאינו יודע לשאול.

בין איך געבליבן צום דריטן סדר אַליין. זיץ און קוק אויף די שוויי־געוודיקע ווענט און שווייג אַליין אַ טיפע און גרויסע שווייגעניש און ווייס ניט וואָס הייבט מען אָן צו פרעגן ביי דער וועלט.

די טענות
פון אליהו הנביא
צו גאָט

(אַ מעשהלע אין ליכט
פון דער נייער צייט)

נאָך דעם צווייטן סדר, ווי געוויינלעך, איז אליהו הנביא געקומען צופליען צום כסא הכבוד, אָפּצוגעבן פאַר גאָט אַ דין וחשבון ווי אַזוי מען פראַוועט די סדרים ביי יידן, אונטן אויף דער זינדיקער ערד.

ביי דער געלעגנהייט ווערט אין דער פמליא של מעלה יעדן מאָל געמאַכט אַ ספּעציעלער יום־טוב. אַלע עלטערע מלאכים פאַרזאַמלען זיך אַרום כסא הכבוד. אַלע לעכצן צו הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון מויל פון דעם איינציקן פאַרמיטלער צווישן דעם יידישן עולם של מטה און די עולמות העליונים — אליהו הנביא.

אין די אַלט־פאַרגאַנגענע צייטן פלעגט אליהו הנביא אָנהייבן זיין געשיכטע מיט אַ צעשטראַלט פנים. זיינע ליכטיק גוטלעכע אויגן פלעגן ווערן פריידיק צעשיינט. אָבער פאַר די לעצטע יאָרן ווערט זיין געזיכט אַלץ מער און מער מיד, און אַנשטאָט דעם אַמאָליקן שמייכל ווערט פאַר־כמורעט זיין פנים, פון יאָר צו יאָר אַלץ מער זאָרג, די קנייטשן אויף זיין ליכטיקן שטערן מערן זיך און די אויגן ווערן וואָס פון יאָר פאַרצויגן מיט מער טרויער. זיין האַרץ איז פול מיט אומעט.

דאָס איז צוליב דער לאַגע וואָס ענדערט זיך צום שלעכטן פון יאָר צו יאָר. כמעט יעדער יאָר דאָס זעלבע פאַרדאגהט פנים, אָבער אין דער זיסקייט פון זיין קול פלעגט מען נאָך מערקן פון צייט צו צייט דעם שווער־טרויעריקן קרעכץ, ביז עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר תשי״ח — דאָס יאָר ווען מיר האָבן די דאָזיקע געשיכטע פאַרשריבן.

ווי אַלע יאָר פילט זיך אין דער פמליא של מעלה אַן אָנגעצויגענע און טיפע שטילקייט אין דערוואַרטונג פון דער ספּעציעלער פייערונג און צוזאַמען מיט דעם אַן אומגעוויינלעך געפיל פון גרייטקייט — גרייטקייט צו אַ שמחה — אויפצונעמען די רייד פון דעם הימל שליח, דעם דין וחשבון פון אליהו הנביא, ווי אַזוי יידן פראַוון זייערע סדרים אויפן עולם התחתון — דאָס איז ניט קיין קליינקייט...

אָבער הייַנטיקס יאָר האָט עפּעס אַבסאָלוט אומדערוואַרט־איבער־ראַשנדיק געטראָפן. דערשטוינט און פאַרווונדערט האָבן די מלאָכים אַרום כסא הכבוד דערזען אליהו הנביא אַריינקומענדיק, ווי אַן אַרעמאַן

דורך אַ פרעמדער טיר, און מיט הכנעה האָט ער אַראָפּגעקניט און מיט אַ פאַרדעקט געזיכט האָט ער גע׳זאָגט צו גאָט:

„רבונו של עולם, טאַטע אין הימל, אל שדי, מלך מלכי המלכים, זאָל דיין לייטזעליקייט גרויס זיין צו מיר, האָב רחמנות און איינזעעניש אויף מיר, דיין קנעכט, איך טו דיר בעטן דו זאָלסט מיר מער ניט שיקן צו זען די סדרים אויף יענער וועלט, ווייל איך האָב מער קיין כוח ניט, איך קען עס מער ניט צוקוקן . . .

„יאָרן און יאָרן, טאַטע אין הימל, ווי איך פאַרלייקן דעם אמת פאַר דיר. אָבער ביז ווען, ביז ווי לאַנג זאָל עס דריקן אויף מיין נשמה, צו באַהאַלטן פאַר דיר דעם אמת פון מיין האַרצן, און ניט אַראָפּריידן זיך פון דעם אַלעם וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר די אַלע יאָרן?"

„רייד קלאָרע רייד", האָט זיך דערטראָגן אַ ברום פון כסא הכבוד, „וואָס האָט פּאַסירט ?"

אליהו הנביא האָט זיך געבוקט און געזאָגט:

„אַ מאָל ביי יידן, האָט מיין פאָלק, דיין בית ישראל, אָנגעגרייט צו מיין קומען צום סדר אַ פולע כוס מיט זיס-פינקלדיקן יין של פסח, אָבער יאָרן שוין ווי מ׳האָט אָנגעהייבן, יאָר-ביי-יאָר, צוגיסן טראָפּנס, טראָפּנס פון גאַליקן גיפט. עס האָט אַזוי ווייט געגרייכט אַז כ׳קען זיך ניט צורירן צו אַזאַ כוס. ווייל פון יאָר צו יאָר ווערט דער ווייַן אַלץ ביטערער. און כ׳האָב מורא אַז ס׳איז ניט ווייט די צייט, אַז דער קומענ־דיקער דור זאָל פול מאַכן מיין כוס מיט דעם ביטערן גיפט, און ס׳וועט קיין זכר ניט בלייבן פון דעם גוטן און זיסן ווייַן".

„נאָך מער: עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען אַז די לעצטע יאָרן דערקען איך בכלל ניט די פּסחדיקע סדרים. מיט מיינע מלאך-פליגל פלי איך אַרום איבער יידישע יישובים, איבער שטעט און שטעטלעך און זוך און נישטער אַן אמת יידישן לייטישן סדר. און זייער זעלטן טרעף איך אַ פּסחדיקן סדר, וואָס אין דער שפּיץ זיצט דער פאַמיליע־באַלעבאָס אין אַ ווייסן קיטל, אין אַ היסב-בעט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מלך, און אַרום אים ביים טיש זיצן אָנגעלייגט אַלע זיינע קינדער און

מיט אַן איינגענעם זיסן קול זאָגן זיי, מיט פייערלעכקייט די הגדה, און זינגען צו די טראַדיציאָנעלע פסח־ניגונים. אָבער איצט, בדרך כלל, טאָטע אין הימל יתברך שמך, קען מען ניט אונטערשיידן צווישן אַ פסח־דיקן סדר און אַ „פּאַרטי״ . . . און איין מאָל האָט מיר כמעט אַן אומגליק געטראָפן:

„איך בין זיך פאַרבייגעגאַנגען אַ יידישע הויז, באַלויכטן און ציכטיק אין אַלע ווינקעלעך, אַ הויז פול מיט מענטשן, יונג און אַלט. די טירן ברייט אָפן. האָב איך זיך געקלערט: דאָ איז געוויס אַ פסחדיקער סדר, און זיי וואַרטן אויף מיר מיט דעם ,שפוך חמתך׳. בין איך אַריין. און וואָס האָב איך דאָרט געזען? ווי צו די אויגן וואָס האָבן דאָס געזען. טאַקע אַ סדר כלומרשט, אָבער אָן אַ סימן פון אַן הגדה, און ווען כ׳בין געקומען האָט מען שוין געהאַלטן ביים ענדיקן די כרעמזלעך, פיל חמוצדיקע שנאַפּס־פלעשער האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל. דער ראַדיאָ האָט געקלאַפּט מיט דזשאַז־מוזיק אַז כ׳בין באַלד טויב געוואָרן און די יונגע חברה האָט געטאַנצט מיט אַזאַ תאווה, אַן בושה און אַן שאַנדע... אַן אַלטער ייד, מסתמא אַ „זיידע״, זיצט אין אַ ווינקל, פאַריתומט, און אָנשטאָט די פסח־געזאַנגען זיצט ער זיך און קרעכצט שטיל און פאַרבאַהאַלטן. כ׳האָב זיך גלייך פאַרבאָרגן פאַר אים און פאַר זיי אַלע, האָב זיך באַמיט אַז קיינער זאָל מיך ניט באַמערקן, און כ׳האָב זיך פון דער דאָזיקער שטוב מיט חרפה אַרויסגעכאַפּט.״

„עס איז דיר באַקאַנט און באַוווסט רבונו של עולם, וואָס כ׳פלעג דיר דערציילן די אַמאָליקע יאָרן, ווען סדרים זיינען געפּראַוועט געוואָרן ביי יידן כדת וכדין, מיט אַלע פליטערלעך, און אין מיטן טיש האָט אויף מיר געוואַרט אַ ספּעציעלער כוס און מ׳פלעגט פאַר מיר פאַנאַנדערעפענען ברייט די טירן, און אַז כ׳פלעג אַריינקומען פלעגן אַלע אויפשטיין פאַר מיין כבוד וועגן. און די קינדער? אוי, ווי גרויס זייער חשק איז געווען מיר אַריינצוקוקן אין די אויגן! ווי אייניקם וואָס איז געשיקט פון גאָט ברוך הוא פלעגט מען מיר מקבל פנים זיין. אָבער רבונו של עולם, אַז אַך און ווי וואָס עס קומט מיט מיר פאַר די לעצטע יאָרן.

פירכטערלעך און שרעקלעך. דער אַלטער דור איז כמעט אויסגעשטאָרבן. און די רעשטלעך, די רויכערנדיקע האלאָוועשקעס, זיינען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין ביזנעס, אין די לענדער וואָס זייער לשון איז אונדז פרעמד און ס׳איז ניט אונדזערס. דאָס מאַמע־לשון פון די יידן איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַלערליי אַנדערשדיקע לשונות.

„און זיי, די אַלטע, גרויע טאַטע־מאַמע. די מערסטע פון זיי זיצןביים טיש פון די קינדער, קינדער געפאַנגענע צווישן די פעלקער, וואָס ווייסן גאָר ניט פון אַ סדר של פסח. און כדי יוצא צו זיין פאַר לייטן זעצן זיי אַוועק דעם אַלטן טאַטן, און זיי גיבן אים אָרדערס און עצות ווי און וואָס צו טאָן, זיי, די אמעראצים זאָגן ווי מען דאַרף פראַוון דעם סדר.

„חרוסת, זאָגן זיי, דאַרף מען ניט, עס שאַדט צום געזונט; כרפס אין זאַלץ־וואַסער מאַכט פעט, און אַלע פון זיי זיינען אויף אַ ,דייעט׳. און גלייך נאָך קידוש הייבן זיי אָן פרעגן זייערע ,קשיות׳. אפשר מיינסטו, טאַטע, אין הימל, אַז זיי זיינען ווי די יידישע קינדערלעך פון אַ מאָל, מיט די געקרייזלטע פּיאהלעך און די לויכטנדיקע אייגעלעך, וואָס פלעגן זיין אויסגעפוצט ווי קליינע פּרינצן לכבוד דעם סדר און פלעגן פרעגן די קשיות מיט אַ זיס איינגענעמען ניגון — מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות — אַ ניגון וואָס פלעגט זיך צעגיסן ווי אַ זאלב אין די ביינער און פלעגט דערקוויקן די נשמה? ניין און נאָך אַ מאָל ניין. קיין האָר ניט פון דעם. אַנשטאָט יענע שיינע קינדערלעך האָב איך שוין די לעצטע צייט באַגעגנט בויאַנעס מיט שקאָצישע פנימער, ווי גויים, און אָנגעטאָן ווי ,קאַובאָיס׳. זיצן אַזעלכע ביים סדר־טיש מיט געווער אין די הענט, זייערע פיס אַרויפגעלייגט אויפן טיש און אַנשטאָט אַן הגדה האַלטן זיי אין די הענט ,קאָמיקס׳, און זיי זיינען גרייט צו נוצן זייער וואָפן פאַר יעדן וואָרט וואָס עס געפעלט זיי ניט.

„און די „קשיות״? אין גאַנצן ניט פון דער הגדה, נאָר אַרויסגענומען פון אַ רעטעניש־ביכל, וואָס הייסט ביי זיי ,קוויזשאָו׳. און אַז דער אַלטער טאַטע הייבט אָן זאָגן די הגדה, נאָך גאָר אין מיטן, נאָך איידער ס׳קומען די מכות, הייבן זיי זיך אָן באַקלאָגן און בעטן: דעד, פליז אייל

זיך אונטערן מיטן זאָגן, ווייל מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן דעם ,ביי־סקאַפּ׳. און דו, גרענדפּאַ, פּליז, האַרי אַפּ, ווייל מיר וועלן נאָך פאַר־שפּעטיקן דעם ,אייט אָקלאָק סיריעל׳. און נאָך מער — ניטאָ אפילו קיין בעלנים צו גנבענען דעם אפיקומן. גנבענען דעם אפיקומן, זאָגן די ,יאַנגסטערס׳, איז גאָרניט ווערט, עס לוינט זיך ניט צו עסקן מיט אַזאַ גניבה . . .״

„ס׳איז מיר אויסגעקומען אין אַמעריקע צו הערן ווי אַזעלכע יונ־גאַטשעס פרעגן דעם זיידן: גרענדפּאַ, אין וועלכן טעלעווישן טשענל וועט קומען דער . . . וואַט איס דהי ניים אָוו טהיס גיי, עליידזשע, איסנ׳ט איט?״

„פאַרשטייסטו שוין, רבונו של עולם! אין אַמעריקע האָט מען מיר געמאַכט פאַר אַ סטאַר פון האָליוווד, אַז אַך און ווי צו מיינע אויערן וואָס דאַרפן אַזוינס הערן! און מיין הייליקן נאָמען אליהו הנביא האָט מען פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט, אַזוי ווי זיי טוען עס מיט אַלע זייערע סטאַרס און מ׳האָט מיך באַקרוינט מיט אַ נייעם נאָמען: עליידזשע!...

„שטיי איך אַצינד פאַר דיר, רבונו של עולם און פאַר דער פמליא של מעלה און בעט זיך רחמים ביי אייך: טוט אַ טובה, נעמט אָן מיין רעזיגנאַציע, כ׳האָב שוין מער קיין כוח ניט. כ׳בין אַלט און קראַנק און קען עס מער ניט איבערטראָגן; כ׳בעט אייך, באַשטימט אַן אַנדערן אויף מיין אָרט, אַ יינגערן, אַ מער מאָדערנעם, אַ מין אמתן ,עליידזשע׳. און איך וועל מיך אויפזוכן אַ פאַרבאָרגן ווינקעלע אויף זיך צו באַהאַלטן אין די סדר־נעכט — פאַר די אַלע ווייניקע יאָרן, וואָס ס׳איז נאָך באַ־שערט אונדזער ערד־קיילעך ביז ער וועט עקספּלאָדירן פון דער אַטאָם־באָמבע — אין אַ פאַרבאַהאַלטן ווינקעלע, אפילו אין גיהינום, און איך וועל דערווייל דערקוויקן מיין זעל מיט אַ ביטערן טראָפּן ווי אַלע פאַר־לוירענע. ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים : ,ויין למרי נפש׳ . . .״

אַן אַנגעצויגענע שפּאַנונג פון טיפער שטילקייט האָט זיך אויס־

געלייגט אין דער פמליא של מעלה. די אויגן פון אַלע הימלישע באַווינער זיינען געווען אויפגעהייבן צום כסא הכבוד. נאָך אַ קורצע ווײלע פון דריקנדיקן שווייגן האָט הקדוש ברוך הוא אַרויפגעלייגט זיין געטלעכע האַנט אויף דער פלייצע פון אליהו הנביא און אויסגערופן אַ פריידיקער:

„אליהו, מיין קנעכט, ניט געזאָרגט, און האָב ניט קיין פאַרדרוס פון דעם אַלעם. די הימלען לאָזן זיך ניט אַרונטער. לייג איבערהויפט ניט מער קיין אַכט ווי אַזוי מיינע ליבע קינדער פראַוון דעם פסחדיקן סדר. טו בעסער אַ קוק אַריין אין זייער האַרץ און נשמה, וועסטו דערזען אַז אין זייערע הערצער זיינען זיי נאָך אַלץ יידן און זיי טוען עס אַלץ מיט דער גוטער כוונה פון דער פרייד און די שמחה פון יציאת מצרים, ווי דער יום־טוב אין וועלכן זיי זיינען אַרויס פון קנעכטשאַפט צו באַפרייאונג. גיי צו זיי און נעם זיי אויף מיט פריילעכקייט און שמחה, וועלן זיי אויך דיר מקבל פנים זיין מיט שמחה, און פון לא לשמה וועט קומען לשמה . . .“

אויף וואַקאַציע

מיין ערשטע האָלידיי
(מאָנאָלאָג)

אַליין בין איך, ווי איר ווייסט, אַ בעל־מלאכה, אַ „פּיינטער״, אַ פּאַרבער, ווי מען האָט עס גערופן אין דער היים. שווער געאַרבעט מיינע אַלע יאָרן, פאַר זיך און אויך פאַר יענעם, און ווי ניט איז זיך דורכגעשלאָגן, געמאַכט אַ לעבן, חלילה צו קיינעם ניט אָנגעקומען. איצט בין איך שוין אַ מעמבער אין סאָסייטעס, און דאָ לעצטנס, אַז ס׳האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט מיט פּרנסה, בין איך אַוועק אין שטאָטישן גמילת חסד און דאָרט אויך געוואָרן אַ מעמבער. מיינע קינדער אויסגעהאָדעוועט און דערצויגן גאָט צו דאַנקען מיט לייטן גלייך. אגב, געראָטענע קינדער וואָס ווילן לערנען. תמיד געבראַכט גוטע רעפּאָרטס פון סקול. מיין עלטערע מיידל אַרבעט שוין אויף אַ דזשאָב און פאַרדינט שוין פאַר זיך. קיין גרויסע גליקן, ווי איר זעט, מאַך איך ניט, אָבער מ׳לעבט זיך דורך.

נו, יאָ, אויסן בין איך גאָר עפּעס אַנדערש. ווי איר קוקט מיך אָן: אַ לעבן לאַנג שווער געפּראַצעוועט, אָבער אויף אַ האָלידיי פאַר מיר אַליין האָב איך זיך ניט געקענט אַרויפאַרבעטן. פון וואַנען, זאָלט איר געזונט זיין, קען זיך אַן אַרבעטער פאַרגינען צו פאָרן אויף האָלידייס? מיין ווייב, זעט איר, איז עפּעס אַנדערש — זי איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין וואַרמבאַטס און אפילו ביים ים אויך. אָט, מ׳פלעגט זיך אַ ביסל פאַרענגען, אָפּשפּאָרן פון דאָס און פון יענץ און זי פלעגט זיך דורכפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן.

אַ שוואַכע יידענע מיינע. זי ליידט שטענדיק פון רעוומאַטיקס און אַנדערע קראַנקייטן — איז וואָס טוט מען ניט צוליב אַ קראַנק ווייב? פלעגט זי טאַקע אַראָפּקומען פון אַזאַ האָלידיי גאָר אַן אַנדערע. איי, איך פלעג די פּאָר וואָכן ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן און אויסגיין ווי אַ ליכט, איז וועמענס עסק איז עס. קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס איז אַזוינס אַ שטוב אָן אַ באַלעבאָסטע? ניטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, דער שחורדיקער איז שטענדיק שיכור און אַלץ גייט כאַדאָראָם — טויג טאַקע ניט. אָבער דערפאַר, אַז מיין יידענע פלעגט צוריק אַראָפּלאָזן זיך פון האָלידיי, פלעג איך ערשט דאַן דערפילן דעם

טעם פון זיין ניט עלנט.

וואָס רעדט איר? איר דערזעט מיט איין מאָל אין אייער שטוב אַ ניי־געבוירן ווייב און איר דערפילט גאָר ווי איר אַליין וואָלט ערשט צוריק געקומען פון אַ האָלידיי. איי מ׳האָט זיך פאַרדרייט אַ ביסל מיט די איבעריקע הוצאות, נו, גייט עס אַריבער עטלעכע חדשים און מען טשוכעט זיך אויס. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

היינטיקס יאָר גראַדע האָט אונדזער יוניאָן זיך אַ נעם געטאָן צו די באַלעבאַטים. פאַר גאַנצע חדשים איז אָנגעגאַנגען אַרגומענטן און דער סוף איז געווען: די באַלעבאַטים האָבן נאָכגעגעבן און נאָך וואָס פאַר אַ נאָכגעבן — צוויי וואָכן באַצאָלטן האָלידייז! אמת, די באַלעבאַטים גיבן אונדז ניט קיין געלט ממש פאַר דעם, זיי וואַרפן זיך ניט מיט קעש, נאָר יעדע וואָך קריגן מיר צו אונדזערע ווייִדזשעס אַזעלכע סטעמפּס, וואָס זיינען ניט ערגער ווי מזומנים. דערהערט די גוטע נייעס האָב איך ביי זיך אַ טראַכט געטאָן: פאַר וואָס ניט אויסנוצן די דאָזיקע געלעגנהייט און טאַקע אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פונט עקסטראַ. אָט וועל איך טאַקע אַרבעטן די 2 וואָכן האָלידייז און די פּאָר פאַרדינטע פונט וועל איך מיר אַוועק־לייגן אָן אַ זייט. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך, ס׳קען גאָר ניט שאַדן.

בין איך בשעת מעשה גאָר צופרידן מיט מיין איינפאַל. טאַקע, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. אָט, מ׳ווערט גאָר קראַנק, אַ קשיה אויף אַ מעשה. ביי אַ לעבעדיקן מענטשן קען דאָך פּאַסירן. ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז פון מיינע פאַנטאַזיעס האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם. ווייל די רעגירונג וויל ניט אַנדערש, נאָר בגוואַלד מאַכן פאַר מיר האָלידייס. האָט איר עפּעס אַזוינס געהערט: עס איז אַרויס אַ געזעץ, אַז 2 וואָכן מוז אָפּגעשטעלט ווערן די אַרבעט און — האָב זיך דיר אָן אויפגעצוווּנגענעם האָלידיי, בעל כרחך אתה האָלידייעווע!

בקיצור, שטיי איך מיר אַזוי ביי דער אַרבעט און טראַכט מיר: מילא, זאָל זיין אַזוי. און אַ חוץ דעם איז דאָך דאָס אַ צרת רבים, ווען מען זיך שוין אַזוי מוזן לאָדערן די פּאָר וואָכן, כאָטש דעם אמת געזאָגט בין איך גאָר ניט געווּוּינט צו אַזעלכע פאַרגעניגנס. דעם זעלבן טאָג

קום איך זיך אַהיים אַ ביסעלע פריילעכער. וואָש זיך אָרום, האָב אַ „קאַפּע" טיי און זאָג אָן מיין ווייב די גוטע בשורה, אַז איך וועל דעם יאָר באַקומען 2 וואָכן באַצאָלטן האָלידיי. און כ'פּרווו איר דערקלערן אַז כ'האָב אַ ביסל פּאַרדרוס פון גאַנצן ענין, ווייל מ'וועט אָפּשטעלן די גאַנצע אַרבעט אויף די 2 וואָכן.

„ס'טייטש, מאַקס", רייסט זי איבער מיינע רייד מיט אַ קוויטש, „בהמה איינער, דו ביסט נאָך ניט צופרידן? און וואָס אַרט עס דיר אַז מען שטעלט אָפּ די אַרבעט?"

„אָט דאָס איז עס טאַקע!" ענטפער איך מיט קוראַזש, „ווען זיי שטעלן ניט אָפּ די אַרבעט אין גאַנצן, וואָלט איך די פּאָר וואָכן געאַרבעט און צופאַרדינט אַ פּאָר פונט, מ'קען..."

לאָזט זי מיר ווידער ניט ענדיקן מיין אַרגומענט און שיסט אַרויס מיט אירע רייד:

„קוק אים נאָר אָן, דעם גיבור מיינעם — ער דאַרף שוין גאָר קיין האָלידייס ניט, ווי לאַנג מיינסטו וועסטו נאָך אַזוי קענען אָנגיין? ביסט דאָך שוין, ניט פאַר מיר געדאַכט, אויסגענאָגט ווי אַ בעזעם־שטעקן. אָט איצט טאַקע וועלן מיר האָבן אַ טשאַנס צו פאָרן צוזאַמען אויף אַ האָלידיי. און אַ האָלידיי וועלן מיר נעמען טאַקע ביים ים, אין מיוזנבערג. זאָלן לייטן זען, נישקשה, וועסט דאָרט זען מענטשן געזינטערע פון דיר, וואָס דאַרפן אַזוי אַ האָלידיי ווי איך צרות. און איין מאָל אין דיין לעבן מוזטו כאָטש אָנקוקן דעם ים. הלמאי אַנדערע פאָרן אַלע יאָר? דו קענסט זיך גאָר ניט פאַרשטעלן וואָס די 2 וואָכן וועלן זיין פאַר דיר. עפּעס אַ קלייניקייט? 2 וואָכן זיך אָפּרוען ביים ים. דו וועסט צוריק קומען גאָר אַן אַנדער מענטש".

און אַז מיין ווייב הייבט אָן צו ריידן, פאַרגעסט זי זיך ווען אָפּצו־שטעלן. האָב איך זיך אָנגעהייבן בעטן ביי איר, אַז זאָל שוין זיין גענוג — איך וועל פאָרן און אַ סוף זאָל שוין נעמען.

„זעסטו, כ'האָב געוווסט אַז דו וועסט קומען צום שכל. ניטאָ וואָס לאַנג צו ריידן וועגן דעם. מיר פאָרן צוזאַמען — דו פאָרסט מיט מיר!" האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ טאָן פון אַ פּריקאַז.

האָב איך כלומרשט אָנגענומען איר באַפעל, אָבער אין האַרצן האָב איך זיך געטראַכט: אָט באַלד וועט זי זיך באַרואיקן און אַלץ פאַרגעסן, מאַלע וואָס אַ יידענע פּלוידערט. אָדער אפשר לאַכט זי גאָר פון מיר? מאַכט אַן אָנשטעל ווי זי מיינט מיין טובה. אָבער סאַפּערטיים האָט מיין ווייב צעלייגט דעם ענין פאַר דער גאַנצער מישפחה אויף טעלערלעך. זע איך דאָך שוין אַז זי מיינט עס גאָר ערנסט און אַז זי נעמט זיך צו עפּעס וועט זי עס שוין ניט אָפּלאָזן, זי וועט דאָס אירקע דורכפירן.

ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די גאַנצע חתונה. אַלע האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט, ווי זיי וואָלטן זיך פון פריער געהאַט צונויפגערעדט און גענומען איינטענהן מיט מיר אין איין קול: איך מוז פאָרן אויף אַ האָלידיי, אַנדערש קען עס גאָר ניט זיין. איך מוז! מיין עלטערע טאָכטער האָט אפילו זיך „עקסייטעד“, אַז זי וועט געבן עטלעכע פונט צושטייער, אַבי דער דעד זאָל קענען האָבן „פּלעזשור“ביים ים. די אַנדערע קינדער האָבן אויך ניט נאָכגעלאָזן און אַלע צוזאַמען האָבן זיך צעקאַכט אַזוי, אַז איך האָב דערפילט אַז כ׳בין אַריינגעפאַלן און כ׳וועל זיך דאָס מאָל ניט אַרויסדרייען מיט קיין תירוץ. האָב איך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זייער „פּאָינט“ און געשוויגן. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען לויט מיין שווייגן, אַז איך בין „פיניש“. זיי האָבן מיר שוין אַריינגעשפּריצט די ריכטיקע „האָלידיי אינדזשעקסן“.

פאָרן איינשלאָפן איז מיר שוין דער קומענדיקער האָלידיי ניט אַרויס פון קאָפּ. איך בין זיך געלעגן און פאַסמאַקעוועט פון די האָלידיי טעג און געטראַכט: עולם איז פאָרט ניט גולם. אַ האָלידיי איז שוין איין מאָל אַ פיינע זאַך. אָט קומט מען זיך אַרונטער צו די געזאַלצענע וואַסערן פון ים, מ׳טונקט זיך אָפּ, דאָס וואַסער דערפרישט, אַרום איז רואיק און שטיל, מע עסט געשמאַקער, דער שלאָף איז ווי אין גן־עדן, מען איילט זיך ניט אויפשטיין גאַנץ פרי. ס׳איז פאַראַן פּלענטי טיים — אַלץ וועט מען געפינען פּאַרטיק און צוגעגרייט. פאַר דעם האָטעל האָט מען שוין לאַנג די 2 וואָכן באַצאָלט „קעש“ אין „פּאַקעט“. אַ פּנים, מענטשן זיינען ניט משוגע. ניט אומזיסט פליט מען אַזוי צום ים, ווי חסידים צום

רביך. לאָמיך אויך איין מאָל פאַרזוכן דעם טעם פון אַ האָלידיי. און מיט דעם געדאַנק בין איך איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן איז שוין מיין ווייב געוואָרן „ביזי" — ס׳האָט זיך אָנגעהייבן אַ סדרה „בוקן פאַר מיוזנבערג". אָבער מיוזנבערג איז שוין געווען עבר זמן, אַלע האָטעלן דאָרט זיינען שוין געווען איבערגעפּאַקט. איז מיין ווייב געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי מיוזנבערג, גיט זי מיר דעם זעלבן אָוונט צו דערקלערן, איז סיי ווי אַ ביסל צו ווייט, און ס׳וואָלט אויך געווען צו עקספּענסיוו, און אויף 2 וואָכן לוינט זיך ניט צו שלעפּן אַזוי ווייט און זיך אָנמאַכן גרויסע הוצאות — איז דאָס בעסטע וואָלט גאָר געווען פאָרן קיין דערבן.

מיר פּערזענלעך איז דער פּלאַן ניט צו שטאַרק געפעלן. ווייל, ערשטנס, האָט מיר די „גאָווערמענט" נאָך מלחמה צייט צוגעלייגט אַ נאָמען „עליען", און אַזאַ עליען דאַרף האָבן אַ ספּעציעל „פּערמישן" צו פאָרן קיין דערבן. חוץ דעם האָב איך זיך אָנגעהערט פון אַ סך באַקאַנטע, אַז דערבן איז ניט זיכער. דאָרט קען זיך גאָר אַריינכאַפּן אַ שטיקל יאַפּאַנטשיק מיט אַן עראָפּלאַן און אַראָפּשליידערן עטלעכע „פסחדיקע קניידלעך" — טאָ צו וואָס קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט? הכלל, כ׳פּיל אַז ס׳איז ביטער, אָבער ווי דרייט מען זיך אַרויס? זאָג איך צו מיין טאָכטער:

„ווייסט, כ׳האָב געהערט פון מענטשן וואָס זיינען געפאָרן קיין דערבן, אַז דער ים דאָרט איז ניט אַזוי אַי־אַי. און סתם פּטרן געלט..."

גיט זיך מיין טאָכטער ווידער אַ קאָך־אויף, ווי נעכטן, און לייגט מיר אָוועק אַ „ספּיטש" פאַלאַווינע יידיש, פאַלאַווינע ענגליש, בזה הלשון:

„וואָט דו יו מין דער ים איז ניט אַי־אַי? און וואָס איז ראָנג מיט מארגייט? אָט פאָרן אַהין פּלענטי מענטשן און פאַר זיי איז דער ים גוט. איך פאָר אויך בעסער קיין מארגייט ווי קיין מיוזנבערג, ענד איי קען גאַראַנטי יו, דעד, אַז מארגייט איז נאָך אַ סך בעסער פון זייער ביוזנבערג. די ביטש איז פערסט קלאַס און די סוראַונדינג איז ביוטיפול. וועגן די האָטעלס איז שוין אָפּגערעדט — זיי זיינען מאַרוועלעס. אַי טעל יו, דעד,

יו וויל ענדזשאָי איט. ענד נעאַ ליוו איט טו מי, אל בוק איט פאַר יו״.

און מיין טאָכטער, דאַרפט איר וויסן, איז שוין גאָר ניט פון די פאַרשלאָפּענע. האָט זי גענומען אויף זיך עפּעס דורכצופירן, וועט זי עס שוין טאָן כדיבעי, ליוו איט טו הער.

אַ וואָך שפּעטער קומט מיר אָן אַ לעטער און אויפן אינוועלאָפּ איז אַ פּיקטשור פון דעם האָטעל מיט אַ גרויסן שילד „גרענדש אָן סי״. עפן איך אויף דעם לעטער און דאָרט שטייט בפירוש געשריבן מיט געדרוקטע אותיות, אַז דער האָטעל שטייט פאַר אונדז אָפן; אַז עס איז אַ פּלעזשור פאַר די באַלעבאַטים אונדז אַריינצונעמען, מיר מיט מיין ווייב, אויף 2 וואָכן, און זיי קאָנפירמען אונדזער בוקינג.

מיין יידענע איז מיט איין מאָל געוואָרן אַן אַנדער מענטש. זי האָט געבעטן אונדזער טאָכטער איבערלייענען נאָך איין מאָל דעם לעטער און האָט אָנגעקוואָלן פון נחת:

„דאַנקען גאָט, שוין אָפּגעפיקסט מיט אַ האָטעל אויך. אַראָפּ אַ טראָבל פון קאָפּ״.

איצט איז אָבער אונטערגעקומען אַ נייע טראָבל: בוקן אַ טיקעט פאַרן טריין. ווייל איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז איצט איז שוין אַנדערע צייטן, ניט ווי בעפאָר די וואָר: איר קענט ניט קומען זיך גלאַט אַזוי, זיך אַריינזעצן אין טריין ווי אַ פריץ און פאָרן צום ים. אָ, נאָ! היינט מוזט איר בוקן באַצייטנס — און וואָס פריער אַלץ בעסער. קיצור הדבר, מיין יידענע האָט גענומען אַלע טאָג לויפן צום סטיישן, אָבער נאטהינג דואינג. ווען זי קומט געפינט זיך שוין תמיד אַ קיו אַ מייל די לענג. וועט זי זיך דאָך ניט אַוועקשטעלן אין אַ קיו פאַר גאַנצענע טעג. ווייל איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז מיינע איז אויך אַ באַלעבאָסטע — טאָ ווער וועט אַכטונג געבן אין קיטשן און אויף דער שטוב? איז ביי אונדז געבליבן, אַז איך זאָל אויפשטיין האַלב נאָך 4 אין די מאָרנינג, מאַכן אַ וואָק צום סטיישן און פאַרכאַפּן דער ערשטער די קיו. האַלב נאָך 7 וועט מיין יידענע מיר קומען איבערבייטן, ווייל איך דאַרף דאָך גיין צו דער אַרבעט, וועט זי צוואַרטן ביז 8, ווען די קאַסע עפנט זיך און זי וועט בוקן טיקעטס. וכך הווה.

ווען כ׳בין געקומען דעם זעלבן פאַר נאַכט אַהיים, האָב איך שוין געטראָפן מיין אשה שטיין אין דער טיר מלא שימחה, און אירע ערשטע ווערטער זיינען געווען:

„מיר האָבן שוין דאנקען גאָט טיקעטס״.

דאַן האָט זי מיר באריכות דערציילט די גאַנצע סטאָרי, ווי זי האָט זיך עס אַ ביסל אָנגעמאַטערט ביים קיו. זי האָט אָבער אַלץ דערליידיקט, אפילו שוין באַצאָלט פאַר 2 בעטן.

„דו פאָרסט״, זאָגט זי, „דעם ערשטן מאָל אויף האָלידיי, דאַרפסטו פאָרן ווי אַ מענטש. קאָסט עס נאָך עטלעכע שילינג און מ׳האָט אַ בעט, ווי לייטן. קיין 2 וועלטן לעבט מען ניט״.

פון סאַמע יענעם טאָג האָט מיין טאָכטער גענומען איינקנעלן מיט מיר הילכות האָלידיי:

„דעד״, גיט זי מיר צו פאַרשטיין, „ווערסט דאָך זיין אין אַ האָטעל, צווישן פרעמדע מענטשן, זאָלסטו טרייען זיך בעהייוון ווי אַ דזשענטלמען. ביים טיש, אַז דו ווערסט וועלן עפּעס, זאָלסטו בעטן מ׳זאָל דיר עס אָנפאַסן, ווייל ס׳פּירט זיך ניט מ׳זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט איבערן טייבל, אָדער גאָר זיך אויפהייבן און גיין נעמען וואָס מ׳וויל. מילא, אין דער היים האָבן מיר שוין זיך איינגעוווינט מיט דעם, אָבער אין האָטעל זאָלסטו ניט מאַכן קיין לייטישע געלעכטער, יו היר, דעד״.

„אָלרייט!״ ענטפער איך. „מ׳עט שוין זען ווי עס איז צו ווערן אַ דזשענטלמען אויף דער עלטער...״

גאָט האָט געהאָלפן — די צייט איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. געווען איז דאָס אַ שבת — דאָס מאָל בין איך שוין צו דער אַרבעט ניט געגאַנגען, ווייל האַלב נאָך 3 פאַרלאָזט דער טריין פון יאָהאַנעסבורג. זאָל איך אייך איצט אָנהייבן דערציילן די סטאָרי, וואָס איך האָב געהאַט טראָבל פאַר וואָכן מיט באַגאַזש־פּאַקעניש און יאָגעניש זיך איינצוקויפן, וועט עס פאַרנעמען צו פיל צייט. איז טו קאָט די סטאָרי שאָרט: מיר האָבן איינגעפּאַקט אין איילעניש די לעצטע שמאַכטעס און עפּעס איבערצובייסן אויפן טריין און — מיר פאָרן שוין!

איז דאָך גוט, האָ? הייבט זיך אָבער ערשט אָן מיין טראָבל, ווייל ניט פאַר אייך געדאַכט, איך קען ניט פאַרטראָגן דעם טריין. פון טראַסקען און קלאַפּן האָט זיך מיר דער קאָפּ געדרייט ווי אַ ווינטמיל. אַ גאַנצן וועג האָט מיר געאיבלט און כ׳האָב געבראָכן ניט פאַר אייך געדאַכט. די גאַנצע צייט האָב איך אין מיין מויל קיין זאַך ניט געהאַט, כאָטש מיין ווייב האָט אָנגעפּאַקט אַ גאַנצן קאָרב מיט קיכלעך, הערינג און איינגעמאַכטסן, ווי זי וואָלט געפאָרן אויף אַ חתונה, האָב איך זיך צו דעם אַלעם ניט צוגערירט. בין איך אייך שוין מוחל דאָס עסן. נאָר אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. אין די בעטן האָט עס געוואָרפן און געטרייסלט ווי אין אַ קדחת און וועגן שלאָפן האָט שוין גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. און אָט — שוין קוים דערלעבט דערבן.

מיין איך, אַז איצט פּטור ווערנדיק פון טריין וועט מען זיך צופאָרן נאָך אַ פּאָר מייל מיטן באָס, צו מארגייט, און פּטור אָן עסק — הייבט זיך גאָר ניט אָן. מען דאַרף זיך גאָר פון אַ נייעס פּעקלען אין — אַ צווייטן טריין. קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן מיין האָלידיי־מוד. האָב איך אָנגעהייבן שלעפּן די טשעמאָדאַנעס צום נייעם טריין און כמעט געבליבן אָן כוחות: מיין ווייב האָט איינגעפּאַקט כמעט די גאַנצע הויז! און מיט אַ מאָל, לויפנדיק מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, האָבן זיי זיך גאָר פאַנאַנדערגעבונדן און זיך צעשאָטן ווי אַרבעס איבער דער גאַנצער פּלאַטפאָרמע. דאָס פּנים האָט מיר געפלאַמט פון בושה. און דאָ שפּרינגען מיר די אַנדערע פּאַסאַזשירן איבערן קאָפּ און זיי לאַכן, און איך כאַפּ צונויף די שמאַכטעס ווי בעת אַ מהומה אויף אַ יאַריד. און מיין ווייב שטייט איבער מיר און נוקעט, ווייל מ׳זאָגט אַז דער טריין וואַרט ספּעציעל פאַר אונדז, היינט ווי לאָזט מען עס אַ טריין מיט פּאַסאַזשירן וואַרטן? בקיצור, מיט אַ סך שוויס איז מיר אָנגעקומען דאָס אַריבער־קלייבן זיך אין נייעם טריין.

זיצן מיר און קוים וואָס איך אָטעם. מיין איך אַז ער וועט זיך גלייך רירן, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. טראַכט איך מיר, אַז מיסתמא איז עס ניט ווייט, ווי פון יאָהאַנעסבורג קיין דזשערמיסטאָן און אין אַ 10־15 מינוט וועלן מיר זיין אין מארגייט, טאַ צוליב וואָס דאָס איילעניש? און מאָלט

איך, אַז ביז מיר האָבן זיך דערוואָרט אויף דעם קלונג פון גלעקל איז אַריבער אַ שעה צייט. אָט צוליב דעם, טראַכט איך מיר, האָב איך זיך געדאַרפט אָנמוטשען שיעור ניט אַ מעת־לעת אין ערשטן טריין?

אַ דאַנק גאָט — ער גייט שוין דער טריין! אָבער קוים אַריבער 10 מינוט און סטאָפּ, דער טריין שטייט. ווער איך אַ לעבעדיקער, טו אַ כאַפּ די פּעקלעך און וויל שוין לויפן. טוט מיר מיין שכן אַ כאַפּ ביים האַנט:

„ר׳ ייד, וווּהין לויפט איר? דוכט זיך אַז איר פאָרט קיין מאַרגייט״.

„וווּהין דען וועל איך פאָרן אויף צוויי וואָכן, קיין יוראָפּ?״ פרעג איך צוריק דעם יידן וואָס האַלט מיר ביים אַרבל.

„טאָ איילט זיך ניט, פעטער, מאַרגייט איז ניט קיין ציג, זי וועט ניט אַנטלויפן״, טוט דער ייד אַ הירזשע ווי אַ פערד און אַלע אין וואַגאָן קייקלען זיך פאַר געלעכטער. וואָס פרעגט איר? איך בין געבליבן שטיין מיט די פּעקלעך אין מיינע הענט ווי אַן אָפּגעשמיסענער און זיך ניט געוווּסט ווי אַהינצוטאָן פאַר בושה. נאָר יידן זיינען דאָך פאָרט בני רחמנים, האָט מען מיך געטרייסט: צו מאַרגייט איז נאָך פאָלג מיר אַ גאַנג...

האָב איך זיך צוריק אָוועקגעזעצט און מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט. פולע 6 שעה בין איך געזעסן פאַרשטייפט און פאַרשאַלטן מיין ערשטע האָלידיי, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו עפּעס אַ סטיישן מיטן נאָמען פאַטשעפּסטראַם.

איך בין אַרויס פון טריין און פרייער אָפּגעאָטעמט. דעם ים, האָט זיך מיר געדוכט, האָב איך גלייך דערקענט. האָב איך זיך גענומען צו מיינע פּעק און אַרויסגעשלעפּט אויף דעם פּעראָן, ווי די אַנדערע, און פרעג איינעם פון די פּאַסאַזשירן אויב ער קען מיר זאָגן ווי אַזוי צו קומען צום האָטעל „גרענדש אָן סי״. קוקט ער מיך אָן מיט אַ שמייכעלע און זאָגט מיר אַז דאָ איז ניט מאַרגייט, דאָ איז פאַטשעפּסטראַם. צו מאַרגייט דאַרף מען זיך אַריבערקלייבן צום באַס וואָס וואַרט אויף אונדז.

דערהערט אַזוינס האָב איך שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און

ס׳האָט מיר אָנגעהויבן וואָרפן ווי אין קאָנוווּלסיעס. כ׳האָב דערפילט, אַז איך בין אויס מענטש און זיך מער ניט געקענט באַהערשן און פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך צעליאַרעמט אויף מיין אשה, אַז איך פאַר די רגע צוריק אַהיים. איך וויל ניט קיין האָלידייס! אָפּגעלעבט אַ לעבן אָן האָלידייס, וועל איך שוין דערציען מיינע יאָרן אַזוי.

„וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?" האָב איך געשריען. „ווילסט מיר די פּאָר יאָר פאַרקירצן, האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר מיט אַ האָלידיי. ביז דער האָלידיי וועל איך ניט דערציען".

מיין ווייב האָט זיך פאַרשעמט פאַר די מענטשן און אָנגעהייבן מיט גוטע ווערטער מיך באַרואיקן, מיר איינרעדן, מיר טרייסטן, אַז אָט באַלד וועלן מיר שוין זיין אויף אָן אָרט און אַז מיר זיינען ניט די איינציקע.

„זעסט דאָך, מאַקס, דאָ פאָרן אַ וועלט מיט מענטשן און קיין איינער גראָמבלט ניט ווי דו. ווען באַלד זען, אַז ביים צוריקפאָרן וועסטו וועלן פאַרבלייבן נאָך אַ פּאָר וואָכן ביים ים. ס׳וועט דיר גוט טאָן, ס׳וועט באַרואיקן דיינע נערוון, איי עם שור".

הכלל, איך שלעפּ שוין ווידער מיינע פּעק צום באָס, אָבער דער יעקל פון באָס לאָזט אונדז גאָר ניט אַריין. וואָס איז? מ׳קען ניט אַזוי, מ׳דאַרף פריער אַלע וועגן, מעסטן און פאַרשרייבן וווהין עס גייט. מ׳קען ניט סתם זיך אַזוי אַריינזעצן אין באָס מיט גרויסע פּעק. אַלץ דאַרף זיין מיט אָן אָרדער. אַ ברירה האָב איך? שלעפּ איך זיך מיט די פּעק און שטעל זיך אין קיו, וווּ אַלע שטייען שוין פון פריער, און איך בין טאַקע דער לעצטער.

נו, פרעגט שוין ניט. ביז ס׳איז געקומען מיין נעקסט זיינען שוין אַלע ערטער אין באָס געווען פאַרכאַפּט און איך מיט מיין ווייב האָבן געדאַרפט שטיין און זיך האַלטן פאַר אַ לעדערנעם רינג. נאָך אַ דאַנק גאָט וואָס כ׳האָב עס געקענט אויסהאַלטן, ווייל ווען ניט דאָס לעדערל וואָלט איך ניט דערפאָרן צום ים. 12 מייל געמוזט אַזוי הענגען אויף דעם רינג און ניט איין מאָל געפילט אַז איך בין שוין פלעט, אָבער כ׳האָב זיך אָנגעהאַלטן מיט אַלע מיינע כוחות. כ׳האָב געזען די חוזק־שמייכלעך ביי די זיצער און ניט נאָכגעגעבן.

מיט אַ מאָל האָב איך געהערט דעם קאָנדוקטאָר אויסרופן פּייערלעך: „גרענדש אַן סיו!" און ס׳איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, ווי כ׳וואָלט דערהערט דעם שופר של משיח.

אין דרויסן זיינען שחורדיקע באַפּאַלן אונדזערע פּעקלעך און מ׳האָט אונדז מיט כבוד און גדולה אַריינגעפירט אין האָטעל. באַגעגנט האָט אונדז אַ היפּש דיקע יעקלטע און מיט אַ שמייכל אויף איר פּעטן פּנים האָט זי אונדז געוויזן ווו אַריינצושרייבן אונדזער נאָמען אין אַ בוך. דאַן האָט מען אונדז אַרויפגעפירט צום רום, אויפן ערשטן פלאָר, און איך בין גלייך צוגעלאָפן צום פענצטער און זיך „אַרומגעכאַפּט" פון ווייטן מיטן ים. בעת מעשה האָב איך פאַרגעסן די גאַנצע טראָבל וואָס כ׳האָב געהאַט אויסצושטיין אויפן וועג. ס׳האָט זיך געלוינט! האָב איך האָפּערדיק אַ טראַכט געטאָן און זיך דערפילט אַזוי מחייהדיק, אַז מיר האָט זיך גלייך געוואָלט אַראָפּלויפן צום ברעג און אַריינוואַרפן זיך אין ים.

„לאָמיר גיין צום ים!" טו איך אַ זאָג אַ לעבעדיקער צו מיין ווייב.

„וואָס האָב איך דיר געזאָגט, מאַקס?" דערפרייט זיך מיין ווייב. „דאָ וועסטו ווערן אַן אַנדער מענטש. אָבער אייל זיך ניט. דעם ערשטן טאָג באָדט מען זיך ניט אין ים, עס פירט זיך, אַז נאָכן אָנקומען פון אַ ווייטער נסיעה, נעמט מען פריער אַ הייסע באטה".

„שור", זאָג איך, „איט׳ס נאָט אַ בעד איידיאַ". און איך, זאָלט איר וויסן, ווי נאָר כ׳בין אין אַ גוטער שטימונג רייד איך ענגליש.

זעט מיין ווייב אַז כ׳בין אין אַ גוטן מוט, טוט זי אַן עפן אַ דער־בייאיק טירל און איך דערזע אינעווייניק אַ וואַנע. האָב איך שוין דערפילט דעם טעם פון אַן אמתע האָלידיי און אַ פּאָר מינוט שפּעטער בין איך שוין געלעגן און זיך געוויקט אין אַ הייסער, כמעט בלאָטיקער באטה.

פונקט זיבן אַ זייגער דערזע איך ווי אַן אינדיען דרייט זיך אַרום אין פּעסעדזש און קלאַפּט אויס אויף אַ צימבל אַ פּאָר טענער. פרעג איך מיין ווייב, וואָס פאַר אַ מוזיק איז עס.

„דאָס רופט מען צו סאַפער", דערקלערט מיר מיין ווייב פּייערלעך, „האַלט זיך ווי אַ מענטש."

ווען מיר זיינען אַריין אין דייבינג רום איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. עס איז געווען אַזאַ ליכט, ווי אין גן עדן, און ווו דו וואַרפסט נאָר אַן אויג — טישן און טישעלעך באַדעקט מיט ווייסע סערוועטן. און אויף די טישן הייבע, געקראַכמעלטע סערוועטקעלעך שטעקן מיט די שפּיצן אַרויף, אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן. און יעדער טיש איז באַצירט מיט בלומען אַז עס פאַרכאַפּט אַן אויג. בין איך צעטומלט געוואָרן און זיך געוואָלט אַוועקזעצן ערגעץ אויפן ערשטן בעסטן אָרט, אין אַ ווינקל. דאָ האָט מיר אָבער מיין ווייב אַ צי געטאָן פאַר אַ פּאָלע און איינגערוימט, אַז כ'זאָל וואַרטן ביז מ'וועט מיר אויסרופן און צוטיילן אַ פּלאַץ. האָב איך טאַקע געפאָלגט — איך האָב דאָך צוגעזאָגט צו זיין אַ דזשענטלמען.

דאָס עסן איז געווען ניט שלעכט, כאָטש געווען זיינען דאָס מייסטנס גויישע אכילות. נאָר מיט עסן איז אויך גוט אַ שטיקל טשענדזש, האָבן מיר עס דאָ געקראָגן. די יאַנגסטערס ביי די טישן, באָיעס און מיידלעך, האָבן געערודערט און געלאַכט און געשטיפט, איז קיין וווּנדער ניט אַז דאָ האָט געערישט ווי אין אַ בינשטאָק, שוין אַ ביסעלע צו פיל. האָט עס מיר טאַקע נאָך דעם אַ גאַנצע נאַכט געזשומט אין די אויערן, ווי כ'וואָלט געזעסן אין באַן.

שוין באַגינען, אַז איך בין אַ פאַרמאַטערטער איינגעשלאָפן, ערשט מען טראַסקעט אין טיר. אויפכאַפּנדיק זיך אין רעכטן געשמאַקן שלאָף האָב איך אפילו ניט געוווּסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. און דאָ שטייט מיר גאָר דער שוואַרצער אין טיר מיט 2 פאַרדעקטע טעפּעלעך קאַפע. מען פרעגט מיר גאָר ניט, צי איך וויל פאַרטאָג קאַפע צי ניט — מען ברענגט. האָב איך אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ און אים פאַרזאָגט מיט הארבן וואָרט אַז אין פיוטשער זאָל ער מיר ניט פראַוון אַזוינע נאָנסענס און מיר אַריינברענגען קאַפע אין מיטן דער נאַכט. וואָס בין איך, משוגע, אַז איך זאָל אויפשטיין אַ שפּראָץ אויף טאָג

צו קאַפע. האָט מיר מיין ווייב דערקלערט, אַז עס איז ניט דעם שחורדיקנס שולד, ווייל אין די גרויסע האָטעלן פירט זיך אַזוי. אָבער אין מיר האָט דאָס בלוט געקאָכט און ווען ניט מיין ווייב וואַרף איך דעם שוואַרצן אַראָפּ פון אַלע טרעפּ מיט זיינע 2 טעפּ קאַפע.

נאָכן ברעקפעסט זאָגט צו מיר מיין ווייב:

„איצט, מאַקס, הייבט זיך אָן אונדזער האָלידיי אויף אַן אמת. קריך אָקאָרשט אַריין איןביידינג סוט און לאָמיר אַראָפּגיין צום ביטש".

אַז איך האָב דערזען דאָס בילד: איך און מיין ווייב כמעט „דריי פּערטל אויף דער גאַס" — דאָס הייסט: כמעט אדם־נאַקעט, האָט מיר אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער און זאָג צום ווייב:

„אין דעם הילוך ווילסטו עס אַז מיר זאָלן אַרויסקומען צווישן מענטשן. ס'איז דאָך עפּעס חוכא ותלולא. וואָס מיינסטו איז עס, אַ מאַסקאַראַד?"

„נעווער מיין אַ מאַסקאַראַד", ענטפערט זי, „ביסט דאָך אויף האָלידיי און אַלע מענטשן דאָ גייען האַלב־נאַקעט, אַזוי איז די מאָדע".

„אָלרייט", זאָג איך, „מיסתמא וועל איך זיך צוגעוווינען און אַז דיר איז ליב, טאָ זאָל זיין צו געזונט און דאַוואַי צום ים!"

אַרויס פון האָטעל בין איך מיט קוראַזש, נאָר צוקומענדיק צום ביטש און דערזעענדיק מענטשן אַרום מיר, איז מיר מיין אָנטועכץ געוואָרן אַ ביסל פּריקרע, איך האָב זיך געשעמט און ניט געפונען קיין אָרט. אָבער אַז כ'האָב זיך אַ ביסל צוגעוווינט און געכאַפּט אַ בליק אויף די אַנדערע, האָב איך געזען נאָך ערגערע נאַראַדן, מענטשן גייען דאָ אַרום כמעט מוטער נאַקעט. האָב איך זיך שוין צעלייגט אויפן זאַמד און זיך גענומען באַקן אויף דער זון, ווי אַ שבתדיקער קוילעטש אין אויוון. ווען ניט דאָס ווינטעלע וואָס האָט געבלאָזן פון ים, וואָלט דאָס בראָטן זיך גאָר קיין פּלעזשור ניט געווען. זיינען מיר זיך געזעסן, אָנגעקוקט דעם ים און זיך מכין געווען צו טבילה.

אַ זייגער 11 האָבן מיר אַריינגעבראָדזשעט אין גרויסן ים. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? פּלעזשור איז גאָר קיין וואָרט ניט, עס איז ממש מחיה

נפשות געווען! אַט קומט אַ כוואַליע און טוט דיר אַ גלעט איבערן רוקן, אַ צווייטע און אַ דריטע יאָגט אָן פון הינטן און גיט דיר אַ פּאַטש פון הינטן, פון די זייטן און וואַרפט דיר פון די פיס אַז קוים דו קענסט איינשטיין.

האַלטן מיר זיך, איך און מיין יידענע, פאַר די הענט, ווי צוויי קליינע קינדער, און בייגן זיך אונטער די כוואַליעס און שטיפן. עס דוכט זיך אויס אַז דער ים מיט די אַלע מענטשן איז נאָר אַ שפיל אַזאַ, און אַלע דאָ, יונג און אַלט, מיט שמייכלדיקע פּנימער. עס ווילט זיך מיר גאָר ניט אַרויסקומען פון וואַסער, אָבער מיין ווייב טענהט אין מיר אַריין אַז פאַר דעם ערשטן מאָל איז עס גענוג. צו לאַנג קען פאַרשאַטן, נאָר מיר דוכט אַז כ'וואָלט שוין דאָ פאַרבליבן ביז לאַנטש — וואָסי, כ'האָב קיין צייט ניט? און דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך אויף אַן אמת דערפילט וואָס אַ האָלידיי איז. ניט אומזיסט לויפן אַלע יידן צום ים. ניין, האָב איך זיך געטראַכט גייענדיק צום לאַנטש, ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי דער ים — יו קאַנט ביט די סי!

נאָך לאַנטש האָב איך זיך מיר אַ ביסל צוגעלייגט אָפּרוען. כ'האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז מען דאַרף נעמען פון מיין האָלידיי וויפל עס לאָזט זיך. וואָלט איך אַ שטייגער אין דער היים זיך פאַרגינען דעם פלעזשור פון צושפּאַרן זיך אויף אַ שעה אין מיטן טאָג, ווען די אַרבעט ברענט. אַט דאָ, טראַכט איך איינדרעמלענדיק, האָט זיך אָנגעהייבן פאַר מיר די אמתע האָלידיי. און אַזוי, אין דרימל, וויל איך זיך אויסדרייען צו דער וואַנט און דערפיל מיט אַמאָל אַזאַ שטעכעדיקע היץ אין די פלייצעס, ווי מ'וואָלט מיר געשטאָכן מיט הייסע שפּילקעס. מילא, מאַלע וואָס עס שטעכט אַ מאָל, לויפט מיר דורך אַ געדאַנק, און איך פּרוּוו אַנטשלאָפן ווערן. צו לאַנג אָבער האָב איך ניט געשלאָפן, ווייל די שטעכענישן האָבן זיך געשטאַרקט און אַריבער אין אַזאַ ווייטיק וואָס האָט מיך אַראָפּגעטריבן פון בעט.

האָב איך זיך שוין אין אַ שלעכטער שטימונג אַוועקגעשלעפּט צום סיטינג רום. אַ רעש איז דאָרט געווען אין לשער: אפשר אַ הונדערט

באַיס און מיידלעך האָבן דאָרט געקערט מעשים. אין ווינקל רום שטייט אַן אַלטע פּיאַנע, וואָס איז שוין ניט געטאָנט פאַר יאָרן, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצן גייט צו און בריאַזגעט אויף די קלאַווישן. סתּם אַזוי אין דער וועלט אַריין קלאַפּט מען, מע שפּילט און מע טאַנצט און מע קוויטשעט, אַז דער האָל גייט אויף רעדלעך. אין אַ ווינקל ביי איין טיש שפּילט מען ביליאַרד, אין אַ צווייטן ווינקל — פּינג־פּאָנג, אַרום שטייען פאַרעלעך און מ׳לאַכט, מען כיכיקעט און מ׳סודעט זיך. האָט מיר פון גאַנצן טומל געגומען אַזוי שטאַרק דרייען דער קאָפּ, ווי כ׳וואָלט אין אַ משוגעים־הויז אַריינגעפאַלן. און פון אַלע זייטן שטופּט מען מיר אין די שטעכעדיקע פּלייצעס, ווי ווילדע אין דזשאַנגל, אָן מענערס, האָב איך זיך דערפילט גאָר שלעכט און קוים זיך אַרויסגעקראָגן פון דער מהומה אין דרויסן, צו כאַפּן אַ ביסעלע פרייע לופט.

שפּעטער צו, נאָך טיי, בין איך מיט מיין ווייב ווידער געגאַנגען צום ים, ווידער האָט עס מיך געצויגן צו די כוואַליעס, זיך באָדן. נאָר קוים האָב איך באַוויזן אַ טונק צו טאָן זיך, האָט מיין ווייב האַלב היסטעריש אויסגעשריען:

„זע נאָר, מאַקס, דיינע פּלייצעס, רויט ווי אַ פייער. כ׳האָב מורא אַז דו ביסט שוין פאַרברענט און וועסט נאָך האָבן פון דעם טראָבל״.

„טראָבל שמאָבל״, לאַך איך זיך אויס פון אירע רייד, „כ׳פיל אַז איך ענדזשאָיע זיך״.

מיין ווייב האָט זיך פון מיין ענטפער באַרואיקט און מיר האָבן אָפּגעהוליעט אַזוי נאָך אַ פּאָר שעה אין וואַסער. דאָך איז מיין ווייב געווען ניט צופרידן מיט מיר און מיר געהאַלטן אין איין נוקענען, אַז מיר זאָלן שוין גיין צוריק אין האָטעל.

נאָך סאַפּער האָב איך דערפילט אַז מיין ווייב איז גערעכט געווען: דאָס לייב האָט מיר גענומען פייערן, ווי ס׳וואָלט געווען איינגעוויקלט אין זודיקע טיכער. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געפונען. מיין איך אַז אין בעט וועט מיר ווערן לייכטער, ערשט, ווי דאָס בעט וואָלט געווען אויסגעבעט מיט האָלעוועשקעס. מיין רוקן ברענט ווי אַ פייער און איך

קען זיך גאָר ניט לייגן אויף אים. פּרווו איך אויף אַ זייט, אויפן בויך. יאָ, אויפן בויך איז עס ניט אַזוי געפערלעך, נאָר גיי זיי אַ חכם און שלאָף אַ גאַנצע נאַכט אויפן בויך. אָבער אַ ברירה האָב איך געהאַט — און זיך אָפּגעוואָלגערט אַ נאַכט אין יסורים, אַז איין גאָט נאָר האָט מיר געקענט ענטפערן. קוים טאָג דערלעבט...

טו איך אַ וועק מיין ווייב און פרעג איר אַן עצה. רייסט זי אויף אַ פּאָר אויגן און פאַרברעכט מיט די הענט:

„ווי איז צו מיר, מאַקס, דיין גאַנצע לייב איז דאָך פול מיט פוכירעס".

און איך פיל אַז אַט וועל איך קראַפּירן פון ווייטיק און מיין ווייב ווייס ניט וואָס אָנצוהייבן טאָן, כאַטש שריי חי וקיים. זי האָט מורא זיך צוצורירן צו מיר. ניט איך קען זיך אָנטאָן, ווייל די פּידזשאַמע איז ווי אַ שטיק פייער צוגעקלעפּט צו מיין רוקן. טו קאַט די סטאַרי שאַרט: מ'האָט צו מיר געבראַכט דעם דאָקטאָר און ער האָט פאַראָרדנט ניט מער ווי 3 קליניקייטן — מאַכן הייסע בעדער, לייגן הייסע האַנטעכער און שמירן די וווּנדן פון די פוכירעס מיט מעטעלייטער ספּירט. וואָס זאָגט איר? איין מאכל בעסער פון אַנדערן.

וועגן ים האָב איך שוין געמעגט פאַרגעסן. איך האָב פאַרבראַכט די ערשטע וואָך אין בעט אין יסורים און מיט קאָפּ־ווייטיק. און אַז די פוכירעס זיינען שוין מיט מזל אַוועק, האָט זיך דאָן אָנגעהויבן אַ בייסעניש און אַ קראַצעניש און כ'האָב זיך אָנגעהייבן אַרויסשיילן פון מיין הויט. די הויט האָט זיך געשיילט, אָבער איך בין שוין געווען אַרויסגעקראָכן פון דענדזשער און — די קומענדיקע וואָך בין איך שוין צוריק געווען אין ים. אמת, כ'האָב זיך שוין פאַר דער זון געהיט ווי פאַר אַ גנב, אָבער צום קילן וואַסער האָב איך זיך צוגעכאַפּט ווי צו פסחדיקע קניידלעך. געוואָלט אַריינכאַפּן אויך פאַר דער פאַרלוירענער וואָך — קוים איין וואָכעלע פאַרבליבן.

איין אין דער פרי, גיי איך זיך אַזוי אַריין באַלעבאַטיש אין ים און גנבע זיך אַוועק פון מיין ווייב, וואָס פלעגט מיר כסדר נאָכשפּיאָנירן

און ניט לאָזן מאַכן אַ טריט טיפער ווי ביז איבער די קני. גיב איך זיך אַ שאַר אַ ביסעלע ווייטער, אַזוי זיך, ביז איבער די תחתונימלעך. אָט דאָ, קלער איך, איז דאָס וואַסער אַ ביסל געשמאַקער, קילער און די כוואַליעס נאָך מער ברויזנדיקער. טו איך זיך נאָך אַ קליין שאַרעלע און האָב הנאה, וואָס מיין ווייב האָט זיך דאָרט פאַררעדט מיט אַנדערע ווייבער. שטיי איך מיר צווישן די רוישיקע כוואַליעס און ס׳איז אַזאַ פּלעזשור אַז איך קען עס אייך גאָר ניט אויסמאָלן. כ׳לאָז זיך מיר אַרומוואַרפן פון די שטורעמדיקע כוואַליעס, ביז — אַ כוואַליע האָט מיר מיט אַמאָל אַ כמאַל געטאָן איבערן קאָפּ און מיך אומגעוואָרפן. וויל איך זיך דאָך מעשה גיבור אַ שטעל טאָן צוריק אויף די רגלים, קומט אונטער נאָך אַ גרעסערער מחבל און טוט מיך אַ הייב און אַזאַ שלעפּ, טאַקע טיפער אין ים אַריין, אַז דעם באָדן אונטער מיינע פיס האָב איך שוין מער ניט געקענט געפינען. און קיין שווימער, דאַרפט איר וויסן, בין איך ניט...

בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, איך האָב זיך אָנגעהייבן וואַרפן און אַרומצאַפּלען אין די כוואַליעס אַ צעטומלטער, דער קאָפּ פאַרדרייט. איך וויל שרייען און דאָס קול איז פאַרשטיקט, איך בין אויס מענטש. ווייס איך שוין אַז דאָ איז מיינע 70 יאָר, אַ סוף, איך טרינק זיך. וואָלט איך זיך וועלן אָן עמעצן אָנכאַפּן, איז דער ים ווי אויסגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן. טו איך מיט די לעצטע כוחות אַ געשריי: ראַ־טע־ווווועט ! ! און — מער געדענק איך ניט — — —

ווען כ׳האָב געעפנט מיינע אויגן האָב איך זיך געזען אויפן זאַמד און אַ געזעמל פון פנימער אַרום מיר. דאָס ערשטע פנים האָב איך דערקענט — מיין ווייב — מיט פייכטע אויגן:

„מאַקס — פאַלט זי צו צו מיר פאַר אַלעמען אין די אויגן, ווי מיר וואָלטן דאָ געווען אויף אַ האַנימון; „מאַקסעלע, וואָס מאַכסטו?“ פרעגט זי צערטלעך און גלעט מיינע באַקן.

„וואָס זאָל איך מאַכן?“ פּרוּוו איך טאָן אַ שמייכל, ווייל אין דער אמתן פיל איך זיך ניט מיט אַלעמען, נאָר כ׳וויל ניט אַז די מענטשן אַרום זאָלן עס וויסן און רחמנות האָבן.

צום האָטעל האָט מיך שוין מיין ווייב אָוועקגעפירט אונטערן אָרעם, און אויפן וועג דערציילט זי מיר אַ ווייענדיקע אַז כ'האָב זיך אויף אַן אמת געטרונקען. די „לייף סייווערס״ האָבן מיר מיט אַ שטריק אַריסגעצויגן און מ'האָט מיך קוים אָפּגעראַטעוועט.

איך האָב זיך דעם גאַנצן אָוונט געפילט שוואַך און דער קאָפּ האָט געשווינדלט. און ביי נאַכט האָט זיך מיר אין חלום כסדר געפּלעטשעט ים, כוואַליעס, שאַרקס, שטריק, לייף סייווערס. אויף מאָרגן זייענען מיר שוין צום ים ניט געגאַנגען. מיין ווייב איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט, זי האָט מיר געקוקט אין די אויגן, געטאַפּט דעם שטערן און געשנייצט די נאָז. זאָג איך איר, אַז נאָ מאָר האָלידייס פאַר מיר, און מ'דאַרף שוין גאָר אָנהייבן באַצייטנס זיך קלייבן אַהיים. אַז אין גאַנצן זיינען פאַרבליבן אַ פּאָר טעג צו די 2 וואָכן, וועט זיין מיט אַ פּאָר טעג ווייניקער.

„ביסט גערעכט!״ זאָגט שוין מיין ווייב נאָכגעביק. „אַזאַ יאָר אויף אונדזערע שונאים ווי מיר האָבן זיך דאָ „ענדזשאָיעט״, און אין אירע אויגן שטייען טרערן. „מאָרגן גיי איך בוקן די טריין צוריק״. איז דאָך שוין גוט, האַ?

אויף מאָרגן ברענגט מיר מיין ווייב אַ בשורה, אַז ביז אין 2 וואָכן אַרום איז שוין ניטאָ מער קיין בוקינגס. איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן:

„נאָך צוויי וואָכן!״ האָב איך אַ געשריי געטאָן און געפילט אַז דאָ ענדיקן זיך מיינע כוחות. „ביין, איך מוז מאַנטיק זיך שטעלן צוריק צו דער אַרבעט. איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן און ווי ניט איז צוריק זיך דערשלעפּן ביז יאָהאַנעסבורג. נאָר דו וועסט דאָך ניט וועלן ריזיקירן, וועסטו פאַר זיך בוקן און קומען 2 וואָכן שפּעטער, איט קאָנט בי העלפּט״. אַזוי זאָג איך צו מיין ווייב און אַן לאַנגע אַרגומענטס שטעל איך זיך תיכף פּאַקן מיין סוטקייס. מיין ווייב האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, נאָר זי האָט זיך שוין דאָס מאָל ניט געשפּאַרט און ניט באַשטאַנען אויף אירס.

אַז איך האָב זיך דערשלאָגן אויף מאָרגן צו דער דערבענער באַן־סטאַנציע, האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אָן שאלות אויף דעם ערשטן בעסטן טריין, וואָס אויף אים שטייט אָנגעשריבן: יאָהאַנעסבורג. מיינע טראָבל מיטן קאָנדוקטאָר וואָלט מען געקאָנט אַ גאַנצן בוך אָנשרייבן. יעדע פּאָר שעה איז ער געקומען און מיר געסטראַשעט, אַז אויף די נעקסט סטיישן גייט ער מיר אַרונטערוואַרפן. געוואָלט אין יד אַריין...

בקיצור, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַריינגעפאַלן צו מיר אין הויז און אַז מיין טאָכטער האָט מיר דערזען, איז זי שיעור ניט געפאַלן אין חלשות, אַזוי האָב איך אויסגעזען.

„דאָס ביסטו, דעדי?“ האָט זי אויסגעשריען, ווי זי וואָלט מיר ניט דערקענט. „און ווו איז מאַמי? וואָס האָט פּאַסירט?“

איך האָב איר באַרואיקט און אויסגעדערציילט די גאַנצע טראָבל און אַז די לעצטע 24 שעה און דורך נאַכט בין איך געשטאַנען אויף מיינע פיס און איך פיל זיך ניט גאָר פויגלדיק, האָט זי גלייך געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר.

און וואָס מיינט איר האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אַזאַ בליומען פול — ער האָט געזאָגט:

„די אָלד מען איז וועריטייעד, זיינע נערוווס זיינען צעטרייסלט, הי איז נאָקט אאוט ענד הי נידס בעדלי א —האָלידיי“.

אַ פאַרשטערטע האָלידיי צוליבּ נודניקעס

(דערציילט פון אַ יידן
אויך אַ נודניק)

איר הערט, מיין פריינד, גאָט האָט דאָך אויף דעם אומגליקלעכן מענטשן אָנגעשיקט פורעניות, צרות און בייזע שלעק, נאָר דער גרעסטער ניסיון מיט וואָס אַ מענטש קען געפּרוווט ווערן, אויב איר פרעגט מיר, זיינען זיי, די נודניקעס, גאָט זאָל אונדז באַהיטן און באַשירעמען פון זיי! דער גרעסטער אומגליק אָבער זיינען זיי, ווען איר לאָזט זיך אַרונטער ערגעץ ביים ים צו געניסן אַ ביסל פון אַ האָלידיי, און אַזאַ איינער טוט זיך אַ שאַר צו הינטער אייער רוקן, זעצט זיך צו ביי אייער זייט און הייבט אָן צו ריידן. איז לא די וואָס איר וועט שוין קיין הנאה ניט האָבן ניט אין האָטעל, ניט ביים עסן, ניט אין לאָבי און אפילו ניט ביים וואַסער אויפן ביטש (ווייל אומעטום וועט ער אייך שוין פאַרפאָלגן), נאָר איר וועט כסדר אַרומגיין מיט אַן אָנגעטומלטן קאָפּ, מיט אַ גערויש אין די אויערן און וועט פאַרשילטן ניט נאָר אייער האָלידיי און דעם טאָג ווען איר האָט זיך געטראָפן מיטן נודניק, נאָר איר וועט פאַרשילטן אפילו דעם אייגענעם טאָג פון אייער געבוירן. איר וועט זוכן אַ ווינקל וווּ זיך צו באַהאַלטן, נאָר ער וועט אייך שוין אומעטום אויסשפּיאָנירן, אייך געפינען און בגוואַלד אין אייך אַריינריידן.

וואָס לאַכט איר, וואָס? אייך איז עס אַ ווונדער? איר קוקט מיך אָן ווי כ'וואָלט גערעדט אויסערן זינען. טאָ האָט ניט מורא, איך בין ביי די פולע געדאַנקען, באַרכעשעם! אָט זעצט זיך טאַקע צו און כ'וועל אייך דערציילן מיינע דערפאַרונגען מיט נודניקעס, שוין איין מאָל אַן עקספּירענס! איר מוזט עס הערן! איר וועט הערן און שטוינען.

געטראָפן האָט טאַקע די מעשה, וואָס כ'גיי אייך דערציילן, מיט מיר גופא, פאַראַיאָרן, ווען איך מיט מיין ווייב זיינען געקומען אויף אַ האָלידיי אין מיוזנבערג. נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער רייזע קומען מיר זיך אַזוי געמיטלעך אַריין אין דיינינג רום צום מיטאָג. נעמט אונדז דאָרט אויף דער באַלעבאָס פון האָטעל בכבודו ועצמו און פירט אונדז צו צו אַ טישל ביי וועלכן עס זיינען שוין געזעסן אַ פּאָר פּאַלק, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער אכילה. דער באַלעבאָס האָט אונדז פאַרגעשטעלט און מיט אַ שמייכעלע זיך אָפּגערוקט פון טישל און פאַרשווונדן.

דער מאַן בײם טישל האָט גלײך אַרױפגערוקט זײנע ברילן הױך אױפן שטערן און אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער דער גאַנצער ברײט פון זײן פּנים. קענטיק אַז ער איז געװען צופרידן פון אונדז, װײל ער האָט מיר גלײך אָפּגעשטעקט אַ ברייטן שלום עליכם — האַו דו יו דו, און זיך אױפשטעלנדיק לכבוד אונדז האָט ער מיר גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלײצע און מיר מודיע געװען, אַז דעם כבוד צו זיצן מיט אים בײ אײן טיש האָב איך צו פאַרדאַנקען טאַקע אים אַלײן. נאָך דעם האָט ער אונדז פאָרגעשטעלט זײן גנעדיקע פרוי און דערצײלט, אַז װי נאָר ער האָט זיך דערװוסט אַז איך מיט מײן פרוי דאַרפן אָנקומען אין האָטעל, האָט ער זיך גלײך משתדל געװען בײם באַלעבאָס װעגן דער טובה אונדז אַװעקצוזעצן בײ זײער טײבל. און ער דערקלערט מיר, אַז עס װעט פון דעם אַרױסקומען אַ טובה פאַר בײדן, װײל מיר װעלן האָבן די מעגלעכקײט צו אונטערהאַלטן זיך אין אַ שײנער און גוטער געזעלשאַפט בײם עסן און אױך נאָכן עסן. ער האָט שױן פריער געהערט פון אונדז, זאָגט ער, און פאַר אים און זײן פרוי איז אַ כבוד צו זײן אין אונדזער קאָמפּאַניע.

ער האָט שױן געהערט, דערצײלט ער מיר אין אײן אָטעם, אַז מיר זײנען לײטישע אײנגענעמע מענטשן, מיט װעמען מ׳קען כאַפּן דעם ריכטיקן שמועס, הערן אַ גוט װאָרט, אַ פײנע המצאהלע און הנאה האָבן. און תוך כדי דיבור, שױן זיצנדיק און קײענדיק, טוט ער מיר אַ זאָג, אַז שמועסן איז בײ אים דאָס חיות. אַז מ׳רעדט זיך דורך, זאָגט ער װידער, און נאָך מיט אַ מענטשן װאָס פאַרשטײט אַן ענין אַזױ װי איך, װערט מען גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש. און ספּעציעל איז עס גוט בײם עסן, דאָס װײס ער שױן פון פּראַקטיק, עס איז פּשוט די בעסטע רפואה צו פאַרדײען די פיל שפּײזן װאָס מען שטעלט אַרױף אױפן טיש. און ער גיט זיך אַ בײג צו מיר, װי אײנצורוימען אַ סוד.

„איר זאָלט װיסן זײן, אַז פּסיכאָלאָגיע העלפט צום פאַרדײען, און איך אַלײן, װי איר קוקט מיך אָן, בין אַ מענטש מיט פּסיכאָלאָגיע. אײן װונק מיט אַן אױג און איך פאַרשטײ שױן אַן ענין. קײן פינגער אין

מויל דאַרף מען מיר ניט אַריינלייגן. און איך האָב גלייך דערפילט אַז איר זייט אַ קלוגער און איידעלער מענטש, מיט וועמען איך וועל קענען אויסטוישן אַ פּסיכאָלאָגישע מיינונג. גלייבט מיר, כ׳טו עס פאַר אייער בענעפיט״.

נו, אַז דער מאַן ביים טיש האָט מיר באַשאָטן מיט אַזעלכע זיסע קאָמפּלימענטן און אַזאַ אויפנאַמע געמאַכט, בין איך מיט מיין ווייב געוועזן צופרידן וואָס דער באַלעבאָס האָט אונדז אָוועקגעזעצט מיט די מענטשן ביי איין טיש. און כ׳האָב מיר געטראַכט, אַז צו אַלץ דאַרף מען מזל, אפילו צו זיצן מיט פיינע מענטשן, וואָס מאַכן דיר דעם אמתן ברוך הבא. האָב איך אויך אַ שמייכל געטאָן צו מיין טיש־זיצער, ווי דען? אַז מ׳קומט נאָך אַ יאָר פון שווערער האָרעוואַניע צום ים זיך אָפּרוען און מענטשן זיינען אַזוי פריינדלעך, קען מען דאָך קיין חזיר ניט זיין.

אגב, האָב איך געוווסט גוט פון פריערדיקער דערפאַרונג, אַז עס איז גוט צו האָבן קאָמפּאַניע בעת אַ האָלידיי. עס ווילט זיך זיין צווישן מענטשן עס זאָל זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן, הערן און אַליין דערציילן אַ נייעם וויץ, און חלילה זיך ניט פאַררוקן ערגעץ אין אַ ווינקל ביים ים נאָר מיט דער אייגענער ווייב. ווייל וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מישטיינס געזאָגט קענט איר שוין האָבן פון אַן אייגענער ווייב אין אַ האָטעל ערגעץ אין מיוזנבערג? זי קוקט אויף דיר, דו אויף איר און אייך ווערט מיאוס און נימאס אַזאַ קוקעניש איינער אויף דעם אַנדערן; און קיין וואָרט רעדט מען ניט אויס איינער מיטן אַנדערן, ווייל וואָס איז שוין פאַראַן דאָ צו זען און צו ריידן, אַז מ׳האָט זיך שוין אָנגעקוקט און אָנגערעדט אַ לעבן לאַנג.

יאָ, מיין פריינד, מיט אַן אייגענער ווייב איז ניטאָ וואָס צו ריידן. אָט, אַזוי פיל יאָרן אַז מ׳איז צוזאַמען און מ׳גייט צוזאַמען, מ׳עסט צוזאַמען און מ׳וווינט צוזאַמען, נעמען זיך טאַקע אויס די רייד. אָבער אין דער קאָמפּאַניע פון פרעמדע מענטשן, זייטיקע, אפילו ניט קיין באַקאַנטע, איז גאָר עפּעס אַנדערש. אויף אַ האָלידיי קען מען ניט און מ׳טאָר זיך ניט צוקלייבן די געזעלשאַפט, מ׳טאָר זיך ניט גרויס האַלטן,

ווער גייט אייך פרעגן אַ פּאַס? אַלע זיינען דאָ גלייך. מאַלע וואָס איינער איז אין דער היים, אָבער אין זעלבן האָטעל זיינען אַלע די זעלבע יחסנים, אַלע צאָלן דאָ דעם זעלבן פּרייז און ניטאָ קיין אונטערשייד, רייך צי אָרעם.

פרעגט ביי מיר! איך האָב גענוג עקספּיריענס מיט האָלידייס און האָטעלס. איר דאַרפט וויסן זיין אַז איך פאָר 2 מאָל אַ יאָר, זומער קיין מיוזנבערג, און ווינטער קיין דערבן און מ׳טרעפט זיך אומעטום מיט מענטשן, אָרט עס מיך ניט אַז אין האָטעל ווערט ווי איין „ביג פעמילי״ פון אַלעמען, און מיר — איך מיט מיין ווייב בתוכם.

אָבער באַהיט זאָלט איר ווערן טאָמער האָט אייך גאָט געבענטשט מיט אַ יחסנישע נאַטור און איר האַלט זיך גרויס, איך פּאַסט ניט צו האָבן צו טאָן מיט דעם און יענעם, אָדער גאַר זיך באַגריסן פריינדלעך, דאַן זייט איר שוין אַ געבוקטער. יעדער איינער וועט אייך אויסמיידן און די גאַנצע האָלידיי וועט איר שוין אַרומבראָדזשען אַליין און די ווייבער וועלן אָפּדרייען דעם קאָפּ פון אייך. אייער אייגענע ווייב וועט אייך טראָגן אַ פאַרזויערטן פּנים אַנטקעגן און איר וועט שוין ציילן די טעג וויפל ס׳איז אייך געבליבן פּטור צו ווערן פון האָטעל, פון ים מיט די פיש אין אים און די ברוינע פּיסלעך אויף זיינע ברעגעס. אַזאַ האָלידיי איז ביי מיר קיין האָלידיי ניט.

איך וויים ניט ווי איר, נאָר איך האַלט אַז מע דאַרף זיין מיט מענטשן גוט־ברודער. און וואָס איז דאָס ווערט, אַז איר זייט מיט יעדן איינעם כאַווער־לאַפּ און לעקט אָפּ פון יעדן אַ ביינדל: אָט לאַדט אייך איינער איין צו האָבן מיט אים אַ דרינק פאַר לאַנטש, אַ צווייטער שטייט צו אייך צו, אַז פאַר אים וועט זיין אַ כבוד און אַ פאַרגעניגן צו האָבן מיט אייך אַ סאַנדאַון.

איז ווידער די אייגענע מעשה — זייט איר צווישן מענטשן, פאַר געסט קיינער ניט אָן אייך: אָט האָט איר געמאַכט אַ שנעפּסל, אי עס קאָסט אייך קיין צעבראָכענע מטבע ניט, אי עס ווערט פריילעכער און

האַפּערדיקער אויפֿן האַרצן. איי מען מוז אַ מאָל ריסופּריקייטן, איז אויב איר ווייסט נאָר ווי אָנצוגיין אויף דער וועלט און ספּעציעל אויף אַ האַלידיי, קענט איר אַזוי אָפּזיין אין האָטעל חדשים און ס׳זאָל אייך קיין פּעני ניט קאָסטן אַזעלכע פֿאַרגעניגנס ווי אַ דרינק, אַ טעפּעלע קאווע, אַ סיגאַרעטל און אַ מאָל אפֿילו אַ גאַנץ בכבודיקער ציגאַר און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן. איך, ווי איר זעט שוין, האָב גענוג עקס־פּיריענס אין הילכות האַלידיי און אַט גלייך אויף אַן אָרט וועל איך אייך געבן אַ טיפּ ווי איך טו עס. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי מיין לעסן וועט אייך צוניץ קומען. טאָ הערט זשע טאַקע אויס מיט קאָפּ:

ווי איר טרעט נאָר אַריבער די שוועל און דערזעט יידן זיצן ביי אַ טישל און לאָזן זיך ווויגלגיין בהרחבה, טאָ מאַכט זיך כלא ידע און גייט פֿאַרביי די טרינקער, אַזוי זיך הין און צוריק. איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מאַכט אַ פֿריילעכע מינע, וועלן זיך די יידן אַ כאַפּ טאָן און עמעצער פֿון זיי וועט אייך גלייך איינלאַדן צום טישל און אייך אונטעררוקן אַ גלעזעלע בראָנפֿן.

נאָר אויב דער ערשטער טריק העלפֿט אַ מאָל ניט, איז פֿאַראַן אַ בעסערע עצה: איר גיט אַ שפּריז צו צום טישל מיט אַ ברייטן העלאָו, דזשענטלמען, און טוט זיך אַזוי אַ זאָג ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, כלומרשט דרך אגב: שוין ווידער! ווידער בראָנפֿן! כ׳לעבן, ניט קיין שלעכטער ענין צו פּראַוון יעדן טאָג שמחת תורה, כא־כא־כא... וועט איר זען אַז עס וועט זיי געפֿעלן זיין און אויב זיי זיינען ניט קיין גרויסע דבר אחרים, וועט מען אייך שוין מכבד זיין מיט אַ פֿולן קויף. איך זאָג עס אַקעגן דעם, אַז מ׳טאָר זיך ניט דערווייטערן פֿון געזעלשאַפֿט, עס באַצאָלט זיך צו זיין סאָשל, מיטצוהאַלטן מיט יעדער קאָמפּאַניע.

איז יאָ, ווו האַלטן מיר אַצינד? טאַקע נחזור לעניננו. כ׳מיין, דעם אמת געזאָגט, די באַגעגעניש מיטן פֿאַרפֿאַלק ביים טיש איז מיר געווען צום האַרצן. עס איז מיר לכתחילה וואַרעם געוואָרן פֿון זיין באַריי־דעוודיקייט. דעם אמת געזאָגט, איך אַליין האָב אויך ניט קיין פֿאַרמאַכט מויל און האָב אויך ליב צו צעקייען אַ יידיש וואָרט, אָבער מיט דעם

פּאַרטנער מיינעםביים טישל האָב איך געהאַט דעם אמתן דורכפאַל.
איך האָב שלעכט אויסגערעכנט: איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן דאָ אַלע האָבן אַ מין פאַמיליע און אַ געמיינזאַמע סאַטיספאַקציע, דאָס הייסט — איך וועל ריידן, ער וועט ריידן און אונדזערע ווייבער וועלן זיך אַריינמישן, ווי געוויינלעך, און ס'וועט אונדז פאַרשפּאַרט זיין זיך אָפּצונודיען די פּאָר וואָכן. אַזוי האָב איך בעת דער ערשטער מאָלצייט געטראַכט, נאָר אַנדערש האָט געטראַכט מיין טיש־פּאַרטנער. איר ווייסט דאָך דאָס ווערטל: אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט — איז עס טאַקע אַזוי אַרויסגעקומען. ווי נאָר דער ייד האָט געעפנט זיין מויל האָט ער עס שוין צוריק ניט צוגעמאַכט, אפילו פאַר קיין איין רגע ניט. ט'ו איך זיך אָן אַ כוח און פּרווו אים פאַרהאַלטן, נאָר ווי איך טו אַ שאָקל מיט די ליפּן גיט ער מיר שאַרף אַ שניט אָפּ:
„לאָזט אויסריידן אַ וואָרט! וואָס פאַר אַ מין מענטש זייט איר עס, וואָס איר רייסט איבער אין מיטן פון אַ שמועס? ווו זיינען אייערע מאַניערן?"

דערהערט אַזעלכע ווערטער האָב איך פאַרקוועטשט דעם צונג צווישן די ציינער און אין שטומעניש קוים אַריבערגעקומען דעם לאַנטש. אָבער אין אָוונט, צו סאַפּער, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן אַז איך וועל פירן מיט דעם יידן גאָר אַן אַנדער פּאָליסי. איר פאַרשטייט, איר קענט דאָך ניט זיצן די גאַנצע צייט פון עסן ווי אַ „דאַמי" און זיך בלויז צוהערן וואָס יענער רעדט. וואָלט געווען וואָס צו הערן איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער דער ייד איז ניט דאָ געדאַכט געווען אַזאַ נודניק, אַז זיינע ווערטער האָבן זיך געקלעפּט ווי אַרבעס צו דער וואַנט. האָט ער אָנגעהייבן עפּעס צו דערציילן, איז ביז ער איז געקומען צו דער עצם מעשה איז ער שוין געווען פאַרקראָכן מיט די האָלעבליעס אין לכה דודי. דוכט זיך, אָט קומט ער ווידער צום עניין, נאָר מיט אַמאָל, האָ? ווידער פאַרקערעוועט דעם דישל און פאַרקראָכן אין אַ נייער בלאָטע. און ער הייבט אָן אַזוי לאַנג טאָפּטשן, אַז ער קען זיך מער ניט אַרויסקאַראַפּקען.

די דאָזיקע טאַקטיק זיינע האָב איך שוין באַמערקט ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש צו מיטאָג. האָב איך טאַקע באַשלאָסן אַז צו סאַפּער נעם איך איבער די איניציאַטיוו און כ׳וועל אָנהייבן אַזוי מאָלן אַז ער וועט שוין ניט קומען צום פּסוק. אין קאָפּ האָב איך מיר שוין איינגעחזרט אַ טעמע, ווי אַזוי כ׳בין אָנגעקומען מיט דער באַן קיין מיוזנבערג, די אַלע איינדרוקן פון מיין רייזע איבערן וועג. איר מעגט וויסן אַז שטאַרק האָב איך געהאַט מער ווי גענוג, ווייל כ׳בין אָפּגעפּאָרן גאַנצע 2 טעג, אַ נאַכט און מיט אַ סמיטשיק דערצו. פרעג איך אייך, איז דאָ פון וואָס צו דערציילן, האַ? דוכט זיך גענוג און איבערגענוג.

מיין ווייב, זאָלט איר וויסן, איז גאָר אַ שלעכטע פאַרערקע מיט באַנען, וועל איך שוין דעם וועג, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, געדענקען מיין גאַנץ לעבן. זי, זעט איר, קען ניט פאַרטראָגן דאָס טראַסקען, דאָס טרייסלען, דאָס פּייפן פון לאָקאָמאָטיוו און זי האָט אַלע ווייַלע געקרעכצט אַז איר איז ניט גוט און זי וויל ברעכן. אויף מיר איז זי געווען אש להבה, זי האָט מיר אָנגעקוקט מיט אָנגעכמורעטע אויגן און געבורטשעט, הלמאי איך האָב געזוכט צו פאַרשפּאָרן אַ פּאָר פונט און ניט געוואָלט פליען מיטן עראָפּלאַן. פליען, האָט זי געזאָגט אויף זיכער, וואָלט איר ניט פאַרשאַדט, אפילו שוואַנגערע פרויען פליען און עס פּאַסירט זיי גאָרניט. נאָר איך מוז זיך מודה זיין, וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען מיט דעם — איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, ייראת שמים, כ׳האָב מורא צו פליען אין די הימלען אַריין.

איך, פאַרשטייט איר מיך, האָב ליב צו שטיין מיטביידע פיס אויף דער ערד און ניט אַרומשוועבן אין די זיבן הימלען. איך יאָג זיך נאָך ניט צו זיין אין הימל, איך לאָז עס דערווייל פאַר אַנדערע. קענט איר דאָך אוודאי מיינען אַז כ׳בין קיין מאָל אין מיין לעבן נאָך ניט געפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן, האָט איר במחילה אַ טעות.

איין מאָל אין מיין לעבן מאָלט אייך בין איך שוין יאָ געפלויגן, טאָ פרעגט גאָרניט: איך האָב פאַרזאָגט אַ צענטן, אַז מער מיט קיין עראָפּלאַנען פלי איך ניט. גראַדע בין איך דאַן ניט געפלויגן קיין ישראל, צי קיין אַמעריקע אָדער גאָר קיין יוראָפּ, משוגע, מיינע שונאים! אָט וועל

איך זיך אַוועקלאָזן אַזאַ מהלך רב מיט עראָפּלאַנען? ניט איך! כ׳האָב אייך דאָך שוין פריער געזאָגט, אַז בנאַטור בין איך אַ ציטערדיקער, ובפרט מיט אַן עראָפּלאַן, נאָר ס׳איז גראָדע געווען אַן עמערדזשענסי — כ׳האָב אין איין הרף עין געמוזט זיין אין ראָדעסיע און ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין טענות. איר ווייסט דאָך, ביזנעס. איז וואָס טוט מען ניט צוליב ביזנעס?

נו, פרעגט שוין גאָר ניט! אַז כ׳בין מיט האַרצקלאַפּעניש אַריין אין עראָפּלאַן און זיך באַזעצט ווו מ׳האָט מיר אָנגעוויזן, און מ׳האָט מיר געהייסן זיך צובינדן אַרום בויך מיט אַזאַ גראָבן לעדערנעם רימען, זיינען מיר שוין גלייך איינגעפאַלן די דמים. מאַלט אייך, האָב איך געטראַכט, אַז די חברה וואָס דרייען זיך אין עראָפּלאַן ווייסן שוין פון פריער וואָס עס גייט געשען, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי דאָך סתם אין דער וועלט ניט געהייסן זיך צובינדן אַלעמען מיט רימענס? זיינען מיינע פינגער געוואָרן ווי אָפּגעליימט און כ׳האָב בשום אופן ניט געקענט עפענען דעם שלאָס פון רימען. האָט עס דערזען אַ שיין מיידל, וואָס האָט אויף אירע לעקעלעך געהאַט אָנגעטאָן אַ היטל מיט אַ קוקאַרדע, האָט זי זיך אַליין מטריח געווען און מיט אירע גלאַטינקע הענטעלעך מיך אַזוי פאַרשנורעוועט, אַז עס האָט מיך באַלד די נשמה אַרויסגעשפּאַרט.

זיך איך שוין און פרווו זיך אַליין באַרואיקן, נאָר דאָ האָבן מיט אַ מאָל די מאַשינען גענומען רודערן מיט אַ געזשום, די עראָפּלאַן־פליגלען האָבן זיך מיר גענומען דרייען פאַר די אויגן, ווי אַ ווינטמיל אין אַ שטורעם, און פון ערגעץ איז געקומען אַ מאַנצבילש באַסאָווע שטים, וואָס האָט געזאָגט אַז ס׳איז פאַרבאָטן צו רויכערן. „זיצט“, זאָגט ער, „שטיל און רואיק, ווייל מיר גייען זיך אויפהייבן אין דער הייך“. קלערט שוין ניט ווי מיר איז געוואָרן אויפן האַרצן פון דעם זאָג. און לעבן מיר איז גראָדע געזעסן אַ געזונטער גוי מיט אַ רויט פנים, קוקט ער און לאַכט: „וואָס ביסטו אַזוי בלייך געוואָרן?“ פרעגט ער מיר מיט אַ שמייכעלע, „דאַרפסט זיך ניט שרעקן, אַלץ וועט זיין אַלרייט. מיר

זיינען אין גענײטע הענט. זעסט, אין אַ מינוט אַרום און מיר וועלן זיין אין הימל — דער פּילאָט ווייס וואָס ער טוט״.

ענטפער איך ניט, ווייל עס ציטערן מיר הענט און פיס פון זיינע רייד. אים איז גוט צו ריידן, טראַכט איך מיר, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט אים זיין לעבן בכלל. מיר איז אָבער מיין לעבן גענוג טייער. זיך אָפּגעפּלאָגט אַ גאַנץ לעבן און קוים פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט, געהאָרעוועט מיטן זיבעטן שוויס, און איצט, אַז עס איז געקומען צום לעבן, זיך אַ ביסל אַרויפגעאַרבעט, גיי און ווער געהרגעט פון אַן עראָפּלאַן, מיט אַזאַ מיאוסן טויט. מען וועט אפילו ניט וויסן ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען. מיין ווייב וועט מיר אפילו ניט דערקענען אַ טויטן...

הכלל, מיר זיינען שוין אין דער הייך. דאָס האָט געדויערט אַ פּינטל מיטן אויג, און איך זע ווי דער מאַן לעבן מיר, וואָס האָט פריער געלאַכט, נעמט זיך אָפּשפּיליען דעם רימען. אַ גוטער סימן, טו איך אַ טראַכט. איך וואַרף אַ בליק צום פענצטערל ביי וועלכן כ׳זיץ און — ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: גאַנצע בערג מיט שניי ליגן אונטער אונדזער עראָפּלאַן, און ער, דער עראָפּלאַן רירט זיך גאָר ניט פון אָרט, הענגט ווי אַ פּגר צווישן הימל און ערד. אוי, שלעכט, טוט מיר אַ שניט אין מוח, וואָס גייט דאָ זיין איצט? און ווי נאָר כ׳האָב עס אַ קלער געטאָן, אהא, מיט איין מאָל האָט דער עראָפּלאַן זיך געגעבן אַזאַ שאָקל און אַ זינק אַראָפּ אויף אונטן, אַז די קישקעס אין בויך האָבן זיך מיר איבערגעדרייט פאַר שרעק. ס׳האָט זיך שוין אָנגעהייבן, איז מיר ווי אַ וואָלקן פאַרביי פאַר די אויגן, דאָ ווערן מיר אַלע בר מיננס! און איך האָב שוין געוואָלט מאַכן אַ גוואַלד, נאָר דאָ זע איך אַז קיינעם אַרט עס גאָרניט און אַלע זיצן זיך ווי קאַלטע לונג־און־לעבערס.

„אַ מארוולעס פּיילאָט, אַן עיר אַקראָבאַט״, גיט צו מיר אַ זאָג דער גוי ביים זייט.

דריי איך אָפּ מיט כעס דעם קאָפּ פון מיין שכן. אים איז זיך גוט צו חכמהנען, טראַכט איך. אַ פיינער קונצן־מאַכער דער פּיילאָט. און

איך פיל אַז אַט־אַט וועל איך ברעכן מיט גרינע גאַל. נאָר גראַדע אין דער רגע פון מיינע טרויעריקע מחשבות הייבט אָן דאָס מיידל מיטן היטעלע אַרומטראָגן טאַצן עסנוואַרג, און אַט דערלאַנגט זי מיר מיין חלק אויף אַן אויסגעצאַצקעטן טעלער — אכילות, וואָס כ׳האָב אין מיין גאַנץ לעבן קיין מאָל פאַר די אויגן ניט געזען. וויל איך אַ נעם טאָן אַ שטיקל פון טאַץ, ווייל עס האָט פאַרכאַפּט מיין אַפּעטיט, און פאַרזוכן, נאָר דאָ מיט איין מאָל גיט דער עראָפּלאַן ווידער אַזאַ האָפּ און שיעור ניט אַ פאַל אַראָפּ ביז צו דער ערד. איך האָב זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די פאָרענטשעס פון מיין שטול און — מער ניט געקענט אויסהאַלטן — גענומען אָפּגעבן צוריק וואָס כ׳האָב פאַר די לעצטע טעג געגעסן.

די שיינהייט פון עראָפּלאַן האָט מיט אַ גרין שמייכעלע מיר געהאָלפן מיט עטלעכע סערוועטקעס זיך אַרומווישן דעם גאַנצן שמוץ און איך האָב געהאַלטן אין איין זאָגן „סאָרי" און „טהענק יו". נאָך דעם האָב איך זיך איינגעמאַשטשעט אין מיין שטול, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל אין פענצטערל און מיט כוונה און בלחש געהאַלטן אין איין איבערחזרן דעם גאַנצן שמע ישראל, און געפילט ווי עס וואַרפט מיך אין קדחת.

מילא, וואָס זאָל איך דאָ אַ סך ברייען: ווען איך האָב דערלעבט צו שטעלן דעם ערשטן טראָט אויפן בולאַוואַיער עירפּאָרט, האָט זיך מיר געוואָלט אויסציען אין מיטן פעלד און קושן די ערד. דאַן האָב איך אויפגעהייבן די אויגן צום הימל און זיך אין דער שטיל אַ נדר געטאָן: מעג די וועלט זיך אומדרייען, איך וועל מער מיט קיין עראָפּלאַן ניט פליען! און ווען מיין פריינד אויפן עירפּאָרט איז צו מיר צוגעקומען, האָט ער מיך כמעט ניט דערקענט. ער האָט צו מיר גערעדט און איך האָב ניט געהערט, ווייל אין מיינע אויערן האָט געהודזשעט ווי אַ מחנה בינען. איך האָב זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן און זיך געשראָקן אַז דאָ בלייב איך שוין טויב ווי די וואַנט. נאָר מיט אַ מאָל האָב איך אָנגעהייבן ניט נאָר זען ווי מיין פריינד מאַכט מיט די ליפּן, נאָר האָב איך אָנגעהייבן הערן קלאַנגען, זאָגט ער צו מיר:

„ביסט דאָך געל ווי וואַקס, וואָס האָט פּאַסירט? ביסטו חלילה קראַנק?"

אָבער, זעט איר, מיין ווייב וויל פון דעם אַלעם ניט וויסן. זי זאָגט אַז זי קען דעם טרייך ניט פאַרטראָגן און טוט איר עפּעס. עראָפּלאַנען האָבן זיך איר פאַרוועלט.

הכלל, ווו האַלטן מיר? יאָ. מיר האָבן זיך גאַנץ באַקוועם באַזעצט צום סאָפּער און איך הייב אָן ריידן צו מיין מיטעסער וועגן דעם וועג אונדזערן מיטן טרייך, ווי מיין פּלאַן. נאָר כ'האָב נאָך אפילו ניט באַוויזן צו ענדיקן דעם ערשטן זאָץ, ווי ער רייסט עס מיר גלייך איבער:

„עקסיוז מי, מ"ר גימפּל, וועלכער משוגענער פאָרט עס היינטיקע צייטן מיט די באַנען, אַז עס זיינען דאָ עראָפּלאַנען אויף דער וועלט, נאָר משוגעים אָדער סתם נאַראָנים טוען עס. היינטיקע צייטן דאַרף מען פאַרגעסן צו פאָרן מיט די אַלט־פרענקישע באַנען, מ'פליט און פּטור אָן עסק", און ער האַלט אין מאַלן אַז ער אַליין קען דעם אָטעם ניט אָפּכאַפּן און איך קען ניט געפינען אַ שפּאַרונקעלע צווישן זיינע ווערטער. האָב איך זיך געמאַכט הארץ און אַריינגעריסן זיך צווישן זיינע רייד:

„כ'וויל אייך טאַקע דערציילן מיין עקספּיריענס מיטן עראָפּלאַן..."

דערהערט עראָפּלאַן האָט ער מיט צעקאָכעניש צו מיר אַ געשריי געטאָן:

„וואָס? איר רעדט וועגן עראָפּלאַנען? ווען איר שיט מיר אָן דעם גאַנצן דיינינג רום מיט גאָלד און ברילאַנטן פול, פלי איך ניט מיט קיין עראָפּלאַנען. וואָס, איך וועל גיין ריזיקירן מיטן לעבן יונגערהייט? ניט ביי מאַטיען! איך קען זיך מיר פאַרגינען צו פאָרן אַזאַ שטיקל וועג פון יאָהאַנעסבורג קיין קייפּטאָון מיט מיין מאָטאָר קאַר!"

תוך כדי דיבור הייבט ער מיר אָן אויסרעכענען אַלע מעלות וואָס אַ מאָטאָר־קאַר־רייזע מיינט פאַר דעם מענטש, פאַר זיין געזונט און באַקוועמלעכקייט. און ער הייבט זיך טאַקע גלייך אָן באַרימען מיט זיין אייגענעם מאָטאָר־קאַר. אַזאַ מאָטאָר־קאַר פאַרמאָגן נאָר די גרויסע מיל־

יאַנערן, עקזעקוטיוווס פון גרויסע ביזנעס. און ער דערציילט מיר באריכות ווי לאַנג ער „דרייווט" שוין אַ קאַר, און ווען ער האָט זיין לעצטע קאַר געקויפט און וויפל ער האָט פאַר איר באַצאָלט. ער האָט זיין אַלטע קאַר איינגעביטן און געמאַכט אַ גוטן דיל, דערציילט ער מיר בסוד. און גלייך טוט ער אַ שפרונג צוריק און הייבט מיר אָן דערציילן די גאַנצע היסטאָריע פון זיין אַלטער קאַר, ווייל ס'איז כדאי צו הערן, זאָגט ער.

אַלץ איז עקספּיריענס. און ער האַלט מיר אין איין וואַרפן מיט זיינע ציפער, וויפל ער האָט געצאָלט אַ חודש פאַר זיין אַלטער קאַר און וויפל ער צאָלט איצט פאַר דער נייער, און וואָס עס לוינט זיך בעסער. און ער זאָגט, אַז ער מוז מיר אומבאַדינגט דערציילן ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דער עקסידענט מיט זיין נייער קאַר. און עס איז גאָר ניט זיין שולד געווען. און די צרות וואָס ער האָט געהאַט אויס־צושטיין פון די אינשורענס אַגענטן ווייל זיי זיינען אַלע גנבים.

ער האָט זיי צום סוף געמוזט נעמען צום קאורט. „עס וועט אייך זיין אינטערעסאַנט", פאַרזיכערט ער מיר, „וואָס דער מעדזשיסטראַט האָט מיך געפרעגט און וואָס כ'האָב אים געענטפערט. מיינע טענות האָבן זיך אים געלייגט אויפן שכל און ער האָט אַריינגעלייגט דעם לאָיער פון דער אינשורענס קאָמפּאַני דעם ריכטיקן חלק. און אין מיטן האָט מיך דער מאַדזשיסטראַט אָפּגעשטעלט און געוואָרנט אַז כ'זאָל אַזעלכע ווערטער ניט באַנוצן, ווייל איך בין געווען אין כעס און גוט אויסגעזידלט דעם לאָיער זייערן. און אויב איר מיינט אַז עס איז שוין געענדיקט האָט איר אַ טעות".

דאָ האָט זיך מיין ייד צעקאָכט אויף די העכסטע טענער, ס'טייטש, אַן אינשורענס קאָמפּאַני וויל אים אָפּנאַרן. פון זיין שרייען האָב איך געמיינט, אַז אַט־אַט וואַרפט ער זיך גאָר און פרעסט מיך אויף אַ לע־בעדיקן, ווי איך וואָלט שולדיק געווען אין זיין קייס.

הכלל, צו מאַכן די גאַנצע געשיכטע קורץ: איך האָב שוין דערזען וואָס פאַר אַ פויגל מיין מיטעסער איז. און אַזוי ווי איך האָב מיט אים

ניט געטראָפֿן, האָב איך גלייך נאָך סאַפּער גענומען מאַכן פּלענער ווי אַזוי דערלייזט צו ווערן פֿון דעם נודניק, פֿון דעם שלאַק, וואָס קען אײך געבן אַ האַרץ־פּעלער. איז מיר איינגעפֿאַלן אַ גוטע אידעע: ווער הייסט דאָס מיר גיין מיט אים צוגלייך אין דיינינג רום? כ׳וועל בעסער וואַרטן ביז ער ווערט פֿאַרטיק מיטן עסן און איך וועל אַריינקומען שפּעטער, ווען ער וועט שוין האָבן געענדיקט.

האָב איך טאַקע אַזוי אויף מאָרגן געטאָן: נאָך דעם ווי דער גלאָק האָט געקלונגען האָב איך זיך ניט געאײַלט, כאָטש מיין ווייב האָט מיר פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ מיט טענות אַז זי איז שוין הונגעריק, האָב איך זיך געמאַכט כלומרשט געפּגרט. אָט, איין רגע נאָר, איך האָב עפּעס וויכטיק צו פֿאַרשרייבן, און כ׳האָב געפֿילט אַז מיר אַליין הייבט שוין אויך אָן קיצלען אונטערן לעפּעלע.

כאַפּ איך יעדע ווײַלע אַ בליק צום דיינינג רום. איך זע אַז מענטשן האָבן שוין אָפּגעגעסן און מ׳גרייט זיך שוין טרינקען קאַפֿע, נאָר פֿון מיין בעל־דבר זעט זיך קיין סימן ניט. איך וואַרט און וואַרט, ביז איך האָב זיך סוף כל סוף דערוואַרט. אין אַ ווײַלע אַרום גיב איך אַ קוק צום טישל: יאָ, זיי זיצן זיך ביידע, מאַן און ווייב, נאָר ער נעמט זיך שוין צו דער פּיפּקע און דער טיש איז שוין אָפּגערוימט. טראַכט איך מיר: מיסתמא האָבן זיי שוין געענדיקט, אָבער כ׳קען ניט פֿאַרשטיין זייער איילעניש. דאָך בין איך צופֿרידן און זאָג מיין ווייב, אַז איצט קענען מיר שוין גיין צום טיש, ווייל דער פֿויגל רויכערט שוין. מיסתמא האָבן זיי שוין געענדיקט. נאָר ווי מיר קומען צו צום טיש טוט ער אַ פֿאַל אַרויף אויף מיר מיט קולות און פּאַראיבלס:

„ס׳טייטש, וווּ זייט איר דאָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? מיר וואַרטן דאָך אויף אײַך מיטן עסן״.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס׳איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן און איך האָב געמיינט אַז איך עק זיך. הייסט עס אַז מיין פּלאַן האָט געטויגט אויף כפּרות. מילא, די הנאה וואָס כ׳האָב געהאַט פֿון מאָלצייט דאַרף איך אײַך שוין ניט דערציילן, כ׳ווינטש עס מיינע שונאים. זיץ איך און הער זיך צו מיט איין אויער צו אים און איין קאָפּ

רודלען מיר זיך שוין נייע פּלענער. אָבער גיי מאַך פּלענער, אַז דער מענטש האָט זיך פֿאַרלייגט מיר צו דערגיין די יאָרן.

קענטיק אַז איך בין אים יאָ געפעלן. ווי נאָר כ׳בין פון אים פּטור געוואָרן ביים טיש האָב איך געמאַכט אַ ויברח מיט מיין יידענע צום ים; זיצן מיר זיך אַזוי און כאַפּן אַ שמועס, אפשר שוין צום הונדערטסטן מאָל, וועגן אונדזערע אייניקלעך, ווי זיס און קלוג זיי זיינען, אַז עס איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט פֿאַראַן אַזעלכע ווי אונדזערע אייניקלעך... און — אין מיטן פון הנאה האָבן פון די אייניקלעך, יאָ, מען רופט מיין נאָמען, עמעצער זוכט מיר. טו איך האַסטיק אַ דריי אויס דעם קאָפּ צו יענער זייט פון דעם אַרומזוכער מיינעם, איז ווער מיינט איר זוכט עס מיר? טאָקע דער זעלבער נודניק, מיין מיטעסער אין דיינינג רום. און עפּעס לויפט ער צו אונדז מיט אַזאַ שימחה, ווי ער וואָלט געבראַכט אַ בשורה אַז מיר האָבן געוווּנען דעם גרויסן געווינס.

„גוט וואָס כ׳האָב אייך געפונען", שרייט ער שוין פון וויטן, „איר האָט גאָר קיין אנונג ניט ווי איך פריי זיך מיט אייך, ווייל איצט, דאָ ביים ים, האָבן מיר גענוג צייט און כ׳מוז אייך פֿאַרענדיקן די געשיכטע וואָס כ׳האָב אייך געהאַלטן אין דערציילן".

נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ אַנשיקעניש? איך האָב געפילט אַז איך וועל פון אים פּלאַצן. נאָר ער, ווי ניט אים מיינט מען עס, איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, ווו כ׳האָב זיך געקערט און געווענדט. ער האָט מיר אויסגעשפּירט פון יעדער באַהעלטעניש, ער האָט שוין אָנגעהייבן אַריינגיין אין מיין רום און ער האָט מיר אַזוי פֿאַרנודזיעט די יאָרן, אַז די האָלידיי איז געוואָרן פאַר מיר אַ ריכטיקער גיהינום.

האָב איך דעריבער אָנגעהייבן זוכן עצות ותחבולות ווי אַזוי גרינגער קענען אויסליידן די אַלע צרות ביז צום סוף פון אונדזער האָלידיי, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן אים נאָכצוגעבן אין אַלץ וואָס ער וועט זאָגן. וועט ער זאָגן טאָג, זאָג איך אויך טאָג, נאַכט — איז נאַכט.

נו, ווי מיינט איר, עס האָט געהאָלפן? אַ נעכטיקער טאָג! ווי נאָר

ער פלעגט דערהערן אַז כ׳בין מיט אים מסכים, פלעגט ער אַ דריי טאָן דעם דישל אויף צוריק. אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי ווי איך מיין, אַז ניט דאָס האָט ער געמיינט, און דער אַרגומענט ציט זיך אַזוי ווייטער, אָן אַ סוף.

האָב איך באַשלאָסן אים אין גאַנצן ניט ענטפערן, שווייגן, פשוטו כמשמעו — פאַרקוועטשן די ליפּן און שווייגן. זאָל ער ריידן וויפל ער וויל, איך וועל אים מיט קיין וואָרט ניט ענטפערן, נאָר שווייגן. מיינט איר אוודאי אַז דאָס האָט געהאָלפן האָט איר אַ פאַלשן טעות! ער האָט מיר טאַקע געלאָזט שווייגן, אָבער נאָר פאַר אַ ווײַלע, ביז אים איז נימאס געוואָרן מיין שוויגעניש און ער האָט זיך צעליאַרעמט אויף מיר:

„וואָס שווייגט איר, וואָס? מ׳רעדט דאָך צו אייך. האָט איר געזען אַזעלכעס אין אייער לעבן? איך רייד צו אים, מיר איז שוין טרוקן אין האַלדז ריידנדיק און ער שווייגט, אַנטשטומט געוואָרן און טו אים עפּעס. ווו, פרעג איך אייך, זיינען אייערע מאַניערס, האַ? מיסתמא האָט איר זיך גאָר געהאָדעוועט אין הקדש, צי דער גוטער יאָר ווייס איך ווו״.

הכלל, איך האָב זיך דערוווסט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָלט שוין מיין נודניק ביי עושה שלום מיט זיין האַלידיי, ער מיטן ווייב קליבן זיך שוין אין וועג צוריק. פון גרויס שמחה האָב איך גענומען אַ גוטן זופּ פון מיין באטל און גענומען ציילן די שעהן. כ׳האָב פינקטלעך אויסגערעכנט וויפל כ׳האָב זיך נאָך צו מאַטערן אונטער זיינע רייד.

האָב איך זיך געקליבן ערשט איצט אָנהייבן הנאה האָבן פון מיין האַלידיי, ווי נאָר כ׳ווער פון אים פּטור. און גראַדע די לעצטע פּאָר טעג בין איך געפאַלן אויף אַ גוטער המצאה: אינגאַנצן ניט הערן וואָס ער רעדט. אָבער וואָס אַזוינס מיינט ניט הערן, אַז קיין טויבער בין איך דאָך גאָט צו דאַנקען ניט, אלא וואָס דען? כ׳האָב אים געלאָזן ריידן און ער האָט געשטראָמט ווי אַ וואַסערפאַל, דאָס מויל ניט צוגעמאַכט און איך האָב זיך געמאַכט כלומרשט ווי איך הער, אָבער אין דער אמתן האָב איך אַ וואָרט ניט געהערט וואָס ער רעדט.

איך האָב געטראַכט מיינע אייגענע טראַכטענישן און אין דער

זעלבער צייט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו אַלע זיינע רייד, עלעהיי איך הער און שטים צו מיטן גאַנצן האַרצן. האָב איך אַ דאַנק גאָט מיט דעם אַ טריק דערצוגן ביז די גוטע שעה איז געקומען. איך האָב כלומרשט אים מעשה גוטער ברודער אים געהאָלפן זיך אַרויספּעקלען מיט די טשעמאָדאַנעס און — פרייער אָפּגעאָטעמט.

אַ רואיקער און צופרידענער האָב איך מיט מיין ווייב זיך געזעצט ביים טיש, און נאָך 8 טעג אַנדולן מיר אַ קאָפּ האָב איך דערפילט אַ דערלייכטערונג און הנאה געהאַט פון לאַנטש

מיין שמחה האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן — שוין צו סאַפּער האָט דער באַלעבאָס מיט אַ שמייכעלע צוגעפירט צו אונדזער טיש אַ פּאָר נייע געסט. דאָס זיינען געווען אַ פּאָר־פֿאָלק: אַ מיטליאָריקער ייד מיט זיין יידענע, וואָס איז געווען אַזוי ברייט, אַז איין שטול איז ניט געווען גענוג פאַר איר געזעס. און ווי נאָר כ׳האָב זיי דערזען האָט זיך מיר עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק און ס׳פּאַלט מיר איין: זאָל מיר גאָט שומר ומציל זיין פון אַ נייעם נודניק! און — כך הווה, כ׳האָב ווי פּאָר־געפילט, געטראָפן...

און אַ נודניק איז עס געווען, נאָך אַן ערגערער ווי דער פריער־דיקער. דאָס מויל איז ביי אים געגאַנגען ווי אַ מאָטאָר, אויף קיין איין מינוט האָט זיך עס ניט פאַרמאַכט. ער האָט כסדר געבולבעט מיט ווער־טער, וואָס איינס אַן אנדערן האָט זיך ניט געקלעפּט. ער האָט מיר אַריינגעשפּילט זיינע נודנע רייד אין קאָפּ ווי אַן אַלטער הייזעריקער גראַמאָפאָן וואָס זיינע פּלאַסטינקעס זיינען קאַליע. זיינע רייד זיינען אַרויסגעקומען געפּאַנפּעט, אַזאַ מין גערייידעכץ אונטערן נאָז, אַז מ׳האָט קוים געקענט אויפכאַפּן איין וואָרט פון 20.

האָ, זעט איר שוין. און איר פרעגט נאָך ווי איך האָב פאַרבראַכט מיין האָלידיי. איר פאַרשפּאָרט שוין צו פרעגן. פון נייעם נודניק בין איך צוריקגעפאָרן אַהיים מיט אַ גערויש אין קאָפּ, ווי מאַשינעס וואָלטן דאָרט געהודזשעט. און עס רוישט מיר נאָך היינט אין די אויערן פון זיי. גאַנצע נעכט חלומען זיך מיר נאָר נודניקעס, וואָס זיינען מיר

באַפאַלן און האַלטן אין ריידן צו מיר, זיי לאָזן מיך ניט אָפּ. הייב איך זיך אָן ראַנגלען מיט זיי, שרייען, זיך וואַרפן אויף זיי מיט אַלע כוחות, דערהערט מיין יידענע אַז איך מאַטער זיך מיטן שלאָף. וועקט זי מיך אויף. זי וויים שוין. אָבער איך האָב מורא ווידער איינצושלאָפן, טאָמער באַפאַלן מיר נאָך אַמאָל די נודניקעס.

אַז עס איז געקומען אויפן צווייטן יאָר צו בוקן אַ האַלידיי אין אַ האָטעל, האָב איך פאַרלאַנגט אַז עס זאָל אַרייַנגעשריבן ווערן אַ פונקט: אַ טיש נאָר פאַר צוויי פּערזאָן.

האַ? איר שווייגט אויך — איר הערט גאָר ניט וואָס איך רייד!

אונדזער
קולטור קלייזל

ווי צו פייערן דעם 20-טן יאָרטאָג פון יונ״אָ

(אויף אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו פון ד.א. ייד. ק. פ.)

מענדל טאַבאַטשניק

ווי צו פייערן דעם 20טן יאָרטאָג פון יונאַ

(אויף אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו פון ד״א יידישע קולטור־פעדעראַציע)

תּיכף נאָך פּסח, ווי נאָר ס׳הייבן אָן בלאָזן קאַלטע ווינטעלעך אין יאָהאַנעסבורג און מענטשן זיצן מער אין דער היים, האָט די עקזעקוטיווע פון דרום אַפריקאַנער יידישער קולטור־פעדעראַציע זיך אויך געזעצט צו אַ זיצונג, וואָס איז דרינגנדיק צונויפגערופן געוואָרן. אויפן סדר היום איז געשטאַנען בלויז איין פראַגע: דער 10 יאָריקער יובילֵיי פון יונאַ, וואָס פאַלט אויס דעם 20טן יוני. געווען זיינען אפילו סקעפּטיקער וועגן אַזאַ קורצן יובילֵיי, ווייל די קולטור־פעדעראַציע איז געוווינט צו פּראַוון יובילייען פון קיילעכדיקע 100טער, 200טער און אפילו טויזנט יאָר (צו קיין מיליאָן האָבן זיי נאָך ניט דערגרייכט...), איז אויסגעקומען ביי זיי אַז ס׳איז נאָך צו פרי. אָבער מ׳האָט זיך צוזאַמענגעקליבן צו באַהאַנדלען דעם פּונקט, ווייל עס זיינען דערגאַנגען ניט קאָנטראָלירטע קלאַנגען, אַז דער פּרעזידענט פון דער יונאַ האָט בדעה צו שיקן אַן איינלאַדונג צו דער קולטור־פעדעראַציע — איז דאַרף מען באַשליסן פון וועמען וועט אין אַזאַ פאַל באַשטיין די דעלעגאַציע. ווייל איר דאַרפט וויסן, אַז אין עקזעקוטיווע פון דער קולטור־פעדעראַציע דיסקוטירט מען ניט נאָר פאַקטן נאָר אויך „טאַמערס״.

אַז מ׳האָט זיך אויסגעזעצט אַרום גרויסן נאָך לײדיקן טיש, האָט דער פאָרזיצער דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיט זיין האַנט איבערן טיש, ווי דער שמש אַ מאָל אין שטעטלשן בית מדרש, און איבערגעגעבן דאָס וואָרט צו ראובן מאָסענזאָן, דעם בעל־הפאָרשלאַג, און ער האָט אַרויסגעלייגט זיינע מאָטיוון בזה הלשון:

„היות די יונאַ איז אַן אָרגאַניזאַציע פון פעלקער, וואָס באַשטייען פון פאַרשיידענע ראַסן פון אַ מיתה משונה געמיש פון ווייס, שוואַרץ, געל און רויט — און אויב זי האָט געקענט אויסהאַלטן 10 יאָר איז זי איינע פון די וועלט־וווּנדערס, ווי אַ שטייגער אונדזער קולטור־פעדעראַציע, און איז באַרעכטיקט צו פּראַוון אַזאַ קליינעם יובילֵיי ווי 10 יאָר. און היות

ס׳האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן קלאַנגען, אַז מיר וועלן זיין געלאדן צו דער פּייערונג, וואָלט געוועזן אַ יושר אַז מיר זאָלן שיקן אַ באַדייטנדיקע דעלעגאַציע. און וועגן דעם טאָקע זיינען מיר זיך היינט צוזאַמענגעקומען — באַשליסן פון ועמען די דעלעגאַציע זאָל באַשטיין, מי ומי ההולכים?

דער פּאָרזיצער קלאַפּט ווידער מיטן פויסט איבערן טיש, איינצושטילן דעם טומל.

„חברים און פריינד״, שרייט ער, „ווער וויל זיך אַרויסזאָגן וועגן פאָרשלאַג?״

אַלע הענט האָבן זיך אַ הייב געטאָן, אַלע ווילן ריידן די ערשטע, צוזאַמען, אין אַ כאָר. שרייט מען אַריבער איינע די אַנדערע. אָבער אַז דעם פּאָרזיצער איז געלונגען איינצושטילן די געמיטער, האָט באַקומען דאָס וואָרט לייבל גערמאַן. ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס און די גאַנצע צייט געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף מאָסענסאָנען:

„מיך וווּנדערט אויף הער מאָסענסאָן, וואָס האָט גאָר געהאַט די העזה אַריינצוטראָגן אַזאַ אומדערהערטן פאָרשלאַג. וואָס אַ שטייגער האָבן מיר צו טאָן מיט אַזאַ פאַשיסטיש רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע ווי די יונאָ, וואָס פּרעדיקט מלחמה אַנשטאָט שלום. דאָרטן זיצן דאָך מלחמה־מאנגערס, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכע ניט געזען — די אמתע „באסקעטס״! וואָס פאַראַ מחותנים זיינען מיר, אַ פּרידלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציע, מיט די פּאָליטיק־מאַכער און רעליגיעזע פאַנאַטיקער פון יונאָ. עס וועט זיין אַ גוואַלדיקער פאַרברעכן, אויב די קולטור־פעדעראַציע וועט זיך אַנשליסן צו אַזאַ נידערטרעכטיקן טאַט און שיקן אַ דעלעגאַציע אַהין. מיר וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דרום אַפריקאַנער יידנטום. עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע צו זיצן מיט זיי ביי איין טיש. זאָלן זיי זיך דאָרט אַליין שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, די פינצטערע רעאַקציאָנערן מיט דער אַטאָמישער באָמבע. אונדזער פוס טאָר זייער שוועל ניט באַטרעטן, און דעריבער איז דער קעגנפאָרשלאַג: גלייך אַראָפּנעמען די פראַגע פון סדר היום״.

דער פּאָרזיצער גיט דאָס וואָרט צו כאַצקל דראַכמין. ער רופט אויס: חבר דראַכמין!

„איך קען ניט פאַרשטיין פריינד גערמאַנען פאַר וואָס ער איז אַזוי שטאַרק אַנגעפאַלן אויף דער יונאָ. איך זע ניט אַז די פּאַראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אַזוי שלעכט, ווי פריינד גערמאַן האָט איר דאָ כאַראַקטעריזירט״.

לייבל גערמאַן רייסט איבער: „שטרענגט זיך אָן וועט איר שוין פאַרשטיין״.

„ניין, איך וועל נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין״. ענטפערט דראַכמין: „אָט לאָמיר טאַקע אָנהייבן פון בראשית פון דער יונאָ. ווער אויב ניט די יונאָ האָט גלייך די ערשטע פאַר יאָר פון איר עקזיסטענץ געשאַפן מדינת ישראל? און דאָס אַליין באַרעכטיקט דאָך אונדזער באַטייליקונג אויף איר יובילײ פון 10 יאָר. דעריבער לייג איך פאָר אַז די יידישע קולטור־פעדעראַציע זאָל שיקן אַ גרויסע דעלעגאַציע און איך בין דער ערשטער וואָס שטעל אַרויס מיין קאַנדידאַטור. מיך וועט ניט אַרן צו פאַרטרעטן די קולטור־פעדעראַציע״.

פרידביין רופט אויס איבעררעאַשט: „היר, היר״. גערמאַן כאַפּט אויף דעם רוף און פאַרטייטשט אים אויף זיין שטייגער: „האָט איר שוין אַזעלכעס געהערט, נאָר ישראל...״

דער פאָרזיצער טוט ווידער אַ קלאַפּ מיט דער פויסט און רופט אויס: „דאָס וואָרט באַקומט חבר טויבין״.

„מיך וווּנדערט וואָס פריינד גערמאַן טראָגט אַריין פּאָליטיק אין אַזאַ פראַגע. איך בין מיט אים מסכים, אַז די קולטור־פעדעראַציע איז אַפּאָליטיש, אָבער פייערן אַ 10 יאָריקן יובילײ פון יונאָ איז דאָך אויך ניט קיין פּאָליטישע אונטערנעמונג. מ׳וועט דאָרטן זיכער ניט הערן קיין רעדעס וועגן מלחמות און אַטאָמישע באָמבעס, נאָר ס׳וועט אויסקומען צו פאַרברענגען מיט גרויסע פערזענלעכקייטן אין אַ פריינדלעכער אַטמאָספער. אָט קען גאָר פּאַסירן, אַז אונדזער דעלעגאַציע זאָל זיצן ביי איין טיש מיט אַנטאָני אידן פון ענגלאַנד, דאַלעס פון אַמעריקע, נערו פון אינדיע, און אויב ס׳וועט זיך צוזעצן צום טיש חבר מאַלאָטאָוו, וועלן מיר אים חלילה אויך ניט אָוועקטרייבן. כ׳האַלט אַז די דעלעגאַטן אונדזערע וועלן זיך דאָרט פילן גאַנץ באַקוועם און דעריבער בין איך פאַר

דעם פאָרשלאָג. איך וועל געוויס זיך ניט אָנטזאָגן צו פאַרטרעטן אונדזער קולטור־פעדעראַציע, נאָר מיט איין תנאי: אַז איך וועל אויסגעקליבן ווערן זאָלן די רייזע־הוצאות געדעקט ווערן אין פול, כ'מיין צוזאַמען מיט די אַנדערע אויסגאַבן וואָס כ'וועל מאַכן, ווי רעפּרעזענטאַנץ א״א. פאַר איינוועגס, אגב, וואָלט איך שוין אויסנוצן די געלעגנהייט און געהאַלטן פאַר דעם פּלענום פון יונאַ מיין טיפזיניקן רעפעראַט, וואָס איך גרייט שוין 37 חדשים, וועגן דער ווירקונג פון הײַ־פּיוער אויף דער פּסיכאָ־פיזיאָלאָגיע פון קליינגעוואַקסענע מאַנצבילן. דער רעפעראַט איז עלול צו מאַכן אַ וועלט־רעוואָלוציע אין דער פאָרשונג פון דער גרויסקייט פון קליינעם מאַן״.

דער פאָרזיצער מעלדעט הויך אויף אַ קול: „דאָס וואָרט האָט חבר שולזאָן״.

„חבררררים!״ רופט שולזאָן אויס און דריקט שאַרף און לאַנג אויף דעם אות ריש. די פּסיכאָלאָגן אין דער קולטור־פעדעראַציע האַלטן, אַז דאָס איז אַ קאָמפּלעקס קעגן פאַרשטאָרבענעם גענעראַל סמאַטס, וואָס האָט זיך פאַרקויפט צו די ציוניסטן און פלעגט ריידן מיט אַ כאָרכלדיקן ריש. אים צו להכעיס און אַלע ציוניסטן רעדט שולזאָן דווקא מיט אַ שאַרפן ר. „חבררררים!״ חזרט ער איבער נאָך אַ מאָל מיט מער דרוק אויפן ריש און מיט מער פּאַטאָס. „די אַטמאָספער דאָ ווערט דאָך שוין באַלד אומדערטרעגלעך. די קולטור־פעדעראַציע, ווי איך זע לויט די רייד, ווערט אַ קלייזל פון ענגן נאַציאָנאַליזם. מען וועט שוין דאָ באַלד מאַכן אַ מנין, ווי חבר גערמאַן זאָגט, מחדש צו זיין די לבנה. מיר טאָרן ניט מסכים זיין מיט די חברים דראַכמין און טויבין, וואָס ווילן אונדז אַריינשלעפּן אין דער ציוניסטישער יונאַ. און טאַקע וואָס איז זייער כוונה? ניט אַנדערש אַז די ק״פ, וואָס אירע הויפּט־צילן זיינען אויסשליסלעך יידישע קולטור, ווילן זיי פאַרוואַנדלען אין אַ מלחמה־מעכאַניזם. עס פעלט בלויז אַז מיר זאָלן אָנהייבן פּראָדוצירן אַטאָמישע באָמבעס און זיך לאָזן חרוב מאַכן אַ וועלט. וואָלט נאָך די יונאַ געהאַט אַן אָפּטיילונג פון דער ק״פ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט יידיש־וועלטלעכע קולטור־פּראָבלעמען,

קען איך כאָטש פאַרשטיין די שייכות אונדזערע מיט יונאַ, אָבער אַזוי איז עס באמת אַן אומזין צו באַהאַנדלען די היינטיקע פראַגע. מיר טאָרן זיך ניט אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק און שיקן אַ דעלעגאַציע צו די פּאַשיסטן דאָרט אין ניו יאָרק. דעריבער בעט איך די פראַגע אַראָפּנעמען פון סדר היום און שליסן די זיצונג".

גערמאַן קוקט מיט טריאומף אויף דראַכמינען מיט טויבינען.

דער פאָרזיצער מעלדעט אַז נאָך אַ פּאָר חברים זיינען פאַרשריבן צום וואָרט און דעריבער וועט עס זיין ניט דעמאָקראַטיש צו שליסן שוין די זיצונג. ער רופט: „חבר וויין, איר האָט אַ וואָרט, אָבער כ'בעט אייך האַלט זיך קורץ".

„חברים! כ'וועל פרווון זיין קורץ, אויב איר וועט מיר ניט איבעררייסן. עס וועט אפשר אויסקוקן קאָמיש, אָבער דאָס מאָל בין איך אין גאַנצן ניט מסכים מיט די חברים גערמאַן און שולזאַן. איבערהויפּט האַלט איך, אַז אַזאַ אינסטיטוציע פון אַ סך פיינע באַלעבאַטים ווי ס'איז די יונאַ — און זי איז ניט ערגער, מיין איך, פון אונדזער באָרד אָוו דעפּיוטיס — טאָר מען ניט איגנאָרירן. איך מיין אויך, ווי מאָסענזאָן, אַז די יונאַ האָט געקאָנט אויסהאַלטן 10 יאָר, זייענדיק אָנגעפירט דורך אַ מישמאַש פון פעלקער, איז זי באַרעכטיקט צו מאַכן אַ יובילײ, און מ'דאַרף יאָ שיקן אַ דעלעגאַציע. אָבער איך בין אויך ניט מסכים מיט די חברים דראַכמין און טויביק, וואָס ווילן מאַכן שבת פאַר זיך און שלאָגן שוין פאָר זייער קאַנדידאַטור. איך מיין אַז מיר מוזן האַנדלען דעמאָקראַטיש. אָט איך, למשל, האָב נאָך דערווייל ניט קיין דירעקטיוון פון מיין אָרגאַניזאַציע, ווי דער פאָרשטייער פון פוילישן יידנטום אין דרום אַפריקע, קום איך זיך היינט אַליין ניט פאָרלייגן ווי אַ קאַנדידאַט, נאָר בעט אָפּלייגן די פראַגע אויף אַ קומענדיקער זיצונג און דאַן וועל איך קומען מיט אַ מאַנדאַט פון די כעלמער און זיך פאָרלייגן צו פאָרן צו דער יונאַ־פייערונג. חוץ דעם לייג איך פאָר, אַז מ'זאָל איינלאַדן צו דער זיצונג אַ פאָרשטייער פון דער שול־פאַרוואַלטונג, ווייל אונדזער יידיש־ניט־ריידנדיקע יוגנט האָט געוויס אַ שייכות צו יונאַ. אונדזער יוגנט איז, לויטן אַלטן און נייעם

בונדישן ציל, דער פונדאַמענט פון אַ צוקונפטיקער יושרדיקער וועלט און אַזאַ פראַגע קען מען ניט אָפּפטרן אָן אַ פאַרשטייער פון די קינדער פון דער פאָלקשול. דעריבער מוז מען אָפּלייגן די פראַגע אויף אַ צווייטער זיצונג, ווו איך וועל פאַרשלאָגן מיין קאַנדידאַטור און האָף צו קענען פאָרן אויף אייגענע הוצאות צום יובילייִ פון יונאַ״.

צמח ראַזין טראַגט אַריין אַ פאַרשלאַג צו שליסן די דעבאַטן פאַר היינט.

ישראל זאַנגוויל איז קעגן. פּראָטעסטירט. ער האָט וואָס צו זאָגן וועגן יונאַ־יובילייִ און ער איז פאַרשריבן צום וואָרט.

מאַסענזאָן נעמט זיך אָן פאַר ישראל זאַנגוויל און שרייט אַז מ׳קען קיינעם נישט פאַרמאַכן דאָס מויל. יעדער וואָס וויל זיך אַרויסזאָגן וועגן אַזאַ וויכטיקער פראַגע האָט פולע רעכט. חוץ דעם וויל ער אַליין נאָך אַמאָל עפּעס צוגעבן.

צמח ראַזין שניידט אים אָפּ: „אַז מ׳וועט מוזן כסדר אויסהערן אייערע אַלע חכמות וועט זיך די זיצונג פאַרציען ביז דער האָן וועט קרייען״.

זאַנגוויל שרייט אַריין אין טומל: „וואָס טוט זיך דאָ? ווי נאָר ס׳קומט צו אַ וויכטיקער פראַגע האָבן נאָר אַ פּאָר פּריווילעגירטע, סקאַרבאָווע רעדנער דאָס פולע רעכט צו ריידן און די אַנדערע פאַרשטומט מען. וואָס הייסט שליסן איצט די דעבאַטע, ווען נאָך אַנדערע ווילן זיך אַרויסזאָגן? וואָס מיינט עס, חבר צמח?״

צמח ראַזין הערט אָבער ניט די פראַגע פון זאַנגווילן, ווייל דער טומל און געפילדער פילט אָן די גאַנצע שטוב. איינער וויל איבערשרייען דעם צווייטן און אַלע ריידן צוזאַמען. דער פאָרזיצער קלאַפּט מיטן פויסט אין טיש און שרייט: „חברים, איר האָט קיין וואָרט ניט!״ אָבער קיינער הערט אים ניט. ער שרייט מיט די לעצטע כוחות: „חברים! כ׳בעט זיך באַרואיקן, אַנדערש וועל איך שליסן די זיצונג״.

דער סטראַשונעק האָט געווירקט. אָבער ווי נאָר ס׳איז שטיל געוואָרן האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר און אַ פּאָר אויטאָמאָביל־לאָמפּן האָבן

אַריינגעגלאָצט דירעקט אין צימער. מיט אַ געליאַרעם האָט זיך אַריינגעריסן זלמן לבון. אַלע האָבן זיך דערלאַנגט אַ וואָרף צו אים: וואָס האָט פּאַסירט? איז פאַראַן נייעס?

„גאָר וויכטיקע נייעס!" האָט לבון פייערלעך געמאָלדן און ווידער איז אין צימער שטיל געוואָרן. „חברים! עס זיינען נאָר וואָס דערהאַלטן געוואָרן איינלאַדונגען פון יונאָ צו יאָהאַנעסבורגער יידישע אינסטיטוציעס און מיר איז קוים געלונגען אויסצוגעפינען ווער זיי זיינען". זיין קול ווערט געהיימנישפול.

דער פאַרזיצער בעט זיך ביי אים:

„ציט ניט די עצמות, זאָגט שוין ווער זיינען זיי. מיר זיינען דאָך אוודאי אויך איינגעלאַדן".

זלמן לבון שלעפּט אַרויס אַ צעקנייטשט פּאַפּירל און אַלע האַלטן איין דעם אָטעם. ער וויקלט לאַנגזאַם פאַנאַנדער דאָס שטיקל פּאַפּיר און לייענט אַרויס: חברה קדישא און מושב זקנים.

„און אָן אונדז האָט מען פאַרגעסן?" שרייט אויס דער פאַרזיצער.

„ניין, ניט פאַרגעסן. ס'איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע (לייענט): מיר טוען זייער שטאַרק באַדויערן, וואָס מיר קענען אייך צום 10 יאָריקן יובילייִ ניט שיקן קיין איינלאַדונג, ווייל ס'איז פאַראַן אַ גרויסער דוחק אין פּלעצער.

צמח ראָזין פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער.

דראַכמין: „איך צי צוריק מיין קאַנדידאַטור".

טויבין: „איך שליס זיך אָן אָן אהרונען".

לייבל גערמאַן: „ברוך שפטרנו!"

שולזאָן: „אמן!"

פאַרזיצער: „איך דערקלער די זיצונג פאַר געשלאָסן".

דער עולם לאָזט זיך אָן אויפגעהייטערטער צום אַרויסגאַנג.

איך ווער אַ רעדאַקטאָר
פון אַ לעבעדיקע צייטונג

(עפּיזאָד דערציילט פון
דעם בעל דבר גופא)

ליבע צוהערער פון אונדזער היינטיקער לעבעדיקער צייטונג. דערמיט האָב איך דעם כבוד צו דערקלערן די צייטונג פאַר לעבעדיק. שטויסט איר זיך דאָך שוין אָן אוודאי, אַז איך בין דער רעדאַקטאָר און עס וווּנדערט אייך מיסתמא, ווי אַזוי קום איך דערהייבן צו ווערן צו אַזאַ רעדאַקטאָר־מדרגה. וועל איך אייך טאַקע גלייך אויף אַן אָרט אַלץ מסביר זיין. איך טו עס טאַקע מיט דער אויסדריקלעכער כוונה, כדי איר זאָלט אַלע וויסן און זען אַז איך בין אין דעם גאַנצן ענין פון ווערן אַ רעדאַקטאָר, גאָט די נשמה שולדיק. איך וואָלט קיין מאָל ניט געהאַט די העזה און ניט געחלומט אפילו, אַז איך זאָל באַקרוינט ווערן מיט אַ רעדאַקטאָר־טיטל און נאָך פאַר אַזאַ צייטונג ווי די היינטיקע — אַ לעבעדיקע צייטונג! אָבער איר זעט דאָך מיין מערכה: איך האָב זיך אונטערגענומען און איך מוז עס דורכפירן.

וויל איך אייך טאַקע דערציילן בקיצור, ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט געקענט געשען. און איר מוזט עס אויסהערן פון אַלף ביז תיו, אפשר וועט עס אייך אַמאָל צוניץ קומען. איבערהויפּט אָבער דאַרפן זיך צוהערן די, וואָס קענען חלילה פאַרפלאָנטערט ווערן אין אַזאַ נעץ פון רעדאַקטאָרסטווע און וועלן דאַרפן אין דער צוקונפט אַמאָל, די שעה, די רגע זאָל ניט זיין, זיך עוסקן אין צונויפשטעלן אַ לעבעדיקע צייטונג. נאָך אייער אויסהערן די געשיכטע וועט איר שוין האָבן אַ פּאַרטיקן רעצעפּט.

און איצט לאָמיר אייך דערציילן ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט:

אין אַ שיינעם נאָך מיטאָג, זיצנדיק ביי אַ פריינד אין הויז און געמיטלעך פאַרברענגענדיק אין דער געזעלשאַפט פון גאַנץ שיינע ווייבלעך, גיט זיך אַ פּראַל אויף די טיר און אַ מענטש שטורעמט אַריין. פאַרויס באַלויכטן אים דעם וועג אַ פּאָר אויטאָמאָביל לאָמפּן און אין זייער ליכט האָב איך גלייך דערקענט דעם חבר זלמן קאָהען און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו באַגריסן עמעצן האָט ער גלייך אַ שאָט געטאָן אויף מיר זיין מענה־לשון:

„הער נאַר, דו שלימזל איינער, וואָלסט אפשר אַ בעלן געווען צו

ווערן דער רעדאַקטאָר פון דער לעבעדיקער צײַטונג, וואָס מיר גרייטן צו אויף דינסטאָג אָוונט?״ און לשם אינטערעס גיב איך אײַך איבער דעם גאַנצן דיאַלאָג, וואָס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען, כּלשונו, וואָרט בײַ וואָרט.

איך: „אַ רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג? אַ, יאָ! כ׳מיין, מהיכי תּיתי, כ׳וואָלט טאַקע זייער חשק האָבן זיך אַרויפצואַרבעטן אויף אַזאַ „דזשאָב״. אָבער, ברודערקע, אַ רעדאַקטאָר דאַרף דאָך עפּעס קענען, זײַן געניט אין די שוואַרצע פּינטעלעך. כ׳מיין...

ער (רײַסט מיר איבער): „נאַפּליעוואַט! דאָ האַנדלט זיך דאָך ניט פון אַ טויטער צײַטונג, נאָר פון אַ לעבעדיקער ממש — און אַזאַ רעדאַקטאָר דאַרף קיין סך ניט וויסן און גאָר ניט קענען. דאָס איז שוין אַ כּלל, ווײַל וואָס ווייניקער ער קען אַלץ געזינטער און בעסער איז פאַר דער צײַטונג. טאָ וואָס זשע ווערסטו איצט זאָגן?״

איך: „אויב אַזוי איז עס דאָך אָנגעמאָסטן פאַר מיר. אין אַזאַ „דזשאָב״ פּאַס איך זיך אַרײַן און איר קענט גאָר קיין בעסערן ניט קריגן, אָבער...״

ער (רײַסט מיך ווידער איבער): „וואָס איז שוין ווידער פאַר אַן אָבער?...״

איך: כ׳מיין... אַ רעדאַקטאָר דאַרף דאָך וויסן וואָס זײַנע מיט־אַרבעטער ווילן שרײַבן און צי זיי קענען בכלל נעמען אַ פּעדער אין האַנט אַרײַן, און וואָס פאַר אַ מין שרײַבעכץ זיי וועלן דאָרט אָנפּאַטש־קענען. כ׳מיין, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף זיך פאַראינטערעסירן מיט די מיטאַרבעטער.

ער: „פּרא אדם! וואָס ברעכסטו זיך דײַן קאָפּ וועגן אַנדערע, זאָלן זיך דײַנע מיטאַרבעטער פאַרדרייען זייערע אייגענע קעפּ. וואָס איז עס דײַן קאָפּ־ווייטיק ווער דײַנע שרײַבער זײַנען און וואָס זיי זײַנען, אַ שאָד דײַן געזונט, גלייב מיר, כ׳בין דיר קיין שונא ניט״.

איך (האַלט אים פאַרן אַרבל): „און טאָמער טויג זייער שרײַבעכץ אויף אַ גוטער כּפּרה, וועמען וועט מען באַשולדיקן אויב ניט מיר, האַ? אַ פײַנער רעדאַקטאָר...״

ער (שטופּט מיר מיט זיין עלנבויגן אין זייט): „בהמה וואָס דו ביסט! בהמה בצורת פערד! וואָס איז עס דיין עסק אויב איינער, צוויי אָדער אפילו גאַנצע דריי וועלן טויגן אין דר׳ערד. זאָל דער חשובער עולם זיך מיט זיי אָפּרעכענען. פאַרלאָז זיך אויף אונדזערע פיינשמעקער, טאָמער איינער שנאָרכעט אין מיטן לייענען, איז אַ סימן אַז די צייטונג איז שוין גאָר ניט לעבעדיק, און טאָמער פאַלט עמעצער חלילה אין חלשות, אָדער טאָמער שפּרינגט עמעצער, אַן אינטעליגענט, אַרויס און צעמזיקט דעם שרייבער, האָב איך קעגן דעם זיך לכתחילה באַוואָרנט און ס׳איז גיטאָ זיך וואָס צו באַאומרואיקן; איך זאָל וועט דיזשורירן אַ דאָקטאָר מיט גיכע הילף...״

איך (קראַץ זיך אין פּאַטילניצע און קוועטש מיט די פּלייצעס): כ׳ווייס... זאָג מיר נאָר, אויב אַזוי דאַרף מען אפשר אין גאַנצן ניט קיין רעדאַקטאָר. וועט אפשר אַמאָל זיין גענוג דער דאָקטאָר אַליין... ווייסט דאָך, פּאָר קלעפּ האָב איך מורא...״

ער (שוין אַרויס פון די כלים): „פּרא אדם! דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? דו ביסט אַ טשעמפּיאָן נודניק. ווען מען זאָל צונויפנעמען אַלע נודניקעס פון דער קולטור־פעדעראַציע וואָלסטו געקומען דער ערשטער. אַ רעדאַקטאָר איז ניט קיין דאָקטאָר — אַ רעדאַקטאָר מוז מען האָבן. און וואָס האָסטו געוואָלט, אַז דער אומשולדיקער דאָקטאָר זאָל גאָר אַריינכאַפּן די פּאַרציע קלעפּ? און וואָס מאַכסטו דאָס אַזוי דעם אָנשטעל און לאָזט זיך אַזוי לאַנג בעטן, אפילו ווען דו זאָלסט אַריינכאַפּן אַ פּאָר קלעפּ איז עס דאָך דערפאַר אַ בכבודיקער „דזשאָב״, ובכן, זיי וויסן, אַז דער רעדאַקטאָר איז ניט מער ווי אַ „טשוטשעלאָ״ אין אַ גאָרטן, להבדיל, און דעריבער ביסטו פאַר דעם „דזשאָב״ אָנגעמאָסטן. נאָך דיינע אַלע רייד בין איך נאָך מער איבערצייגט, אַז דו וועסט אויספירן דיין ראָל אויף גאַנצע 100 פּראָצענט. נאָר איין זאַך זאָלסטו וויסן, טאָמער אַמאָל כאַפּט זיך עמעצער פון עולם אַרויס און פאַרלאַנגט ניט אַנדערש אַז דער רעדאַקטאָר זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער, זאָלסטו זיך טאַקע ניט לאָזן בעטן, נאָר וואָס ווייניקער און וואָס קירצער ריידן, ווייל אַ כלל זאָלסטו האָבן: וואָס לענגער איינער רעדט אַלץ מער נודזשעט

זיך דער עולם און ס׳איז אַ סכנה צו כאַפּן מיט עפּעס אַ „גלעט״ איבערן שאַרבן... כ׳בין דיר געוויס קיין שונא ניט! הכלל, דו ביסט דער רעדאַקטאָר און כ׳ווינטש דיר הצלחה. זיי געזונט און פּאַרקיל זיך ניט ביז אויף מאָרגן נאָך דער לעבעדיקער צייטונג!״

און מיין בעל־דבר איז נעלם געוואָרן אַזוי שנעל ווי ער איז אָנגעלאָפן און איך בין געבליבן פּאַרפּלעקלט מיט דער לעבעדיקער צייטונג. איז ווי איר זעט, רבותי, בין איך היינט דער רעדאַקטאָר און ס׳וואָלט געווען אַ יושר, ווי ס׳פּירט זיך ביי לייטן, אַז איך זאָל אייך דאָ פאָרשטעלן מיינע מיטאַרבעטער, מיין גאַנצן שטאַב פּיסאַטעליעס, אָבער איך האַלט עס פּאַר איבעריק. מיט אַזוינע „נאַנסענס״ האָט מען זיך פאַרנומען אין די אַלטע צייטן, ווען מיר זיינען נאָך געווען יונג, אָבער היינט איז עס פאַרקערט: די צייטן זיינען היינטיקע און דער מינהג אַ פּאַרצייטיקער. וועל איך דעריבער טאָן ווי אין דער מאָדערנער וועלט.

און די מאָדערנע וועלט איז זיך נוהג, אַז מ׳נעמט אַ געהילף־רעדאַקטאָר און פּטור אָן עסק. און איך קען זיך זיכער פאַרגינען צו האָבן אַ „פּאַמאָטשניק״, ווייל איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, בין אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש און קען אַליין ניט נאָכלויפן די מיטאַר־בעטער וועגן מאַטעריאַל, איז בעסער אַז מיין „פּאַמאָטשניק״ זאָל עס טאָן. און כדי צו רעדאַגירן אַ צייטונג דאַרף מען דאָך, ווי איר ווייסט, מאַטעריאַל אויך. און דער גלאַוונער מחותן פון גאַנצן עסק האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט אַז דעם מאַטעריאַל וועט ער מיר אַליין צושטעלן נאָך מיט אַ חודש פריער איידער די צייטונג וועט ווערן לעבעדיק, איז טאַקע דאַנקען גאָט וואָס די שרייבערס האָבן מיטגעבראַכט זייערע שרייבעכצן ערשט ניט לאַנג צוריק, טאַקע אַ פּאָר מינוטן פאַרן אָנהייב, אַז איך האָב נאָך אפילו ניט געהאַט אַ רגע צייט אַריינצוקוקן, אַ לייען טאָן. דעריבער טאַקע, חשובער עולם, לאָז איך איבער יעדן שרייבער צו אייך. איך, אין מיינע רעדאַקטאָרישע פולמאַכטן, גיב איבער יעדן פון די באַטייליקטע צו אייך אין די הענט, און הענט האָט איר פרייע און אויב ס׳וועט זיין נויטיק און איר וועט פילן אַז איר דאַרפט „פּאַטשן

בראַוואָ״ דעם שרייבער, טאָ שרעקט אייך ניט פאַר די קאָנסעקווענצן, ווייל מיין געהילף היינט איז טאַקע דער דאָקטאָר אַליין, וואָס מ׳האָט מיר אים צוגעזאָגט. ער איז אַ באַוווסטער דאָקטאָר און איר קענט זיך אויף אים פאַרלאָזן.

האָב איך טאַקע דעם כבוד אים אייך פאָרצושטעלן און איך גיב איבער דעם גאַנצן ענין — די שרייבער, דעם חשובן עולם, די אַרטיקלען מיט די טראַגעדיעס און הומאָרעסקעס צו מיין „פאַמאַטשניק״, דעם אונטער־רעדאַקטאָר, אונדזער אַלעמענס באַליבטן פריינד ד״ר טרייבל.

די וועלט איז משוגע

(אַ סצענע אין פּאַרק)

(אויף אַ באַנק זיצן צוויי ייִדן: ר׳ געצל — אַ ייִד אַ בייזער, אין די 60, וואָס איז אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט מיט אירע דיפּלאָמאַטן און פירער, און ר׳ נפתלי — אַ ייִד, אַ הדרת־פּנימדיקער, פּיל ייִנגער, מיט אַ קורץ געשוירן בערדל, שוין מער היינט־וועלטלעך).

אויף אַ ברעג באַנק זיצט אַ יונגערמאַן, האַלט אַ נאָטיץ ביכעלע און פאַרצייכנט דעם שמועס, צו וועלכן ער הערט זיך צו).

ר׳ געצל (קאָכט זיך, מאַכט מיט די הענט): איך זאָג דיר, נפתלי, די וועלט איז משוגע געוואָרן, די וועלט איז חסר־דעה. און וואָס וועט זיין דער סוף פון אונדז אַלעמען אויף דער צעדרייטער וועלט, ווייס איין גאָט אין הימל.

נפתלי: גוואַלד, ר׳ געצל, וואָס קאָכט איר זיך אַזוי, וואָס האָט אייך די וועלט געטאָן פאַר אַ שלעכטס? אַ מער לאָזט צורו די וועלט, זי וועט שוין אויסלעבן אירע יאָרן ווי לאַנג ס׳איז איר באַשערט אָן אייערע פאַראַנדקעס.

געצל: אַזוי גאָר, לאָזן צורו די וועלט, זאָגסטו. האָסטו שוין עפּעס אַזוינס געהערט, אַז מ׳זאָל נעמען טאַטעס פון קינדער, זיי אַריינקוועטשן אין אַזאַ משונהדיקע באָקס און אַרויפשיסן זיי, ניט מיר ניט דיר, אין הימל אַריין, הונדערטער און טויזנטער מיילן אַוועק פון דער היים, כדי זיי זאָלן זיך דאָרט אַרומדרייען גאַנצע וואָכן ?

נפתלי: איז וואָס זשע אַרט עס אייך, ר׳ געצל, אַז זיי דרייען זיך אַרום דער ערד, טוען זיי אייך עפּעס שלעכטס דערמיט?

געצל: וואָס אַרט עס מיר? איך ווייס וואָס מיר אַרט. מילא, אַז מיר דרייען זיך אַרום אויף דער ערד, זוכן מיר דאָך צו מאַכן אַ לעבן, אָבער צו וואָס דאַרף זיך אַ מענטש אַרומדרייען אַרום דער ערד? אסור

אויב איך קען עס פאַרשטיין. אַזאַ זאַך איז זיך נאָך קיין מאָל ניט פאַרלאָפן זינט די וועלט האָט אַ קיום.

נפתלי: פון וואַנען ווייסט איר, ר׳ געצל, אַז אַזאַ זאַך איז זיך קיין מאָל ניט פאַרלאָפן אויף דער ערד? ס׳איז פאַראַן אַ יש אומרים, אַז עס האָבן שוין יאָ געטראָפן אַזוינע זאַכן, און ניט איין מאָל. עס זיינען שוין געווען אַזוינע וועלטן פאַר אונדז און זיי זיינען חרוב געוואָרן, און מיט אונדז קען אויך טרעפן דאָס זעלבע.

געצל: אַזוי, אַזאַ חכם ביסטו. איז אויב דו ביסט שוין יאָ אַזוי קלוג, טאָ דערקלער מיר טאַקע מיט דיין גאונישער חכמה, וואָס זוכן זיי דאָרט אַרום אין די הימלען — דעם נעכטיקן טאָג? זאָלן זיי צורו לאָזן די הימלען, דו הערסט? — השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם. די ערד איז אייערע, טאָ רייסט זיך דאָרט, פליקט זיך דאָרט און פאַרדרייט זיך דאָרט די קעפּ איינע די אַנדערע, אָבער וואָס האָט איר צו קריכן אין די הימלען?

נפתלי: זייט ניט קיין נאַר, ר׳ געצל. איר זייט דאָך גאָר אַן אַלט מאָדישער מענטש. מיסתמא טוען זיי דאָס צוליב אַ געוויסן ענין, פאַרלאָזט זיך אויף זיי. ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט עפּעס אין זינען, וואָלטן זיי ניט געפּטרט סתם אין דער וועלט אַריין אַזוי פיל געלט. איר שפּילט זיך וויפל עס קאָסט אָפּ אַזאַ געשעפטל, הלוואי פאַרמאָגן מיר עסביידע און נאָך מיט אַ שותף דערצו.

געצל: אַזוי, מער ווי דאָס פאַרלאַנגסטו ניט? אַזאַ מאַיאָנטעק וואָלסטו טאַקע וועלן האָבן? און מיך זאָל גאָט אויסהיטן פון אַזאַ פאַרמעגן. מ׳קען דאָך משוגע ווערן. וואָס קען מען טאָן מיט אַזאַ פאַרמעגן? צעטיילן — דאַרף מען דאָך האָבן אַ האַרץ פאַר דעם. דו האָסט כאָטש אַ באַגריף וויפל אַמעריקע לייגט דאָס אַריין אין דעם הימלשן עסק — מאַיאָנטקעס מיט געלט. דו קענסט דען באַגרייפן וואָס עס קאָסטן

אַפּ אַזעלכע מאַשינעס צו קענען קאָנטראָלירן וואָס די פליער טוען דאָרטן אין דער הייך?

נפתלי: איך האָב געהערט אַז זיי האָבן דאָרט אפילו אַזוינע מאַשינעס, וואָס קענען פון דער ערד פאַרריכטן ווען עפּעס ווערט דאָרט קאַליע אויבן. עס איז ממש ניסים און ס׳איז שווער צו פאַרשטיין. און נאָר דאָס, ר׳ געצל, מיינט איר האָבן זיי? איך האָב געהערט אַז זיי קענען אפילו פון דער ערד ריידן מיט די פליער אויבן, כאַפּן אַ שמועס, ווי מאַן און ווייב ביי זיך אין דער היים.

געצל: האָט איר שוין געהערט אַזוינס? אוודאי קענען זיי זיך צוזאמענריידן איינע מיט די אַנדערע. ווען ניט דאָס וואָלטן דאָך די אונטערשטע, וואָס זיצן זיך אין וואַרעמע צימערן, ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן, ניט געוווסט ווו זיי האַלטן דאָרט אין דער וועלט מיט די אייבערשטע.

נפתלי: זעט איר שוין?

געצל: נו יאָ, איך קען נאָך פאַרשטיין דעם שכל ווי אַזוי זיי מאַכן דאָס, אָבער אסור אויב איך פאַרשטיי צוליב וואָס מען דאַרף דאָס.

נפתלי: אַז מ׳גיט אויס אַזוי פיל געלטער, ר׳ געצל, מסתמא מוזן זיי האָבן עפּעס אַ נוץ דערפאַר.

געצל: אַ נוץ דערפאַר, בהמה, וואָס פאַר אַ נוץ קענען זיי האָבן דערפאַר? איך קען נאָך פאַרשטיין, אַז מ׳גיט אויס געלטער אויף בויען עראָפּלאַנען, שיפן, האַרמאַטן, ביקסן, אפילו די אַטאָמישע באָמבע וואָס קאָסט אַפּ מטמונים, מיליאָנען און מיליאַסן דאָלאַרן, דאָס אַלץ פאַרשטיי איך נאָך, וועט איין טאָג צוניץ קומען אויף חרוב מאַכן

די וועלט. נו, עס געפעלט זיי ניט די היינטיקע וועלט און זיי ווילן מאַכן אַ סוף צו איר.

נפתלי: און צוריק גערעדט, ר׳ געצל, אייך געפעלט די היינטיקע וועלט?

געצל: ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מיר געפעלט די היינטיקע וועלט? לאָמיר זאָגן, אַז מיר אַליין געפעלט אויך ניט די היינטיקע וועלט, טאַקע אַ האָר ניט, דעריבער וועל איך זיך וואַרפן אויף איר און זי חרוב מאַכן? דו ווייסט וואָס איך וויל דיר זאָגן, נפתלי, ביי מיר זעט עס אַלץ אויס ווי אַ קינדער־שפּיל, אַ קינדער־שפּיל פון גרויסע.

נפתלי: וואָס מיינט איר אַ קינדער־שפּיל?

געצל: וואָס איך מיין? אָט וועל איך דיר זאָגן: האָסט דאָך געזען ווען אַ קינד שפּילט זיך מיט אַ צאַצקע און אַ צווייטער וויל עס ביי אים צונעמען, הייבט מען זיך אָן שלאָגן, דראַפּען און זיך רייסן ביי די האָר ביז דער שטאַרקערער געווינט.

נפתלי: איז וואָס זשע האָט עס דערצו, פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט.

געצל: פון וואַנען זאָלסטו פאַרשטיין, קאָפּ־מענטש? אַ פּשוטער שכל. קינדער קענען זיך ניט צונויפריידן מיט גוטן, ווייל זיי האָבן קיין שכל ניט, אַזוי ווי דו, איז אַנשטאָט רייד, פאַלט מען זיך שלאָגן איינער מיטן אַנדערן, אָבער גרויסע, דערוואַקסענע מענטשן און נאָך פּאָליטישנס דערצו זאָלן ניט קענען דורכקומען צווישן זיך מיט גוטן, טאָ צו וואָס טויגן זיי?

נפתלי: אָבער למה הדבר דומה? אַ קעגן וואָס זאָגט איר עס?

געצל: איך זאָג עס אַקעגן דעם, אַז זיי קענען זיך ניט צונויפריידן מיט

גוטן, אַזוי ווי קינדער, טראַכטן זיי אויס פאַרשיידענע תחבולות אויסצוהרגענען איינע די אַנדערע, מאַכן אַ תל פון דער וועלט. איז איך מיט מיין קליין קעפּעלע קען עס ניט באַנעמען. אדרבה, אפשר טאָקע קענסטו עס מיר דערקלערן, דו ביסט דאָך עפּעס פון די זייעריקע. האַלסטו דאָך אויך מסתמא אַז מ׳דאַרף חרוב מאַכן די וועלט, ניט אַזוי?

נפתלי: ר׳ געצל, די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט ווי איר מיינט. מ׳דאַרף דאָס פאַרשטיין אַ ביסל טיפער, דאַן וועט איר זען, אַז מיט די נייע געווער וויל מען ניט חרוב מאַכן די וועלט סתם אַזוי, נאָר פאַרקערט, פאַרהיטן די וועלט.

געצל: פאַרהיטן די וועלט מיט דער אַטאָמישער באָמבע? חסר דעה!

נפתלי: אָבער לאָזט זיך דינען, ר׳ געצל: איר ווייסט דאָך אַז די ערשטע האָבן עס די אַמעריקאַנער אויסגעטראַכט, די אַטאָמישע באָמבע, איז וואָס האָבן זיי געמיינט דערמיט? זיי האָבן עס אַ וואָרף געטאָן אויף יאַפּאַן, כדי די וועלט און איבערהויפּט די רוסן זאָלן זען וואָס פאַר אַ געשמאַקער מאכל דאָס איז. דאָס איז געווען אַ מין קאַפּוליער אָנצוהערעניש: זעט וואָס מיר האָבן און הייבט זיך ניט אָן מיט אונדז. נאָר טאָמער פאַרדרייט אייער מושל די נאָז און פּרוווט זיך דווקא פאַרמעסטן מיט אונדז אין כוח, וועלן מיר אונטערוואַרפן אַ „קניידעלע" אַזוי ווי ביי די יאַפּאַנטשיקעס — און פאַר אַזאַ „קניידעלע" איז זיך פאַראַן וואָס צו שרעקן.

געצל: נו, און דו מיינסט טאָקע אַז די רוסן זיינען אַזעלכע טרוסן און זיי האָבן זיך דערשראָקן אימת מות פאַר די אַמעריקאַנטשיקעס? האָבן דאָך די רוסן אויך געמאַכט די זעלבע אַטאָמישע באָמבע. און ניט נאָר די רוסן. היינט איז שוין געוואָרן אַ גאַנצער יריד

פון אַטאָמישע באָמבעס אויף דער וועלט: די ענגלענדער, די פראַנ־צויזן, אפילו די כינעזער, האָב איך געליינט ערגעץ, מאַכן שוין אויך אַזעלכע באָמבעס.

נפתלי: צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: איך האָב געהערט, אַז אונדזער ישראל שוויגט אויך ניט, אונדזערע יידעלעך זיצן אויך ניט מיט פאַרלייגטע הענט.

געצל: איז וואָס זשע, פרעג איך דיר, האָט מען אויסגעפירט מיט דעם אַלעם? מען פטרט גאַנצע בערג געלט און מען איניורעט שוין צו געפינען אַ נייע זאַך. צוליב וואָס, פרעג איך דיר, דאַרף מען פטרן אַזאַ געלטעריי?

נפתלי: אָט־אָט־אָט, טאַקע מיט אָט דער פראַגע, ר׳ געצל, זייט איר געקומען צום סאַמע פּאַינט. אָט דעריבער האָבן זיך טאַקע די רוסן מיט די אַמעריקאַנער אַ נעם געטאָן צו די הימלען, ווייל טאָמער חלילה, די שעה זאָל ניט זיין, וועט זיך אָנהייבן דאָס שפּיל: „מיר אַ באָמבע, דיר אַ באָמבע״, דאָס הייסט, איינער וועט אָנהייבן און דער אַנדערער וועט ניט שווייגן, איז דאַך אַ געפאַר אַז די גאַנצע ערד מיט אַלע מענטשן וועלן אומקומען. דעריבער האָבן זיך די גרויסע געלערנטע אַ נעם געטאָן צו די הימלען — זיי ווילן געפינען אַ זיכערן אָרט ערגעץ אויף דער לבנה, אויפן מאַרס, צי גאָר אויף אַ ווייטן פּלאַנעט, וווּ מ׳זאָל זיך קענען ראַטעווען אַהין...

געצל: אויב אַזוי ביסטו דאַך, ווי מיין רבי פלעגט זאָגן, אַ בהמה בצורת פערד. שטעל זיך פאָר אַז אָט איז שוין געוואָרן אַ מלחמה, אַ מיש־מאַש, מ׳וואַרפט אַטאָמישע באָמבעס אַהער און אַהין און די גאַנצע ערד מיט מענטשן, מיט חיות און פייגל, מיט די פיש אין די ימים ווערט איין גרויסער פגר — איז ווער וועט דאַן פליען צו דער לבנה? ווער וועט עס פליען אַז מיר אַלע וועלן גאָר ליגן מיט די פופיקעס אַרויף און זיך פרעגלען אין אַטאָמישן שמאַלץ? עס וועט

אפילו ניט זיין אַ מנין יידן, ווער עס זאָל אונדז ברענגען צו קבר ישראל. אפילו די וויסנשאַפטלער און די פּאָליטישנס וועט די לבנה העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

נפתלי: כ׳בעט אייך, ר׳ געצל, איר מיינט אַז איר זייט שוין דאָס קליגער פון דער גאנצער וועלט, אַז איר זייט מער בריה פון אַלע פּאָליטישנס און דיפּלאָמאַטן, וואָס ווילן זיך לאָזן פירן אין באָד אַריין און וואַרטן ביז די באָמבע וועט זיי אַ קיצל טאָן אין די זייטן, האַ? זייט ניט איינגעשפּאַרט ר׳ געצל, זיי ווילן ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף זייער סוף, ווייל די פירער פון דער וועלט זיינען דאָך ניט קיין חדר־יינגלעך וואָס ווייסן ניט פון חילוק צווישן אמר אביי און אמר רבא. עס זיצן דאָך ביי זיי קאָפּ־מענטשן, מיניסטאָרן און סתם וויסנשאַפטלייט, וואָס מען דאַרף זיי קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן. זייערע מוחות זיינען זיי ניט אויסגעדאַרט און זיי קענען דרייען דעם פסוק אויף אַלע זייטן. און דאָס אויסגעבן מיליאָנען און מיליאַסן דאָלאַרן מיינט איר איז ביי זיי סתם זיך אַזוי, אַ קינדער־שפּיל, האַ?

געצל: עס איז מער ווי אַ קינדער־שפּיל, ס׳איז אַ שפּיל מיטן מלאך המוות. אַז מ׳זאָל נאָר נעמען באַטראַכטן די אַלע זאַכן מיט אַ קלאָרן קאָפּ, ניט מיט דיין פויערישן צעבער, דאַרף מען דאָך שרייען גוואַלד. מ׳נעמט אַזוי פיל מיליאָנען און מ׳וואַרפט אין בלאָטע אַריין, אין דער זעלבער צייט ווען מ׳קען פאַר דאָס געלט קויפן אי ברויט און אי פּוטער און אַנקאָרמענען מיליאָנען הונגעריקע מענטשן אויף דער וועלט. אדרבא, דערקלער מיר דעם שכל היישר פון אַזאַ קרומער פּאָליטיק.

נפתלי: זאָלט איר געזונט זיין, ר׳ געצל, איך זאָל אייך דערקלערן דעם שכל, ווען איך וואָלט געוווּסט דעם שכל פון אַזאַ פּאָליטיק וואָלט איך דאָך אַליין געווען אַ „פּאָליטישן״.

געצל: דאָס איז די צרה מיט די דיפּלאָמאַטן. ווען זיי, די דיפּלאָמאַטן, וואָלטן ניט האָבן וואָס צו עסן, דאַן וואָלטן זיי שוין פאַרגעסן זייער טייוולאָנישן שפּיל וואָס קען חרוב מאַכן די וועלט. גוט, איך וועל דיר שוין נאָכגעבן: זאָל זיין ווי דו זאָגסט, אַז די ערד וועט חרוב ווערן און מ׳וועט זיך אַוועקלאָזן זוכן אַ נייע ערד אויף דער לבנה, אויפן מאַרס און ווער ווייס וואָס נאָך פאַר אַ שלעק מ׳וועט צו־טראַכטן; און איך וועל דיר אפילו נאָך מער נאָכגעבן, אַז אַ טייל פון דער מענטשהייט וועט בלייבן לעבן — כאָטש אַז אָך און ווי צו אַזאַ לעבן — טאָ זאָג מיר טאַקע: ווער וועלן זיי זיין, די איבער־געבליבענע יחסנים? מיינסטו טאַקע אַז נאָר אַמעריקאַנער און רוסן, די וואָס פליען שוין צו דער לבנה און די שטערן? און וואָס איז מכוח אַנדערע פעלקער? צי מיינסטו אַז זיי וועלן זיך סוף כל סוף ניט אויסלערנען די מלאכה פון פליען?

נפתלי: הערט איר, ר׳ געצל, וואָס איר רעדט? דערווייל האָבן נאָך ניט די רוסן און ניט די אַמעריקאַנער געוואונען דעם פלי צו דער לבנה. און אין דעם גייט זיי דאָך — צו זיין די ערשטע. ס׳איז אַ געיעג, ווער עס כאַפּט אָדער וועט פאַרכאַפּן פריער די לבנה דער וועט עס געווינען און האָבן.

געצל (אין כעס): פערד בצורת חמור! געווינען! וואָס געווינען און ווען געווינען? לאָמיר זיך שוין פאָרשטעלן אַז איינער פון זיי, נאָמיר זאָגן די רוסן, קומען די ערשטע צו דער לבנה, מיינט עס שוין אַז זיי האָבן פאַרכאַפּט די גאַנצע לבנה? אויף מאָרגן וועלן אַראָפּקומען די אַמעריקאַנער און וועלן פאַרכאַפּן אַן אַנדער שטיקל לבנה און עס וועט זיך ווידער אָנהייבן דאָס זעלבע שפּיל ווי אויף דער ערד: אַ מלחמה אויף דער לבנה צווישן די אַמעריקאַנער מיט די רוסן, אָדער מ׳וועט זיך סתם אַרומרייסן פאַר גאַרניט, אַזוי ווי אויף דער ערד. און דאָס אַלץ איז געשמועסט, אַז אויף דער לבנה וועט מען געפינען בעסערע וויגאַדעס ווי אויף דער בידנער ערד. אָבער לצים

זאָגן גאָר, אַז אויף דער לבנה איז ניטאָ ניט קיין וואַסער, ניט קיין פּייער און אפילו ניט קיין ביסל לופט צום אָטעמען. פרעג איך דיר טאַקע: איז עס אַלץ כדאַי צוליב אַ שטיק תוהו ובוהו, אַ לבנה אָן לייב און אָן לעבן? ניין, ביי מיין געזונט, ניט כדאַי!

נפתלי: וואָס, ר׳ געצל, איר טראַכט נאָך צי דאָרט איז תוהו ובוהו? געוויס! די וויסנשאַפטלער האָבן עס שוין לאַנג באַשטעטיקט — דאָרט אויף דער לבנה איז גאָלע מידבר און קעלטן.

געצל: נו, איז וואָס טאַקע זאָג איך? איז דען פאַראַן אַ שכל אין נעמען און חרוב מאַכן אַזאַ שיינעם פּאַרק מיט גרינעם גראָז, ווי דער וואָס מיר זיצן דאָ יעדן טאָג? זע, דו שוטה בן פּיקהאָלץ, די בליענדיקע און שמעקענדיקע ביימער און בלומען, די סווישטשענדיקע פייגעלעך וואָס זינגען שירה צום רבונו של עולם — ווו וועט עס אַלץ אַוועק? און די הייזער און ברייזער פון יאָהאַנעסבורג, מיט די שיינע גערטנער און די שמעקענדיקע ראָזעס און בלומען מיט די ליכטיקע סווימינג פולס פון האאוטן עסטייט, וועט מען דאָ אַלץ לאָזן אויף גאָטס באַראָט און איינשטעלן די לעבנס און פליען צו אַ מידבר?

נפתלי: וואָס ווילט איר פון מיר, ר׳ געצל, איך פלי נאָך ניט. איך זיץ נאָך דערווייל דאָ.

געצל: איך פרעג דיר. ווילסט מיר אפשר איינריידן, אַז עמעצער וועט איינשטעלן זיין לעבן אין סכנה און פליען צו דער לבנה אויף אַ פּיקניק. די רוסן מעגן פאַרגעסן צו קריגן דאָרט כאַטש אַ טראָפּן וואָדקא און אַ לעק קאַוויאַר. און ווו וועלן דאָרט די אַמעריקאַנער פּרעסער נעמען אַ סטייק און אַ באָטל סקאָטש, האַ? און צוליב וואָס זאָלן מענטשן בכלל אַוועקוואַרפן גרויסע ביזנעס, ווו מען האַלט כסדר אין איין פאַרדינען בערג מיט געלט, ווי דעם סטאָק עקסטשיינדזש און מאַלע וואָס דאָרטן פאַר אַ גאָלד מינעס און אייל

רעפּינעריעס און זיך אַ לאָז טאָן צו דער נאַרישער לבנה, האַ, איך פֿרעג דיר?

נפתלי: פֿרעגט מיך ניט, ר׳ געצל. האָט רחמנות, ווייל איך קען אייך ניט ענטפֿערן.

געצל: איז דעריבער צוליב וואָס פּטרן אַזעלכע גרויסע געלטערייען און שיקן אויף סכּנות מענער און פֿרויען, טאַטעס פֿון קינדער, נאָר צוליב אָנהייבן ווידער פֿון ששת ימי בראשית, האַ? אַנשטאָט וואָס מען האָט ביז ניט לאַנג געאַקערט מיט דער נאָז די ערד, וועט מען אָנהייבן אַקערן מיט דער נאָז די לבנה.

נפתלי: אָבער, ר׳ געצל, איילט זיך ניט אַזוי. איר באַשולדיקט דאָך די גאַנצע וועלט אין די שפּילערייען און לויט אייערע רייד קומט שוין גאָר אויס אַז די גאַנצע וועלט איז משוגע געוואָרן. מיינט איר טאַקע אַז איר זייט דער איינציקער חכם אין דער וועלט און אַלע די וואָס טראַכטן אויס די ספּוטניקעס און שיסן אַרויף די מענטשן צום הימל זיינען טיפּשים?

געצל: יאָ, אוודאי איז די גאַנצע וועלט משוגע, און דו אויך. ווייל אַזעלכע מענטשן ווי דו און דיינע פֿירער האָט מען שוין לאַנג געדאַרפֿט אַוועקשיקן אין אַ משוגעים־הויז, דורס זיין האָט מען אייך געדאַרפֿט, פּאַסן האָט מען געדאַרפֿט שניידן פֿון אייך. יאָ, איר אַלע — די וועלט און דו זייט משוגע און ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע צו האָבן מיט אייך אַן עסק, מ׳טאָר אפֿילו ניט זיצן נאָענט צו אייך. (רוקט זיך אָפּ פֿון נפֿתלין און רוקט זיך צו צום יונגגמאַן מיטן נאָטיץ ביכעלע) און מיט אַזאַ ווי דו וויל איך פֿון היינט אָן קיין מגע משא ניט האָבן. אָט זיצט דאָ גראָדע אַ ייד דערביי און ווי איך פֿאַרשטיי זייט איר אַ שרייבער, איר האָט אַלץ געהערט, פֿרעג איך

איך, איך בעט אייך, זאָגט איר אַליין צי די וועלט איז קלאָר אָדער משוגע און צי איך בין גערעכט אָדער ער, אָט דער שלים־מזל?

יונגערמאַן: ווילט איר וויסן מיין מיינונג? איר זייט ניט גערעכט, דער ייד איז ניט גערעכט און די וועלט איז אוודאי ניט גערעכט. און ניט איר, ניט ער און ניט איך וועלן שוין די וועלט ניט איבערמאַכן. אויף אַזאַ וועלט זיינען מיר געבוירן געוואָרן און אויף אַזאַ וועלט וועלן מיר אַלע שטאַרבן.

געצל (שפרינגט אויף פאַר כעס): גוואַלד, יידן, האָט רחמנות, ווו געפין איך זיך דאָ, אין אַ משוגעים הויז? טפו! (שפּאַנט אַוועק מיט האַסטיקע טריט).

(פאָרהאַנג).

צום גט

אַ שפּאַס אין איין אַקט

(אַ בית־דין שטיבל. ביי דער וואַנט אַ שראַנק מיט ספרים. אין מיטן צימער אַ טיש, באַדעקט מיט אַ סאַמעטענעם אָפּגעקראָכענעם טישטעך. אויפן טיש אָנגעוואָרפענע ספרים. ביי אַן אָפענעם דיקן ספר זיצט דער רב, מיט אַ ווייס הדרת פנימדיקער באָרד. פון זיינע ביידע זייטן צוויי דיינים. קעגנאיבער זיי זיצן אויף שטולן מאַן און ווייב. ער — אַן עלטערער ייד אין די זעכציקער, זי — אַ סך יינגער פון אים).

רב: זאָגט נאָר, ליבער ייד, ווי לאַנג אַ שטייגער איז שוין ביי אייך נאָך דער חתונה?

ער: ווי לאַנג, רבי, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט? נו, הממממ, ווי לאַנג מיינט איר איז עס שוין? עס מוז שוין זיין אַ קימא לן פון אַרום נאָענט צו 40 יאָר, און אפשר...

זי (רייסט איבער): אידיאָט! הערט ניט, רבי, וואָס ער רעדט. שוין ביי אים 40 יאָר גאָר. קענסט דאָך אפילו ניט ציילן ריכטיק. ס'איז נאָך אפילו קיין 30 יאָר אויך ניט. גרינג זיך אָפּצוריידן — 40 יאָר.

ער: אַזוי גאָר — קיין 30 אויך ניט. איז וועדליק דיין כרעמזל וויפל דאַרף שוין זיין אַלט אונדזער עלטערע טאָכטער חווה, האַ, בעל־כרעמזל? איז זי דען ניט אַלט קיין 32? נו, און איידער חווה איז געבוירן געוואָרן האָבן מיר דאָך געהאַט נאָך אַ קינד, — אַ יינגל, וואָס האָט זיך געפּעלט.

זי: שוין געהערט אַזוינס? מ י ר האָבן געהאַט אַ קינד. רבי, זאָגט שוין איר אַליין, איז דאָס ניט קיין שלימזל, האַ? אַ גרויסן חלק האָט ער אַריינגעלייגט? מיר האָבן געהאַט.

ער: שאַ! ווי זי האָט זיך עס אַ ביסל צעיאַכמערט. ווילסט ניט מיר, טאָ זאָל זיין דו — דו אַליין. וואָס נאָך האָסטו שוין געוואָלט, אַז אויך

איך זאָל האָבן און טראָגן? איצט, רבי, קענט איר זיך שוין אַליין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז, אַז זי וואָלט אפילו געוואָלט אַז אנשטאט איר זאָל איך זיין מעוברת, האָבן קינדער און זיך מיט זיי ניאַנטשן (קוקט בייז אויף איר).

זי (לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער): ביסט טאָקע אַ יידענע, אָבער טראָגן קענסטו אַ מכה.

רב: איך בעט אייך, מאַכט ניט קיין לייטישע געלעכטער דאָ אין בית־דין שטוב. איר זייט געקומען צו אַ דין תורה און דאַרפט זיך ניט קריגן, עס פּאַסט ניט. איר זאָלט וויסן זיין, אַז כל זמן קיין גט איז נאָך ניטאָ זייט איר מאַן און ווייב לפי הדין. און איך וויל אייך זאָגן, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אַקוראַט וועגן טאָג ווען איר האָט חתונה געהאַט, נאָר דער בית דין וואָלט וועלן וויסן וויפל יאָר אַן ערך איז שוין נאָך אייער חתונה?

זי: איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט, רבי, אַרום 30 יאָר.

ער: ווידער 30! מ׳קען דאָך פון איר פּלאַצן!

זי: נו, פּלאַץ, גלייך אויף אַן אָרט, ווער לאָזט דיר ניט?

ער: עס האַלט שוין ביי די 40 און ביי איר איז נאָך אַלץ 30. הערט איר, רבי, איך בין זיך דאָ ניט געקומען קריגן, נאָר זי איז שוין אַזוי אַ גאַנץ לעבן. אַז זי וויל ווערט ביי איר פון טאָג נאַכט און פון נאַכט טאָג.

זי: צעקראָכענע לעמעשקע! מיינסט אַז דו וועסט איבעררײדן דעם רבין. מאַך זיך ניט צו מיט דיינע גוטע ריידעלעך. ער וויל זיך ניט קריגן, דער קאַטאַרזשאַן, דער סיבירניק.

רב: איך בין אייך נאָך אַ מאָל מתרה, אַז דאָ איז ניט קיין אָרט צו קריגן זיך. מילא, זאָל שוין זיין. ס'איז קיין חילוק ניט — אַ פּאָר יאָר אַהין, אַ פּאָר יאָר אַהער.

ער: אַז ס'איז 40 טאָ ווי קען זי זאָגן אַז ס'איז 30?

זי: אַז ס'איז 30, טאָ ווי קען ער זאָגן אַז ס'איז 40?

רב: איך קען ניט פאַרשטיין וואָס עס אַרט אייך אַזוי — 30 צי 40? זאָל זיך אייך גאָר דאכטן אַז איר זייט ביידע גערעכט. לאָמיר אָננעמען אַז ס'איז ביי אייך נאָך דער חתונה בלויז 30 יאָר...

ער (רייסט איבער): ווי אַזוי, רבי, קען עס זיין 30, אַז...

רב (לאָזט אים ניט ריידן): אָבער ר' ייד, זייט ניט אַזוי איינגעשפּאַרט. איר דאַרפט הערן וואָס איך זאָג און נאָך דעם וועט איר ריידן. ווי איז נאָר אייער נאָמען?

ער: מיין נאָמען איז שמידזאַק.

רב (צו זיך, פאַרוווּנדערט): שמידזאַק, אַזוי גאָר? זאָל זיין אַזוי (צו די דיינים) רבותי, מיר ווילן נאָר פּאָר אונדזערע בעלי דין קלאָר מאַכן איין זאַך, אַז 2 מענטשן לעבן אָפּ צוזאַמען 40 יאָר, אָדער...

זי (רייסט איבער): וואָס טוט זיך דאָ, ווידער 40? אַז...

רב (בייז): גוואַלד, אישה, לאָזט אויסריידן אַ וואָרט! (קרעכצט) אוי, רבונו של עולם, ס'אַרא איינגעשפּאַרט פּאָר פאָלק! (מיט אַ שטרענגן קול) אין וואָס אונדז גייט דאָ איז: ס'טייטש, ווי קומט מען דאָס נאָך 40 יאָר, אָדער אפילו נאָך 30 יאָר לעבן צוזאַמען און שוין

מיט גרויסע קינדער, זיך גטן? וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין צוזאַמען וועט איר זיך גאָר גטן. אַזאַ זאַך האָט נאָך דער בית דין ניט געהערט. איר מוזט זיך גוט מיישב זיין וועגן דעם ענין.

ער: דעם אמת גיזאָגט, רבי־לעבן, האָט ביי אונדז ניט געטויגט פון סאַמע ערשטן טאָג.

זי (פאַלט אַריין אין די רייד): וואָס מיינט ער פון סאַמע ערשטן טאָג? אַז איך האָב לכתחילה גאָר ניט געוואָלט און אפילו ניט געטראַכט מיט אים חתונה צו האָבן.

ער: טאָ ווער האָט דיר געגוויט זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן, הא, קהל אפשר? הערסט, אַ מציאה געכאַפּט... אָט זיצט טאַקע דער בית־דין, זיי וויסן ניט, קענסטו זיי דערציילן בבאָ־מעשיות, אָבער מיר די אויגן קענסטו ניט פאַרמאַזשען. מיינסטו מ'וואָלט דיך אויס־געכאַפּט?

זי: רבי, גלייבט ניט דעם ליגנער! ער האָט מיר פאַר דער חתונה צוגעזאָגט הרים וגבעות, ער וועט אַקערן מיט דער נאָז די ערד. ער האָט זיך ביי מיר געבעטן איך זאָל מיט אים אונטער דער חופה גיין. ער פלעגט מיר נאָר האַלדזן און קושן, דער מארזיאַוועץ. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר האַלטן ווי אַ פּרינצעסין.

ער: איך האָב איר צוגעזאָגט, איך האָב איר געקושט און געהאַלדזט? גוואַלד, יידן, ווו נעמט זי אַזוי פיל שקרים? איך וואָלט געדאַרפט משוגע זיין דאָס אַלץ איר צוצוזאָגן, די קראַסאַוויצע. זי איז מיר נאָכגעלאָפן און זיך געבעטן אַז איך זאָל איר אַרויסנעמען, נאָך דעם האָט זי זיך געקליאַנעוועט אַז מיר זאָלן חתונה האָבן — האָב איך רחמנות געהאַט אויף איר, אָבער מער גאָר ניט...

זי: ער איז אַ ליגנער, רבי, אַ זשוליק, גלייבט אים ניט! ער האָט אפילו געסטראַשעט, אַז אויב כ׳האָב מיט אים ניט חתונה, וועט ער זיך אַ מיתה משונה אָנטאָן, ער וועט זיך הענגען, שיסן, סמען. אַזאַ ליידאַק, אַזאַ גראַבער וננ!

ער: איך האָב געסטראַשעט אַז איך וועל זיך שיסן? אַזאַ ליגן! איז דען דיין טאַטעלע ניט געקומען צו מיר זיך בעטן אַז מיר זאָלן שרייבן תנאים?

רב: זאָלט איר מיר ביידע געזונט זיין, איר קריגט זיך אומזיסט. איך פרעג אייך נאָר די שאלה: פאַר וואָס זייט איר פלוצלינג געקומען צום באַשלוס זיך צו גטן נאָכן אָפּלעבן אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען? האָט איר זיך כאָטש מיישב געווען וועגן דעם מיט אייערע קינדער? און ס׳איז דאָך אַ ביזיון פאַר לייטן, פאר שכנים, פאַר יידן.

ער: רבי, עס האָט גלייך ביים אָנהייב ניט געטויגט. ווי זאָגט מען: ס׳האָט געטויגט אויף כפרות, נאָר מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט, האָט ער געמאַכט אַז זי האָט תיכף פאַרשוואַנגערט. הייַנט ווי לאָזט מען איבער אַ שוואַנגערע פרוי און מ׳לויפט זיך גטן? זאָגט אַליין, רבי, בין איך ניט גערעכט?

זי: אַזוי גערעכט זאָלסטו לעבן, באַנדיט. הלוואי וואָלט איך עס דאַן געטאָן, איך האָב טאַקע אויף אַן אמת געטראַכט וועגן זיך גטן, נאָר כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף דעם עופהלע.

ער: הלוואי וואָלט עס אמת געווען, רבי. נו, ווייסט איר דאָך, אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט. און דערנאָך האָט זי אויף מיין ביטערן מזל אָנגעהייבן אַלע יאָר האָבן אַ קינד. און ס׳איז אַוועק אַ סדרה מיידלעך — 4 מיידלעך און קוים איין יינגל. האָב איך דאָך שוין ניט געקענט טראַכטן וועגן אָפּגטן איר אין אַזאַ צייט.

זי: אוי, רבונו של עולם, הלוואי וואָלט ער עס טאַקע געטראַכט, מיין שלימזל.

ער: נו, אַז זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען, האָט מען דאָך געדאַרפט האָדעווען דאָס קליינוואַרג, טאָ ווי האָב איך געקענט ביי זיך פועלן, אַז מיינע קינדער וואָס זיינען געווען ביי מיר ווי אַן אויג אין קאָפּ, זאָלן נאָך קריגן אַ שטיף-טאַטן.

זי: אַזאַ יאָר שוין אויף מיר און אויף מיינע קינדער, ווי ס'וואָלט טויזנט מאָל בעסער געווען אַ שטיף-טאַטע ווי דער טויגעניכטס.

ער: אַז פאַרשטומט זאָל זי ווערן! אַ פיינע זאַך, וואָס ס'ווילט זיך איר. נאָר איך וואָלט קיין מאָל ניט דערלאָזן אַ שטיף-טאַטן צו מאַכן מיינע קינדער פאַר יתומים, נעבעך.

1טער דיין: אָבער זייט זשע מוחל און רעדט צו דער זאַך. איר האָט טענות איינער צום אַנדערן, אָבער פאַר וואָס האָט איר זיך גלייך ניט געגט?

ער: דאָס איז וואָס איך זאָג דאָך: אַז ס'זיינען דאָ אַן אַן עין-הרע 5 קליינע קינדער, דאַרף מען זיי דאָך אויפהאָדעווען, געבן אַ ביסל לערנען, שוכן און קליידן און געבן אַ ביסן אין מויל. און זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ צאַצקע ווי מיינע, זי זאָל אויפהאָדעווען די 5 ברילאַנטן, האָב איך קיין האַרץ ניט געהאַט.

זי: ער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט, דער שלימזל. מאָלט אייך, אַז איך האָב מיינע קינדער געמאַכט פאַר מענטשן און ניט דער טויגע-ניכטס. פיין וואָלט איך אויסגעזעהן.

ער: אוודאי זי, יאָ, טאָמער האָט אַ מאָל געטראָפן אַז כ'האָב אַנגעשלאָגן

אַ קינד, פלעגט זי זיך אַ ווארף טאָן אויף מיר מיט ביטערע קללות, ווי כ׳וואָלט זי געשאָכטן.

זי: וואָסי, ער ווייס דען, דער נאַבאָדי, ווו אײַן און ווו אויס? גלאַט אַז י פאַלן שלאָגן מײַנע אומשולדיקע עופהלעך, אַז אײַנשלאָגן זאָל אים אַ דונער.

ער: און טאָמער פאַרקערט, כ׳האָב יאָ אַרויסגעוויזן אַ גוטע מינע צו אַ קינד, מען איז דאָך אַ טאַטע און אַ טאַטע האָט דאָך ליב זײַנע קינדער, און נאָך אַזעלכע קינדער ווי מײַנע... נו, האָב איך שוין, יאָ...

זי (רייסט אים איבער): ווי זײַנע! איר הערט, רבי, ווי זײַנע! איך בין שוין גאָר ניטאָ אויף דער וועלט, למך?

ער: זאָל זײַן ווי אונדזערע, ווי דײַנע... יאָ, פלעגט זי זיך עס אַ ביסל צעליאַרעמען אויף מיר, און נאָך פאַר די קינדער אין די אויגן: זע נאָר, זע דעם טאַטן, דעם אָ קוואַטש. אַ טאַטע גיט אַ מאָל אַ געשריי, אַ קלאַפּ, אַז אַ קינד זאָל האָבן דרך ארץ, ער זאָל ציטערן פאַר עלטערן, און דער אָ...

זי: נו, זאָגט אַליין, רבי, קען מען דען לעבן מיט אַזאַ מאַנדזשע, אויף מײַנע שונאים געזאָגט געוואָרן! ער ווייס דאָך ניט פון דאַנען אַהין — אָדער דאָס שלאָגט די קינדער ביז זיי האָבן קיין כוחות ניט, אָדער ער שמייכלט צו זיי, ווי אַ נאַרישער פערד.

2טער דיין: רבי, מ׳טאָר עס ניט דערלאָזן. מיר וועלן מיט די אַלע זידלערייען און פלאַפּלערייען צו קיין תכלית ניט קומען.

רב (בייז): אָבער פאַר וואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט? אַז איר זייט

ביידע געווען אַזוי זיכער אַז איר זייט ניט קיין צוגעפּאַסטע פּאָר, האָט איר זיך גלייך געדאַרפט גטן.

ער: אַט דאָס טענה איך דאָך. אַז כ׳האָב דערזען אַז זי טויג ניט, די שלאָק, האָב איך טאַקע גלייך געטראַכט פון גטן זיך, נאָר דאָ זיינען אונטערגעקומען די קינדער. נו, האָב איך באַרעכנט זיך, זאָל זיין אַ ביסל שפּעטער, האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און באַשלאָסן: מממעע, וואָס קען מען טאָן? ס׳וועט אפשר אויסקומען אַזוי אָפּצופינצטערן אַ לעבן, זאָל כאָטש זיין ביז מ׳עט חתונה מאַכן די קינדער. איר טאָרט ניט פאַרגעסן, רבי, אַז דאָס זיינען מיידלעך, גאַנצע 4 מוידן — און דאָס איז גאָר קיין קלייניקייט ניט געווען. נאָר איצט, אַז איך האָב זיי שוין חתונה געמאַכט...

זי: גוואַלד, מענטשן, מ׳קען דאָך פון אים אומקומען. האָט איר שוין געהערט אַזוינס: ער האָט זיי חתונה געמאַכט די מיידלעך. איר הערט, רבי, דער שלימזל האָט זיי חתונה געמאַכט, ווען ניט איך וואָלטן זיי פאַרזעסן געוואָרן ביזן גרויען צאָפּ. זאָל ער טאַקע זאָגן, ווער פלעגט זיך דאָס צומאַכן צו די באַיעס, וואָס פלעגן צו אונדז אַריינקומען. (כיטרע) רבי, דאָס בין איך געווען! ווי נאָר אַ מיידל פלעגט ברענגען אַהיים אַ באַי, פלעג איך אים אַרומכאַפּן ווי מיינס אַ קינד, אַ זיס שמייכעלע, טאָן אַ ווונק מיט אַן אייגל, אים אונטער־טראָגן אַ גלעזל טיי מיט קייק און כ׳פלעג שוין אויסאַרבעטן דעם שידוך, אַזאַ יאָר אויף מיר!

ער: יאָ, דאָס איז טאַקע אמת, דאָס קען זי טאַקע, די אַלטע קלאָפּטע (כלבטע). איר מיינט אַז נאָר צו די קינדערס חתנים פלעגט זי אַ ווונק טאָן מיט אַן אייגל, ווו נאָר אַ שטיקל מאַנצביל פלעגט זי גלייך צעקאָכט ווערן, אַז פאַרכאַפּט זאָל זי שוין ווערן!...

1טער דיין: פּע, ס׳איז אַ חילול השם צו ריידן אַזוינע רייד אויף אַן אייגענער ווייב, שעמען מעגט איר זיך.

2טער דיין: רבי, כ׳מיין אַז עס איז געגוג דאָ אויסצוהערן דעם ניבול־פה צווישן מאַן און ווייב. עס איז שוין צייט צו מאַכן אַ סוף צו זייער שפּילערײַ.

רב: מילא, די רייד בין איך אייך שוין מוחל. דאָס וועט שוין קיינער זיי ניט העלפן. אָבער איך האַלט אַז ס׳איז גלאַט אַ חילול השם אַז יידישע מענטשן אין די עלטערע יאָרן, וואָס האָבן שוין אויסגעגעבענע קינדער און זיינען שוין מיסתמא זיידע און באָבע, זאָלן פלוצלינג אַריינפאַלן אין בית דין זיך גטן.

ער: אָבער זאָגט אַליין, רבי, אויף אייער אייגענעם סאָוועסט, איר זאָגט דאָך, זאָלט איר געזונט זיין, אַז מ׳זאָל זיך ניט גטן, טאָ גיט זשע מיר טאַקע, אדרבה, גיט מיר אַן עצה: ווי אַזוי קען איך לעבן מיט איר? אַז מיט איר איז ניט טאָג און ניט נאַכט, ניט זומער און ניט ווינטער.

דיינים (צוזאַמען): דהיינו, וואָס מיינט איר?

ער: גאָר פון אָנהייב, גלייך נאָך דער חתונה, אַז כ׳פלעג אַהיים ברענגען מיינע פאַרדינטע פאָר גראָשן פלעג איך איר וועלן געבן אויף דער הוצאה, פלעגט זי מאַכן קולות אַז איך צייל איר צו יעדן גראָשן. ביסט אַ קאַרגער, אַ מייזער, פלעגט זי שרייען.

זי: וואָס דען איז ער געווען, דער קאַרגער חזיר? אַז ער פלעגט עפּענען דעם טייסטער און האַלטן אין די פינגער די פאָר אָרעמע פונט, פלעגן אים ציטערן די הענט ביז ער האָט זיי אַרויסגעלייגט פאַר מיר אויפן טיש.

ער: האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז צוליב שלום בית, אָלרייט, וועל איך איר אָפּגעבן דעם גאַנצן קאָנווערט מיט די שכירות, אפילו ניט

עפּענעץ, זאָל זי טאַקע זען אַז כ׳בין ניט קיין קאַרגער און ניט קיין מייזער. איז וואָס זשע מיינט איר איז פון דעם געוואָרן? נאָך ערגער: זי האָט אָנגעהייבן מיך אַרויסשטעלן אויף לייטיש געלעכטער און שרייען אַז כ׳בין אַ גאַרנישט, אַ לעמעשקע, אַ פּאַנטאָפל...

זי: וואָסי, ס׳איז אפשר ניט אמת? איך לאַך נאָך אפילו איצט פון זיינע שטיק.

ער: רבי, אָבער איך האָב אַנדערש געטראַכט. איך האָב געטראַכט אַז אַ מאַן דאַרף דורך ארץ האָבן פאַר זיין ווייב, און פאַרקערט — די ווייב פאַר איר מאַן. פלעג איך איר וועלן ווייזן אַז איך בין באַלעבאָס און זי דאַרף האָרכן וואָס איך זאָג, פלעגט זי אָנהייבן שרייען אַז איך בין אַ דעספּאָט און אַ טיראַן און מאַך איר אַ טויט.

זי: זאָג טאַקע, מיין צדיק, ביסטו עס אפשר ניט געווען גלייך נאָך דער חתונה?

ער: האָב איך זיך באַטראַכט, ווידער די אייגענע מעשה: צוליב שלום בית האָב איך זיך גענומען צוהערן וואָס זי זאָגט. כ׳האָב אַ ביסל פאַרבייגן דעם מאַנצבילשן האָנאָר און געפאָלגט וואָס זי זאָגט, איז טאַקע אַרויסגעקומען שלעכט, מער ווי צעקראָכענע לעמעשקע און צעקוועטשטער פּאַנטאָפל האָב איך אַ גאַנצן טאָג ניט געהערט.

זי: און ס׳איז טאַקע פון דיר מער ניט געבליבן ווי אַן אויסגעלאַטעטער פּאַנטאָפל.

ער: איר הערט, רבי, דאָס האָט זי אַזאַ מויל געקראָגן ווייל כ׳פלעג איר צו פיל נאָכגעבן. אָט, למשל, ווען כ׳בין געווען יונג, אין יענע צייטן האָב איך געהאַט אַ טבע און פלעג רויכערן סיגאַרעטן, פלעגט זי טענהן אַז זי קען דעם רויך פון מיין מאַכאָרקע ניט פאַרטראָגן;

אַז איך בין אַ גראָבער יונג און האָב ניט קיין מאַניערן; אַז איך בלאָז איר דעם רויך אין די אויגן.

זי: אפשר איז דאָס אַ ליגן, האַ? איך פלעג שיעור ניט דערשטיקט ווערן פון זיין רויך.

ער: נו, זעט איר, רבי, זי איז דערווייל ניט דערשטיקט געוואָרן. אָבער איך האָב זיך ניט געוואָלט קריגן, פלעג איך אַריין אין צווייטן צימער, פאַרמאַכן די טיר און דאַן פאַררויכערן, האָט זי מיך אָנגעהייבן רופן „מרוק״.

זי: האָט איר שוין געהערט עפּעס אַזוינס? וועלכער מאַן פאַרשפּאַרט זיך דאָס אין אַ צימער און לאָזט איבער זיין ווייב אַליין, באַזונדער, אַן עלנטע און פינצטערע?

ער: האָב איך טאָקע אין גאַנצן אויפגעגעבן דאָס רויכערן, רבי. עס האָט מיר געקאָסט אַ סך געזונט, זי אָבער לאָזט היינט ניט אַרויס אירע סיגאַרעטעלעך פון מויל — איינעם פאַרלאָשן און אַ צווייטן אָנגעצונדן, אַז כסדר דאָס שרפהט. און איך דאַרף שמעקן איר רויך און שלינגען עס שווייגענדיקערהייט, די גאַנצע שטוב איז ווי אַ קוימען, אַז מען קען פשוט דערשטיקט ווערן.

זי: ווייל היינט איז אַזאַ מאָדע, אַז פרויען רויכערן מער ווי מענער. וועלכע לייטישע פרוי רויכערט עס היינט ניט? מ׳וועט דאָך קוקן אויף מיר ווי אויף אַ פאַרצייטיקע אָפּגעלעבטע יידענע, אויב איך וועל ניט רויכערן.

ער: הערט איר שוין, רבי, ווי זי פירט זיך היינט. די ערשטע צייט נאָך דער חתונה פלעג איך נאָך אין אָוונט אַ מאָל אַרויסגיין צו אַ נאָש בראָט — אַ מאָל אַ קערטל, אַ מאָל אַ בייסקאָפּ — מ׳איז דאָך ניט

מער ווי אַ מענטש; אַ מאָל נאָך דער אַרבעט פֿלעג איך זיך אַרײַנ־כאַפּן אין באַר פֿאַר אַ גלעזל ביר, פֿלעגט זי אויף מיר נאָך דעם קערן וועלטן, אויסגיסן די תּוכחה. קיין אַנדערע נעמען ווי קאַטאָר־זשניק, הולטײַ, שיכּור, האָב איך בײַ איר ניט געהאַט. נו, איז אַ וווּנדער אַז...

זי: ביז אַ פּעני פֿלעגט ער פֿאַרשפּילן אין קאָרטן, פֿאַרזשליאָקענען, דער פֿינצטערער שלימזל. און נאָך וואָס מיינט איר איז ער געלאָפֿן אין בײַסקאָפּ? די נאַקעטע פּיסלעך דאָרט...

רב און דיינים (פֿאַרשטאָפּן די אויערן): טפֿו, טפֿו, אישה! הערט אויף אַזוי צו ריידן.

ער: נו, איר הערט דאָך איר לשון. האָב איך דערזען אַז זי מאַכט מיר אַזעלכע וויסטע סקאַנדאַלן, האָב איך באַשלאָסן אַז כ׳וועל אויפֿהערן שפּילן קאָרטן און גיין אין בײַסקאָפּ. צוליב שלום בית, האָב איך געטראַכט, וועל איך בעסער זיצן אין שטוב. האָט זי מיך אָנגעהייבן פֿאַרמסרן פֿאַר אירע קומושקעס אַז איך בין אַ טויטער מענטש, אַז רק כּסדר זיץ איך נאָר אַהיים. און דאַן ערשט האָט זי זיך אַרײַנגע־לאָזט אין דער קאָרטן־שפּיל — טאָג און נאַכט. ראַמי אין דער פֿרי, צו לאַנטש, צו סאַפּער און ביז האַלבע נאַכט. זי איז קיין מאָל אין שטוב ניט געווען, זי איז געווען נאָר אין „גיים״. מיט איר איז אָדער גאָר אָדער גאָר ניט. זי ווייס קיין מאָס ניט.

זי: און מיט דיר איז ניט אָדער גאָר אָדער גאָר ניט?

ער (קרעכצט אָפּ): אוי, רבי, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן אָפּלעבן מיט אַזאַ מרשעת וועל איך שוין מסתּמא קיין חיבוט הקבר ניט דאַרפֿן לײַדן.

זי: נו, זעסטו, אויף עפּעס טויג איך דאָך נאָך. רבי, זאָגט אַליין, דאַרף ער מיר ניט אַ דאַנק געבן? ווען ניט איך וואָלט ער דאָך פֿאַרפֿוילט

גערוואָרן אין גיהינום און קיין מאָל קיין טשאַנס ניט געהאַט אַרויס־צוקריכן פון קבר און אַ שמעק טאָן דעם טעם פון גן־עדן.

ער: זי האָט מיר קיין מאָל ניט פאַרגינט דאָס לעבן. די ערשטע צייט פלעג איך נאָך ברענגען אין שטוב אַ מתנה אַ מאָל, האָט זי אָנגע־הייבן גוואַלדעווען אַז איך בין אַן אויסברענגער. האָב איך אויפגע־הערט ברענגען פאַר איר טשאַקאַלאַדקעלעך, האָט זי מיך געזידלט אַז איך בין קיין מענטש ניט, אַז איך בין אַ פּאַסקודניאַק און אַ בלאָטיקער חזיר.

זי: זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר וואָס פאַר אַ מיאוסער חזיר דו ביסט.

ער: און וואָס איז געווען שפּעטער, אַז די קינדער האָבן אָנגעהייבן אַרומקריכן און אַרומשפּרינגען און איך האָב זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט זיי. דאָן האָט זי אָנגעהייבן זאָגן, אַז דערציִען קינדער איז ניט מיינע ביזנעס, אַז דערציִען קינדער דאַרף אַ מאַמע.

זי: אַ נייער דערציִער, דער טויגעניכטס! וואָס וואָלט אַרויסגעקומען פון די קינדער?

ער: האָב איך שוין איבערגעלאָזט דאָס דערציִען די קינדער פאַר דער בריה, פלעגט זי אויף מיר אַרויספאַלן מיט אַ מויל: אַ טאַטע ביסטו, אַ שמאַטע ביסטו!

רב: הכלל, זאָל עס שוין זיין ווי איר ווילט. איך זע אַז מיר וועלן מיט אייך דאָ קיין זאַך ניט מאַכן. בקיצור, מ׳וועט מוזן אָנגיין מיטן גט. וואָס זאָגט איר, דיינים?

דיינים (צוזאַמען): מסכים, רבי, מ׳וועט מוזן אָנגיין מיטן גט!

ער: פון דער אַנדער זייט, רבי, אויף דער עלטער... ווי בלייבט מען אַליין... עלנט ווי אַ שטיין?

זי: ער וועט בלייבן עלנט? און איך? וואָס וועט פון מיר ווערן?

רב: איז די בעסטע זאַך זיך ניט גטן, זאָל בלייבן ווי געווען.

טאָכטער (לויפט אַריין פּארסאפּעט): מאַ, דעד, מזל-טוב! נאָר וואָס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון חוהן, פון קייפּטאָון, אַז זי האָט געבוירן אַ ייִנגל. ער איז אַ טשעמפּיאָן: וועגט גאַנצע אַכט מיט אַ האַלב פונט.

ער (טאַנצט פאַר שימחה): אַזוי, אַן אייניקל אַ ייִנגל, עס וועט זיין אַ ברית! מזל טוב דיר, ברײַנע!

זי: מיט מזל זאָלסטו לעבן, מיין ליבער מאַן!

רב און דיינים: מזל טוב, מזל טוב! זאָלן זיין שמחות ביי יידן! דעם גט וועלן מיר שוין ניט מאַכן היינט.

ער און זי (כאַפּן זיך אַרום, קושן זיך): אָפּלייגן, אָפּלייגן, אם ירצה השם ווען משיח וועט קומען.

(פאָרהאַנג)

א י נ ה אַ ל ט :

זייט

אַ פאַרענטפער־וואָרט פון מחבר — — — — — — — — — — 9

להתראות — — — — — — — — — — — — — — — 15

מ׳רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן

כ׳האָב אים גוט צורעכט געמאַכט — — — — — — — 22

אַ געראָטענער שלים־שלים־מזל — — — — — — — 31

אויף אַ קאָנצערט פון יהודי מנוחין — — — — — — — — 38

מ׳ווּעט זיך מוזן גטן — — — — — — — — — — — 48

דערציאונג מיט פּסיכאָלאָגיע — — — — — — — — — 58

אויף יענער וועלט — — — — — — — — — — — — 66

ער איז אים מבקר חולה — — — — — — — — — — 77

מאָדערנער בריוונשטעלער — — — — — — — — — — 85

אויס מיט לעבעדיקע צייטונגען — — — — — — — — — 103

לכבוד פּסח

רעדע פון ערנעסט בעווין — — — — — — — — — — 117

כנגד ארבעה בנים — — — — — — — — — — — — 127

די טענות פון אליהו הנביא צו גאָט — — — — — — — 148

אויף וואַקאַציע

מיין ערשטע האַלידיי — — — — — — — — — — — 156

אַ פאַרשטערטע האַלידיי צוליב נודניקעס — — — — — — 178

אונדזער קולטור קלייזל

ווי צו פייערן דעם 20־טן יאָרטאָג פון יונא — — — — — 198

איך ווער אַ רעדאַקטאָר פון אַ לעבעדיקער צייטונג — — — — 206

איינאַקטערס

די וועלט איז משוגע — — — — — — — — — — — 212

צום גט — — — — — — — — — — — — — — — 224